STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02066

DOS KLEYNE MENSHELE, ODER

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02066-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657020668T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דאס קליינע מענשעלע

אדער

א לעבענסבעשרייבונג

פון

יצחק אברהם תקיף.

(גאר אין גאנצען אויף דאס נייא איבערגעמאכט).

געדרוקט בהשתדלות

מענדעלי מוכר ספרים

ווילנא

ברפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ט לפ"ק

ДОСЪ КЛЕЙНЕ МЕНШЕЛЕ

т. е.

Маленькій человѣчекъ

Сочиненіе Ш. Я. Абрамовича.

ВИЛЬНА,
Типографія Вдовы и бр. Роммъ.
Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.
1879.

Дозволено цензурою Кіевъ. 26 Октября 1878 года.

א.

„מה שמכם?“ דאס איז די ערשטע שאלה, וואס א יוד פרעגט דעם אנדערען, גאר א ווילד פרעמדען, ווי באלד ער בעגעגענט זיך מיט אים און שטעקט איהם אפ א שלום עליכם. קיינעם געהט בשעת מעשה גאר אויף דער מחשבה נישט ארויף, אז מען זאל זיך קענען אנרופען א שטייגער: „וואס איז אייך ר׳ קרוב אזוי דא געלעגען צו וויסען וויא איך הייס? מיר ווילען דען איינער מיט דעם אנדערען זיך משדך זיין? איך הייס וויא מען האט מיך א נאמען געגעבען און לאזט מיך געמאך.“ אדרבה, די שאלה „מה שמכם“ איז א גאנץ נאטירליכע זאך, עס ליגט אזוי אין דער טבע, אקוראט וויא א טאפ צוטאן יענעמס נייע קאפאטע מיט א פרעג: וואס קאסט איין ארשין? וויא צו בעטען א פאפיראס בשעת יענער עפענט אויף זיין טייסטעריל מיט טיטון; וויא אריינצושטעקען די פינגער אין יענעמס פושקעלע און נעמען א שמעק טאבעקע; וויא אריינצוקריכען מיט א פיס אין יענעמס ביטעל, איינטונקען דארט דאס פארשמאלצעוועטע פאטשווילכען און רייבען דער מיט דאס לייב; וויא צוצוגעהן וואו צוויי מענשען שמועסן צווישן זיך, צולייגען איין אויער און הערען זייער שמועס, אדער וויא א פרעג צו טאן איינעם פלוצלים פון דער העלער הויט מכח זיינע געשעפטען און אנווארפען זיך אויף יענעם מיט עצות, חאטש יענער האט גאר אין זיי כלל זיך נישט געניטיגט און קען אהן זיי זיך אויך בעגעהן. אזעלכע און כדומה נאך אזעלכע זאכען זענין גאנץ געוויינטליך, אזוי איז דער סדר העולם פון אייביגע צייטען און אנצורופען זיך אקעגען דעם וואלט אויסגעקומען עפיס טאקי ריין משוגע, עפיס משונה ווילד גאר שלא כדרך הטבע. נישט נאר אויף דער וועלט, אפילו אויך דארט אויף יענער וועלט איז ביי יודען איינגעערדט, אז תיכף ביים אריינשטעקען אהין א פוס איז דעם מלאך־הדומה׳ס ערשטע שאלה: מה שמכם, ר׳ קרוב? דער מלאך, וואס האט זיך געראנגעלט מיט יעקב אבינו, ער אפילו האט נישט משנה געווען פון דעם סדר העולם און איהם באלד טאקי א פרעג געטאן וויא ער הייסט? היינט א פשיטא שוין א מענש א בשר ודם. איך וויים זעהר גוט, אז ביי מיין ערשטען ארויספאהר אין דער יודישער ליטעראטור מיט מיינע מעשיות וועט געוויס דעם עולם׳ס ערשטע שאלה זיין: מה שמכם, פעטער?

מענדעלי

מענדעלי, הייס איך! אזוי רבותים האט מען מיך א נאמען געגעבען נאך מיינעם איין עלטער זיידען פון דער מאמעס צד, ר' מענדעלי מאסקווער, זכרונו לברכה. מאסקווער האט ער אין זיינע צייטען געהייסען דעריבער, וויל ער איז א מאל געוועזען אין מאסקווע איינצוהאנדלען דארט רוסישע סחורה. דאס האט אים פארשאפט אין זיין ווינקעל א נאמען און גרויס כבוד, אלע האבען אים געהאלטען פאר א געניטען, וועלטליכען מענשען און מען פלעגט בשעת עפיס א נויט און ביא א פראשעניע אנשרייבען מיט איהם פריהער זיך יישב זיין, נאר ניסט דאס בין איך אויסען.

דערמיט אבער בין איך נאך נישט יוצא. נאך דער דאזיגער ערשטער שאלה הייבען ביא יודען ערשט אן זיך צושיטען נאך אלערליא שאלות, וויא א שטייגער: פון וואנענט איז א יוד? זענט איהר א בעווייבטער? האט איהר קינדער? מיט וואס איז אייער האנדעל? און וואהין פאהרט איהר? וכדומה נאך און נאך אזעלכע מיני שאלות, וואס אזוי איז שוין אנגענומען געווארען בכל תפוצות ישראל זייא צופרעגען אויב מען וויל א פנים האבען פאר לייט אז מען איז איין אויסגעריבענער מענש, נישט קיין באנק קוועטשער, און וואס מען מוז על פי מענטשליכקייט דארויף ענטפערען אזוי וויא א גוט יאהר אויף איינעמס א גוט שבת אדער גוט יום טוב! איך וויל מיט א וועלט נישט איינרייסען און בין בערייט אויף דיא דאזיגע שאלות אויך צוענטפערען קורץ און גיך וויא נאר מעגליך.

אליין בין איך א געבוירטיגער פון צ ו ו י א ט ש י ץ, א קליין שטעטעל אין טעטעריוקער גובערניע, בעריהמט מיט איהרע גוטע בהמות און נאך מעהר מיט דעם צוויאטשער להבדיל, וואס מיט איהם קלינגט דיא וועלט. נישט דאס בין איך אויסען. אין מיין פאספארט שטעהט איך אלט 52 יאהר, נאר בעשטימט וויפיל איך בין אלט קען איך אייך נישט זאגען. מיין טאטע מיט דער מאמען עליהם השלום זענען שטארק מחולק געוועזען אין דער רעכענונג פון מיינע יאהרען, נאך זייא ביידע בין איך געבוירען געווארען צום ערשטען ליבטיל בשעת דער גרויסער שרפה פון דיא קלייטען, נאר נאך דעם טאטענס חשבון איז דאס געוועזען בשעת דיא גרויסע קרירות זענען פארשלעפט געווארען אין אונזער ווינקעל, פונקט אין דער צייט, ווען דער א ל ט ע ר זכרונו לברכה איז נסתלק געווארען, און דיא מאמע פלעגט אויסווייזען, אז דאס איז גאר געוועזען מיט א יאהר צוויא נאך דער ערשטער בהלה, נישט היינט גידאכט. א סימן אפילו, דענסמאל האט זיך ביא אונז געקעלבט דיא רויטע קיה און זאת חנוכה האט זיא פאר א האלב

שטע מיל

שטעטיל געמאכט מילכיקע וואַרעניקעס, וואס מען האט פון זייא געלעקט די פינגער אונ ליגען בייא א טהייל אלטע יודען נאך אי היינט אין טעם. נישט דאס אבער בין איך אויסען. די פרימעטעס מיינע אין מיין פאספארט זענין אזוי: די וואוקס א מיטעלע; האר, ברעמען גרויא; אויגען קארע; די נאז, דער מויל מיטעלמעסיג; א באַרד א גרויע; דאס פנים א ריינס; אסאבייע פרימעטעס נישטא. דאס הייסט אין גאנצען בראסט גארנישט, א מענש וויא געוויינטליך דאס רויב מענשען, נישט קיין קאטער, קיין בהמה חלילה. אי, די קשיא איז, גלאט א פאספארט גאר אהן פרימעטעס וואלט דאך אויך דאס אייגענע בעוויזען, אז מען איז א מענש? ווארים וואו האבען דען בהמות פאספארטען? דער תירוץ איז אבער, אז קשיות פרעגען איז קיין שכל נישט. הערסט־דוא, דער גאנצער שכל איז דאך טאקי, אט נאט אייך פרימעטעס אונ ווייסט פאהרט נישט וואס פאר א פנים איך האב.... אונ באמת טאקי, לאמיר זיך נישט נארען, וואס וועט אייך ארויסקומען אז איהר וועט שוין וויסען א שטייגער, אז מיין שטערען איז א הויכער מיט א סך קנייטשען, אז מיינע נאזלעכער זענין זעהר גרויסע אונ עפיס משונה, אז איך קוק מאך איך דערבייא צו אביסיל די אויגען וויא א קורצזיכטיגער, אונ אז איך פארציא די ליפען זעהט עפיס אויס וויא איך שמייכעל מיט א שטעכענדיג געלעכטעריל. גלויבט מיר, מיין ווייב אפילו פאר אונזער חתונה, האבין אזעלכע קלייניגקייטען אויך כלל נישט אינטערעסירט. מען האט איהר געזאגט: מזל טוב כלה, דוא האסט א חתן! אונ גענוג. וועמענס עסק דען איז דאס יענעמס א נאז, יענעמס א פנים? וואס מאכט עס אויס אונ וועמען געהט עס אן? מילא ווייסט איהר דאך אגב שוין רבותי, אז איך בין א בעווייבטער. קינדער, פארשטעהט זיך דאך ממילא אז איך האב אונ אהן עין־הרע נאך פיל, ווארים וואו האט איהר א בעווייבטען יודען ער זאל נישט האבען לכל הפחות א האלב טוץ קינדערליך? בפרט נאך איין ארעממאן. האנדלען האנדעל איך מיט רומעל, דאס הייסט מיט חומשים, מחזורים, סידורים, סליחות, תחינות וכדומה אזעלכע מיני ספרים. דערבייא געפינט זיך בייא מיר אלערלייא מעשיות — אונ אביסיל פון היינטיגע מיני ביכליך. איך האב איבערגעהאט אין מיין לעבען א סך מיני פרנסות: באלד ביים אראפגעהן פון קעסט בין איך געווארען א חלפן דער נאך א בשמים קרעמערעל, א שיינקער, א מוכר־תבואהניק, א מעקלער אונ א מלמד, איך האב מיך געווארפען, וויא דער שטייגער איז פון יודען, אויף אלע זייטען אונ בין געווען, לא עליכם, א גרויסער אביון. וויא זאגט מען עפיס, א סך מלאכות אונ ווייניג ברכות. ביז לסוף האב איך מיך גענומען צו ספרים

אונ

און בין דער פון שוין אַ צייט מיט יאָהרען, ברוך השם זעהר שיין זיך מפרנס. חוץ רומעל פיהר איך נאָך מיט מיר בערשטעטער טליתים, טלית־קטנ׳ס, כפול־שמונהדיגע ציצית, רצועות, שופרות, הייעליך, מזוזהליך, וואַלפּציינדליך, קמיעליך, קינדערשע בליטשקענע שיכעליך און יאַרמולקעליך, און אַ מאָל אויך מעש און קופּערוואַרג. וויא אַרום מעש און קופּער וואַרג קומט צו ספרים ווייס איך אַליין נישט, נאָר אַזוי איז שוין ביי אונז איינגעפיהרט מכּמה וכמה שנים, פונקט וויא אַ יודישער מחבר מוז אַמאָל אויך זיין אי אַ שדכן, אַ פוילישער שמש אין אַ קלייזעל מוז דערביי דאָרט האַלטען אַ קליין שיינקעל, וויא אַ סבאַרשטשיק מוז אַ מאָל אויף אַ שמחה ביי דיא פיינע־בריות קאָכען פיש און זיין אַ סאַרווער, וויא עפּיס אַ כלי־קודש מוז דאָס רוב זיך אָפּגעבען מיט פּראָטעקעס, פאַרקאָכען אַ מאָל אַ קאַשע און וויא אַ ליאַד גבירייל מוז האָבען חלק אין דער טאַקסע . . נישט דאָס בין איך אויסען. יאָהרענלאַנג בין איך אונטער וועגענס. איך פאָהר אַרום אין גאַנץ פוילען און בין דאָרט פול אין אַלע שטעדט און שטעטליך. מען קען מיך ברוך השם אומעטום וויא אַ בייזען שילינגער. איהר וועט מיך דאָרט טרעפען שטעהענדיג מיט מיין ביידעל דאָס רוב לעבען בית־המדרש. מיין פערדיל שטעהט אויסגעדרעהט מיט דעם פּנים צום וואָגען און עסט, אויב ער האָט נאָר, סיטשקע פון איין אויסגעשפּרייטען לאַנטוך, וואָס איז צוגעבונדען פון איין זייט צו דיא קאָזלעס און פון דער אַנדערער זייט צו ביידע אין דער הויך אויפגעשטעלטע האַלאָבלעס יודישע קינדערליך פאַרגנבענען זיך שטילערהייט און רייסען געשמאַק סטרינעס פון זיין עק נעביך, און ער שלימזל שטעהט זיך גאַנץ רוהיג, עס זאָל דאָס איהם אָנהייבען צוואַרען, ער לאָזט אַ מאָל דערביי אַראָפּהייגען דיא אונטערסטע ליפּ און עס דאַכט זיך נאָר דענסטמאָל, ער לאַכט עפּיס מיט ציין, נאָר וויא להבדיל אַ מענש. אַז מאַכט זיך אַ מאָל ער האָט נישט וואָס צו עסען, שטעהט ער זיך פאַרטראַכט מיט אויפגעשטעלטע אויערען און קוקט אין ביידעל אויף דיא ספרים עפּיס אַזוי, אַז מען וואָלט געמעגט שווערען ער פאַרשטעהט דרינען זעהר גוט מיט זיין פערדישען מוח און געהמט עס אויף זיינע כלים אפשר נאָך פיל בעסער וויא איין אַנדער בעהעלפער מחילה. נישט דאָס בין איך אויסען

דאַכט זיך איך האָב שוין מיינם יוצא געוועזען, אַלסדינג איך אָפּגעזאָגט און מעג שוין אָנהייבען מיין ספור המעשה. איבעריגענס בין איך דאָך נישט מעהר וויא אַ מענש, אפשר האָב איך עפּיס פאַרגעסען מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, אויף מיין וואָרט, אַז וויא באַלד איך וועל מיך נאָך דער מאַהנען וועל איך עס גאַנץ געוויס

צושטעלען

צושטעלען אין איינע פון מיינע מעשיות, וואס איך האב בדעה מיט גאטס כח איינע נאך דער אנדערער אפצודרוקען. אונ ווייטער אויב עמיצער וועט וקיין צייט ניט האבין אונ טאקי באלד וועלען וויסען כל שורש דבר, איטליכם פיטצעלע, מעג ער זיך מטריח זיין צו מיר צושרייבען אונ וועט בעקומען פון מיר אין גיכען א קלאהרע תשובה. מיין אדרעס איז: מענדעליו יודעלאוויטשו מוכערו ספארעמו אוב צוויאטשיטשו. דעם טיטעל גאספאדינו יעווריעיו בעדארפט מען נישט שרייבען, מען וועט אזוי אויך וויסען.

שאט, שאט רבותים! עיקר שכחתי. גוט חלעבין וואס איך האב מיך בעצייטענס ארומגעקוקט, דער מנהג פון אונזערע יודישע מחברים איז, וויא איטליכען איז בעקאנט, אריינצושטעלען זייערע ווייבער דיא צנועות אין זייערע ספרים בפירוש מיט דיא נעמען, אדער מיט א המצאהלע דורך ראשי תיבות אונ אפצולויבען אין טאג אריין זייער גוטסקייט אונ פרומקייט. בכן וועט איהר דאך אוודאי וועלען וויסען לכל הפחות וויא מיין ווייב הייסט אונ וועט טאקי זיין זעהר גערעכט.

שאט, זיא הייסט יענטע!

ב.

איצונד רבותים, אז מיר האבען שוין אביסיל זיך בעקענט, זייט מוחל אונ שטעלט אייך פיר מיך, מענדעלי מוכר ספרים, וויא איך שטעה מיר אסייענצייט מיט מיין ביידעל ערגיץ אויף א וועג, שטארק פארטראכט אונ ריהר מיך נישט פינם ארט. אפשר וועט איהר וועלען מיינען אז מיין ביידעל האט זיך איינגעריזנעט אין בלאטע אונ איך טראכט דא וויא אזוי עס ארויסצושלעפען, ניין! דאס איז געווען טאקי היינטיגס יאהר תרט״ז, וואס מען מעג איהם פארשרייבען אין דיא קראניקעס פאר א וואונדער מיט זיין טרוקענעם זעהר שיינעם אסיען. אין דרויסען איז געווען נאר זומער, ווארעם, לויטער. בהמות האבין זיך געפיטערט אויף דיא פעלדער, פון וועלכע עס האט געדיכט ארויסגעשפראצט יונגע גרינע תבואה. דיא ביימער האבען אויף זיך געהאט א געל־גרין העמדעל, ערטערווייס אפילו מיאוס אפגעבליאקעוועט, צוהאקט, צופאלען מיט אויסגעטריפעלטע לעכער, נאר דאך האבען זייא נישט געהאט נאך בדעה אויסצוטאן זיך אין גאנצען נאקעט אויף צושלאפען זייער געווייניטליכען הארטען שלאף דעם גאנצען ווינטער. אין דער לופט זענין אומעטום געפלויגען לאנגע ווייסע פעדים פויטינע, א סימן אויף גוטער שיינער פאגאדע, האטש דער לוח האט געשריבען

אויף

אויף המארגע טעג, קאלטע רעגענס און בלאטע. ער האט, זאל ער מוחל זיין, נישט געטראפען, געזאגט וויא דער שטייגער איז, א גרויסען ליגען. נישט דאס בין איך אויסען. אפשר וועט איהר ווייטער וועלען מיינען, אז איך בין געשטאנען מיט מיין בידעל ווייל איך האב נישט געוואוסט דעם וועג. נאך א מאל ניין! איך האב זעהר גוט געוואוסט, אז דארט וואו דער וועג צוטהיילט זיך נעהמט מען זיך רעכטס קיין גלופסק און לינקס ערגיץ אנדערש אין א שטעטיל. נאר וואס דען זשע? פשוט איז פשוט איך האב מיר קיין עצה נישט געקענט געבען אין וועלכער זייט זיך צוצונעהמען. איך האב געהאט טעמים פאהרען קיין גלופסק, צומאכען דארט עפים א שטיקל חלוף און אפצוזעטצען דארט סטאטשקעס און וועקסעלע חנופה לעכטליך, אקעגען זשע האב איך ווידער געהאט טעמים צופארען אויפן יריד דארט אין שטעטיל, און מחמת דעם בין איך געבליבען שטעהן אויפן וועג נישט אהין נישט אהער, אזוי וויא אין דער קלעהם. טראכטענדיג האב איך מיך גראד פארקוקט אויף מיין פערדיל, וואס איז געשטאנען זעהר רוהיג, געקראצט דעם האלז אין דער האלאבלע און איז פונם שטעהן א־פנים שטארק צופרידען געוועזען. איך האב געקוקט אויף איהם עפים מיט אזעלכע אויגען, גלייך וויא איך וואלט פארלאנגט פון איהם עפים איין עצה. און באלד איז מיר טאקי איינגעפאלען איבערצוגעבען דיא גאנצע זאך דעם פערדיל, וויא ער וועט וועלען אזוי זאל זיין. לאכט נישט, לאכט נישט רבותים! אז מען איז אמאל מסופק און מען ווייסט נישט וואס צוטאן פארלאזען זיך קלוגע אפילו אויף משונהדיגע מיטעל. זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס איז אזוינס א פאטש טאן זיך, אין אזא פאל, אין שטערען און מאכען אויף דער האנט קנייטשען? אדער וואס שטעקט אזוינס נאך אין אנדערע אזעלכע גורלות און אלערלייא סימנים? א נאר אפילו גילט דענסמאל זעהר שטארק, מען פרעגט איהם און מען נעהמט אן זיין עצה. עס טרעפט זיך אין דער וועלט זעהר אפט, אז קלוגע גיבען זיך איבער נאראנים אין דיא הענד און לאזען זיך פון זייא פיהרען. איך קען א סך אזעלכע נאראנים, וואס שפילען א ראליע און דווקא ביא סוחרים, לייטישע מענשען... נישט דאס בין אין אויסען. איך האב א שמיטץ געטאן דאס פערדיל, אפגעלאזט דיא לייצען און איהם געלאזט געהן פרייא, פיהרען מיך וואהין ער וויל. ער האט זיך גענומען רעכטס אויף דעם וועג קיין גלופסק. נוא, האב איך מיר געטראכט און א מאך געגעבען מיט דער האנד, פיהר מיך, פיהר מיך, אפשר בימט־דוא גערעכט. אז דיר געפעהלט גלופסק לאז זיין גלופסק!

דינסטאג פריא נאכן דאווענען בין איך אנגעקומען קיין גלופסק און

בין

בִּין מִיר , וִויא מַיין שְׁטֵייגֶער אִיז , צוּגֶעפָארֶען גְלַייךְ צוּם בֵּית־מֶדְרָשׁ • אֵיידֶער נָאךְ אִיךְ הָאבּ אוֹיסְפֵּייעֶט אַ נָאז אוֹיסְשְׁנַייצֶען הָאבֶּען זִיךְ אַ לָאז גֶעטָאן צוּ מִיר יוּדֶען אוּנ בַּעֲלֵי־הַבַּיתְלִיךְ , דֶער מִיט אַ שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, יֶענֶער אַ קוּק אִין בֵּיידֶעל, אֵיינֶער מִיט דֶער שְׁאֵלָה , דֶער אַנְדֶערֶער מִיט אַיין אַנְדֶער שְׁאֵלָה , דֶער אַ טַאפּ , דֶער אַלַאפּ , וִויא דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן יוּדֶען • דִיא וַוייסֶע חֶבְרָה , דִיא תַּלְמוּד־תּוֹרָה יוּנְגְלִיךְ הָאבֶּען זִיךְ פְּרֶעהְלִיךְ לֶעבֶּעדִיג גֶעוִוויטֶעט מִיט מַיין פֶערְדִיל , גָאר פְרַיינְדְלִיךְ מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶוען זַייעֶר אַלְטֶען בֶּעקַאנְטֶען אוּנ שׁוֹין אֲפִילוּ זִיךְ דַבִּיוֶועט רַייסֶען סְטְרִינֶעס פוּן זַיין וַויידִיל • אוֹיפְן שׁוּלְהוֹיף הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן רֶעדְלִיךְ מֶענְשֶׁען , עֶפִּים הַאמְפֶּערְט מֶען זִיךְ , מֶען הָאט וָואס צוּטָאן , מֶען שְׁמַייעֶסְט, מֶען לַאכְט , מֶען זָארְגְט אוּנ שִׁיקֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ • בַּאלְד הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע רֶעדְלִיךְ זִיךְ צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אִין אֵיין רֶעדִיל , עֶס הָאט גֶעאַרְבֶּעט , גֶעקְעהְרְט , גֶעפִּילְדֶערְט , גֶעמַאכְט מִיט הֶענְד אִי מִיט דִיא פִּיס , אוּנ בַּאלְד אִיז דָאס צוּנוֹיפְגֶעשְׁטִיקְטֶע רֶעדִיל צוּשְׁפְּרִינְגֶען גֶעוָוארֶען, וִויא אַ זֵייפ־בּוּלְבֶּע, אוֹיף קְלֵיינֶע רֶעדְלִיךְ • אַ־פָּנִים סְ׳אִיז עֶפִּים גֶעשֶׁעהְן • אַז מֶען קְלִינְגְט אִיז אַ חָגָא • אִיךְ בִּין שְׁטַארְק צִיקַאוֶּוע גֶעוֶוען צוּ וִויסֶען וָואס טְהוּט זִיךְ דָא אַזוֹינְס , אִיךְ בִּין דָאךְ עֶפִּים אוֹיךְ אַ יוּד , מַיין נְשָׁמָה אִיז , וִויא זָאגְט מֶען עֶפִּים , נִישְׁט פוּן קְלָאטְשֶׁע, מֶען בֶּעדַארְף אִין דֶער וֶועלְט אַלְסְדִינְג הֶערֶען , אַלְסְדִינְג שְׁמֶעקֶען • עֶס קוּמְט אַ מָאל צוּנִיץ • עֶס זֶענִין דָא זֶעהְר פִּיל יוּדֶען , וָואס צִיהֶען זַייעֶר שְׁטִיקֶעל פַּרְנָסָה דֶערְפוּן, וָואס זַייא שְׁטֶעקֶען אוּמֶעטוּם אַרַיין דִיא נָאז אוּנ שְׁמֶעקֶען ; וָואס וואו צְווייא זֶענִין זַייא דְרִיטֶע אוּנ פָאדֶערֶען אַ חֵלֶק, אָדֶער הֶעפּ, וִויא מֶען רוּפְט עֶס אוֹיף זַייעֶר לָשׁוֹן • יַחְדָו אִיז אַ יוּדִישֶׁע זַאךְ • נִישְׁט דָאס בִּין אִיךְ אוֹיסֶען • אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַ נַייא רֶעדִיל, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען לֶעבִּין מִיר , אִיז מִיר אַרַיין אִין אוֹיעֶר אָט דֶער דָאזִיגֶער שְׁמַייעֶס :

— אָ־וַוא , אָ־וַוא ! בָּרוּךְ דַיָּן אֱמֶת ! נָאךְ כִּמְעַט גָאר אַ יוּנְגֶער מַאן , אִיךְ מֵיין אַרוּם אַרְבָּעִים • אָ־וַוא , אָ־וַוא ! סְטֵייטְשׁ אַזָא מֶענְשׁ , אַזָא מֶענְשׁ !

— מֵילָא וָואס זֶשֶׁע זָארְגְט אִיהְר זִיךְ דָא אַזוֹי רֶב אַבְרָהָמְצֶע אוּנ קֶענְט זִיךְ נֶעבִּיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטֶען ? פִּישׁ , אַ טְהַייעֶרֶע זַאךְ ! אַ שֵׁיינֶע , רֵיינֶע כַּפָּרָה, חָלֶעבִּין ! וָואס אִיז דָא אַזוֹי מִיט אִיהְם דֶער יִחוּס ? טַאקִי בֶּאֱמֶת טַאקִי וֶוער אִיז עֶר אַזוֹינְס גֶעוֶוען ?

— בַּייא דִיר יָאסִיל אִיז אַלְץ נִישְׁט קַיין טְהַייעֶרֶע זַאךְ , אַלְסְדִינְג נִישְׁט קַיין יִחוּס ! מִסְתָּמָא אִיז טַאקִי ר׳ אַבְרָהָמְצֶע גֶערֶעכְט • סְטֵייטְשׁ , סְטֵייטְשׁ אַזָא מֶענְשׁ, אַזָא רֵייכֶער אַ גַאנְץ רֵייכֶער מֶענְשׁ ! אַ רַחֲמָנוּת , וִויא אִיךְ בִּין אַ יוּד , אַ רַחֲמָנוּת !

נאט

— נאַט אײַך אַ נײַעם בעל רחמים לײבּצע טעמעס! באַסעװעט אונטער ר׳ אַבּרהמצען און װײַזט אַרױס װיא אַײן עהרליכער יוד, זײַן רחמנות. זאָג נאָר, װאָס האָסט דוא דאַרטען דאַרטען פֿריהער געזאָגט לײבּצע?

— געזאָגט?! װאָס יאָסיל האָב איך געזאָגט, איך? אדרבה יאָסיל װאָס, װאָס אדרבה ....

— טאַקי אדרבה ואדרבה, דוא אַלײן לײבּצע, טאַקי דוא אַלײן האָסט אָקאָרשט מיִן דײַן כּשר מײַלכען געזאָגט: „אױך מיר אַ מענש איציק אַבּרהמיל תקיף! ער איז געװען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, נישט מוחל זײַן, אַ גראָבּער יונג, אַ בּלוטזױגער, אַ רמאי, אַײן אַכזר און דערצו נאָך אַבּיסיל חושים.“

— װאָס איך, יאָסעל?! עט? עט... אַ גוטען טאָג! איך האָב אָסור נישט קײַן צײַט.

— אַ גוטען טאָג, אַ גוט יאָהר! הא? קומט ר׳ אַבּרהמצע אין בּית־מדרש אַרײַן, לאָמיר דאָרט נעהמען צובּיסליך בּראָנפֿין. דער שמש האָט הײַנט אַ גוט בּיסעל בּראָנפֿין.

— זעהסט־דוא יאָסילע אַבּיסיל בּראָנפֿין שאַדעט טאַקי אפשר נישט. הא? האָסט הלעבּין קלוג געטאָן יאָסילע, װאָס דוא האָסט אַזױ גוט מכבד געװען דאָ דעם ליגנער. לאָמיר זיך נישט נאַרען, באמת טאַקי װאָס איז ער דאָ אַזאַ פֿאַרנעהם? ער איז, עליו השלום, געװען אַײן עם הארץ, אַ קאָבּלעפּעל, אַ בּערײַסער, אַ פּיאַװקע. ער האָט נישקשה געננג פֿרעמד געלד איבּערגעלאָזען!

— אָט דערפֿאַר ר׳ אַבּרהמצע האָב איך אײַך טאַקי ליב. זעהט איהר, דערפֿאַר טאַקי װאָס איהר האָט תּמיד ליב צוזאָגען דעם אמת ....

„נײַן, נײַן! האָב איך געהערט שרײַענדיג נאָך פֿון אַ רעדיל מענשען, דאָס איז פֿאַר איהר נישט־קײַן שידוך, איך האָב פֿאַר איהר אַײן אַנדער שידוך. עס װעט מיט גאָטס הילף געהן ס׳איז איהר איבּערגעבּליבּען אַ פֿאַרמעגען, זיא האָט אַ געבּליאַטעװעטע כּתובה און מײַנער װעט זיא מיט גאָטס כּח נעהמען, חאַפּען מיט בּײדע הענד.

„יחדו, יאָקיל גרונם! איך בּין דאַרױף אױך געפֿאַלען. יחדו! יודען זײַט עדות!

„אַ רוח אין דײַן טאַטענס טאַטען אַרײַן! „האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול און דאָס רעדיל איז זיך צופֿלױגען.

איך האָב אױסגעשפּאַנט דאָס פֿערדיל, איהם אומגעקעהרט צװישען דיא האָלאָבּלעס מיט דעם פּנים צום װאָגען, אונטערצופּאַסען

עס

עס מיט אביסיל סיטשקע און דער נאך האב איך מיך גענומען צו דער ארבייט, אויסצופאקען מיין בידעל. נאר קוים וואס איך האב געמאכט א שטיקעל סדר, ארויסגעהאנגען פון ביידע זייטען בויד א קרענציל קמייעליך, בליטשקענע יארמולקעליך, עטליכע פעקליך ציצית און ארויס דערטאפט א סטאטשיק א טלית־קטן וכדומה איז דער בית־דין שמש געקומען צולויפען הענדום פענדום אין איין אטהעם.

— אוי גוואלד ר' מענדעלי! שלום עליכם ר' מענדעלי! דער רבי זאל לעבען האט אייך זעהר שיין געלאזט בעטען, איהר זאלט גיכער צו איהם זיך מטריה זיין מיט אייער כבוד. גיכער, טאקי גיכער ר' מענדעלי!

דאס וואס דער רב איז אזוי גיך געוואהר געווארען אז איך בין געקומען, דאס גראד איז מיר קיין חידוש נישט געוועזן, ווארום גלופסק איז א יודישע שטאדט, און יודען דערגעהן זיך תמיד אלסדינג געשווינד, לאז איינער ביי זיך אויסריידען עפיס אווארט, באלד טאקי ווייסט מען עס אויף דער צעהנטער גאס און מען צוטראגט עס אויף טעלערליך, א סך גיכער וויא דער טעלעגראף. א חידוש איז מיר נאר געוועזן, וואס בעדארף מיך אזוי דער רב האבען? און צו וואס האט ער נאך מיר געשיקט דעם בית־דין שמש אין אזא איילעניש? באלד אבער איז מיר ארויף אויפן זינען, א דין תורהלע, דא מוז עפיס זיין א קרעטצעלע און עס האט מיר א טיאכקע געגעבען אין הארצען! ווארים וואו האט איהר דען א יודען, וואס ער זאל נישט פיהלען ביי זיך אין דיא געשעפטען עפיס א מכהלע, וואס מען זאל נישט קענען צו איהם נעביך זיך זוכען? נישט דאס בין איך אויסען. איך האב איבערגעמישט אין קאפ מיינע געשעפטען און מיר איז אריין אין דער מחשבה דער מחותן, אפשר טשאטעוועט אויף מיר דער מחותן, וויל מיך צווינגען איינצולייגען דעם נדן און וויל וויסען איין עק, א סוף. דער מחותן מיינער איז א פראסטער מענש, ער מיינט וואס עס שטעהט אין די תנאים מוז מען האלטען און וואס מען האט זיך מתחייב געוועזן מוז מען טאקי סילוקין. ער פארשטעהט נישט דער נאר, אז דאס אלסדינג איז לאו דוקא, עס געהט אזוי נאר אין שמיעס, גלאט אזוי פון איידעלקייט וועגען. מען בעדארף זיך ברייט שטעלען מיטן פולען מויל, עס זאל פאר דער וועלט א פנים האבען, וויא אונזערע טאטעס און זיידעס האבען זיך נוהג געוועזן....

נישט דאס בין איך אויסען. אדער, האב איך געטראכט, אפשר גאר חלילה דער מוכר ספרים! יענער מוכר ספרים, מיט וועלכען איך האב פאר א יאהריגען זומער געשטעכעוועט אויף פארלעגערטע מינים, איך האב איהם אין חילוף אנגעגעבען הגדות, תיקון שבועותליך, הייעליך

וואלפציינדליך

וואלפציינדליך , היינטיגע נייע מעשיות , שמאכטעס , קייא אונ שפייא , אונ ער מיר : מענה לשון'ס , תפילה זכה'ס , חנה בת טובים , מעש , מחזורים , וכדומה נאך מיני ספרים . א קשיא אויף א מעשה אפשר האט ער זיך ארומגעקוקט אז ער האט זיך גענארט אונ וויל איצט טענהן א מקח טעות , אויסצומאנטען בייא מיר עפים ! גאט זאל שומר ומציל זיין האבען צוטאן מיט א היגען מוכר ספרים . עס קען צוזעטצט ווערען דיא גאל פון זייערע טענה'ס אונ תביעות ! נישט דאס בין איך אויסען . הכלל ס'איז מיר געווארען אויפן הארץ עפים נישט פרעהליך . אהער אהין , מען מוז דאך געהן . מיישב האב איך מיך געוועז מיטצונעהמען א פאר סטאטשקעס , עטליכע קליינינקייטען , גאר א שפאגעל נייע תחנה , אפשר וועט דאס דער רביצין טויגען אונ מיר צוניטץ קומען .... נישט דאס בין איך אויסען . אויף מיין פערדיל בין איך געוועזן עפים ברוגז , וואס איהם איז געפעהלען געוועזן גלופסק , דער פאר האב איך איהם מכות אונטערגעשאטען סיטשקע , איהם דערלאנגט א זעטץ אין דער מארדע מיט עטליכע שטעכווערטליך אונ איבערגעבענדיג איהם מיט דעם ביידיל אונטער דעם שמש השגחה בין איך אוועקגעגאנגען אין בעס , זאלען איהם זיינע גלופסקער יונגליך רייסען סטריגעס וויפיל זייער הארץ גלוסט . רעכט אויף איהם , ער האט אזוי געוואלט . אז איהם איז ניחא איז מיר אויך ניחא , וואס פאר א דאגה איך האב .

וויא איך האב נאר געעפענט ד'א טיהר אונ אריינגעטראטען מיט א פוס צום רב אין שטוב איז ער מיר געלאפען אקעגען מיט א קול :

— אוי , ר' מענדעלי ! אוי , שלום עליכם ר' מענדעלי ! טאקי נאר איין גאט האט אייך געבראכט אהער פונקט אין דער צייט וואס איהר זענט אונז נייטיג , טאקי שטארק נייטיג ליבער , הארצעדיגער ר' מענדעלי ! ר' מענדעלי , דאס איז מן השמים , דאס איז בעשיינפערליך טאקי א נס ר' מענדעלי ! איהר האט געטאן א גרויסע חכמה , וואס אצינד גראד , זענט איהר אנגעקומען ר' מענדעלי !

דיא גרויסע חכמה האט געטאן נישט איך מענדעלי , נאר מיין פערדיל . אזוי האב איך דעמאל צו מיר אליין געלאכט אונ זיך איבערגעבעטען אין הארץ מיט מיין שלימזאלניק , דאס פערדיל נעביך . אויף דין תורות , וויא עס האט גאנץ קלאהר אויסגעזעהן , האט מען מיך דא נישט גערופען , נאר וואס דען זשע ? דאס האב איך נישט געקענט טאקי פארשטעהן . איין אנדערער וואלט זיכער געמיינט , אז מען האט דא שטארק ארויסגעקוקט אויף זיין ביידעל מיט סחורה , נאר איך אבער בין נישט קיין מלופם קינד אונ ניט ערשט נעכטען פונם איי ארויסגעקראכען אז איך זאל מיך נישט קענען אנשטויסען . איהר זאלט וויסען א כלל ,

דיא

דיא וועלט בעשטעהט אויף אפנארעכץ. דער וואס בעדארף האבען עפים א נייטיגע זאך, מאכט זיך קלאמערשט געפייגערט, אזוי וויא דיא זאך טויג אים לחלוטין נישט, בכדי ער זאל עס קענען קויפען בחצי חנם. ווען למשל איינער געניטיגט זיך אין אמחזור דינגט ער קלאמערשט א סליחה, א קינה, א פעקיל ציצית, דער וייל טהוט ער א חאפ אויף קאטאוועס דעם מחזור, גיט קלאמערשט אבי אט א קיק און לייגט עס אנידער מיט א קנייטש און מיט א שמייכעלע: אט פאר א קלייניגקייט וואלט איך עס אפשר אויך געקויפט. גלויבט מיר, דיא גאנצע וועלט איז א מארק, איטליכער זוכט מציאות, איינער ביים אנדערען אפצורייסען; איטליכער וויל יענער זאל פארלירען און ער זאל געפינען; איטליכער מיינט קודם־כל זיך און ערשט דערנאך, אז גאט האט איהם געהאלפען חאפען מציאות, אזוי צי אזוי, און צומאכען א גליק, ערשט דענסמאל אז קריכט איהם שוין פונם האלז, מיינט ער — טאקי נאר זיך.... נישט דאס בין איך אויסען. איך האב אין דעם רב׳ס פנים מיך אנגעשטויסען, אז קויפען וויל ער ביא מיר כלל נים. זיסט, וואלט ער דאך נישט ארויסגעוויזען אז ער האט אויף מיר ארויסגעקוקט. אמת טאקי, דער רב איז א כשרער, ארענטליכער מענש, אזא יאהר זאל איך האבען, אבער אויף דער וועלט מוז מען דאך נארען. אפילו דיא מלאכים האבען געמוזט ביא אברהם אבינו נאכטאן דעם סדר פון דער וועלט, ניאכלו און זייא האבען געטאן טאן גלייך וויא זייא האבען געגעסען, נישט דאס בין איך אויסען.

דער רב, זאל לעבען, האט מיך אנגענומען ביא דער האנד און אריינגעפיהרט צו זיך אין זיין בעזונדער שטיבעל. דארט זענין געזעסען דיא דיינים, אויך א סך נגידים עפים אזוי וויא פארטראכט. נגידים זענין אפילו תמיד אביסיל פארטראכט, פארזארגט, און קוקען אויף יענעם מיט א מרה־שחורה פנים עפים אזוי, אז ווערד פארקיהלט אין בויך, עס גלוסט זיך אוועקגעהן און זייא מעהר נישט אנקוקען. איך וויים אסור נישט אז מען האט געלד וואס האט מען דא אזוי צוטראכטען, צוזארגען און צומאכען אזא ערענסט פנים? דאכט זיך, צו געלדצעהלען, בעדארף מען עפים נים האבען אזעלכע הויכע געדאנקען. מען קען, דאכט זיך, האבען אין קאסטען געלד און קוקען אויף א מענשען גלייך, נישט מיט קיין קרום פנים וויא סרעדא נא פיאטניצא... מילא גארנישט, נישט דאס בין איך אויסען.

— רבותי! האט דער רב זיך געווענדט צו דיא דיינים און צו דיא נגידים בזה הלשון: איך האב אייך מטריח געווען צו מיר איבער א דבר גדול, נאר אזוי וויא על פי נס איז ר׳ מענדעלי גראד היינט געקומען

אין

אין אונזער קהלה , כּבֿן האָב איך מיך מישב געוועזן , צולאָזען אייך א רגע וואַרטען ביז איך וועל מטריח זיין צו מיר אונזער ר׳ מענדעלין , וואָס ער איז שטאַרק נייטיג צום ענין . זייט־זשע מיר הונדערט מאָל מוחל . הײנט רבותי , אַז מיר אַלע זענין דאָ וועל איך אייך דערצעהלען א דבר פּלא .

איך האָב אָסור נישט געקענט פאַרשטעהן וואָס זאָל דאָס בעטייטען . איך האָב אפילו אָנגעהויבּען זיך שטאַרק וואונדערען וואָס זאָל דאָס אין אמת אַריין טאַקי בעטייטען ? נאָר איך האָב מיך ווידער טאַקי מישב געווען לאָס איך נישט זיין אזוי נייציג , איך וועל עלטער ווערען נאָך א ווײלע וועל איך דאָך שוין אַלסדינג וויסען . דער רב האָט נישט לאַנג שיהות געמאַכט , אַרויסגענומען פון דער בוזעמקעשענע עפּיס א היבּש פּעקיל פאַפּירען און געזאָגט כּהאי לישנא :

— זעהט רבותי ! דעם דאָזיגען פּעקעלע פאַפּירען האָט מיר הײנט פאַרטאג צוגעשיקט דיא נײע אלמנה , יצחק אַבֿרהם׳ס ווײב . ער האָט אָנגעזאָגט פאַרין טויט , אַז תיכף נאָך יציאת נשמה זאָל מען עס מיר איבּערגעבען . קוקט זייט מוחל , רבותי , דאַרויף אויבען שטעהט בּפירוש אָנגעשריבּען מײן נאָמען . איך וויל לאַנג נישט מאריך זיין , ליבּער וועל איך עס אייך באַלד טאַקי איבּערלייענען . זיצט ר׳ מענדעלי ! לייגט , זייט מוחל , אַנידער אײערע סטאַטשקעס אַט־אָדאָ אויף דער פּאַלעצע און זעצט זיך געזונטערהייט דאָ אַקעגען .

אין שטיבּעל איז געוואָרען שטיל , מען האָט נישט געהערט קיין פּיפּס . אַלע האָבען אויסגעשטעלט דיא אויגען , אײנגעהאַלטען דעם אָטהעם און שוין געגאַרט הערען וואָס דער רב וועט לייענען . מעשה שׂטן אָבּער האָט דאָס בּייגעל , אויף וועלכען דער רב האָט מיך געבּעטען זיטצען , בּעדאַרפט האָבּען א צובּראָכען פיסעל , וויא באַלד נאָר איך האָב מיך דאַרויף געזעצט בּין איך געפאַלען און דורכדעם איז געוואָרען א שטיקעל עכּוב .

ג.

אַז איך האָב מיך שוין גוט אַנידערגעזעצט האָט דער רב זאָל לעבּען צונומען דיא פאַפּירען , א גלעט געטאָן עטליכע מאָל דאָס בּערדיל מיט אַלע פינף פינגער , א מאַך געגעבּען מיט דיא אַקסלען און אָנגעהויבּען בּנעימות ריין , קלאָהר , לייענען אָט דיא דאָזיגע ווערטער :

אין דיא דאָזיגע פאַפּירען מײנע , שטעהט מײן גאַנצע לעבּענס־בּעשרייבּונג מיט מײן צוואה , וואָס איך האָב געמאַכט . איך בּעט אייך ,

רבי

רֶבִּי, אִיהְר זָאלְט מְמַלֵא זַיין מַיין בַּקָשָׁה אוּנ מְקַיֵים זַיין אַלְסְדִינְג בִּיז אוֹיף אַ הָאר, וָואס אִיךְ פַאַרְלַאנְג דָא פוּן אַייךְ. זַייט מִיר הוּנְדֶערְט מָאל מוֹחֵל רֶבִּי, וָואס אִיךְ בַּעמִיה אַייֶער כָּבוֹד מִיט אַזָא לַאנְגֶער מַעֲשֶׂה. צוּם סוֹף וֶועט אִיהְר אַרוֹיסְזֶעהֶן, אַז דָאס אִיז חָלִילָה נִישְׁט קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים, אַדְרַבָּה דָאס אִיז זֶעהְר נִיטְצְלִיךְ אוּנ אִיךְ הָאבּ עֶס בֶּעדַארְפְט טַאקִי שְׁרַייבֶּען.

אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶעם שְׁטֶעטִיל בֶּעזְלִיוֶודעוו בַּייא אָרֶעמֶע עֶלְטֶערִין. מַיין טַאטֶען גֶעדֵיינְק אִיךְ נִישְׁט, וָוארִים עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעלֶעגֶען אִין דִיא וִויקֶעלִיךְ. עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען נָאכִין טוֹיט יְרוּשָׁה אַ שְׁלַאף וַוייבּ נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע מִיט אַ הִיבְּשׁ בִּיסֶעל קִינְדֶערְלִיךְ אוּנ מִיךְ נָאךְ אַ צוּגָאבּ. וַוייטֶער גָאר נִישְׁט. אִיךְ הֵייבּ אָן צוּגֶעדֵיינְקֶען וָואס מִיט מִיר הָאט זִיךְ פַּאסִירְט עֶרְשְׁט אִין דֶעם עֶלְטֶער פוּן אַ פִינְף, זֶעקְס יָאהְר. וֶועדְלִיג וִויא אִיךְ גֶעדֵיינְק הָאט מֶען מִיךְ אִין דֶער יוּגֶענְט אַ־פָּנִים נִישְׁט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ גְרוֹיסֶען חָכָם. אַז אִיךְ פְלֶעג עֶפִּים זָאגֶען אָדֶער עֶפִּים טָאן פְלֶעגְט מֶען זֶעהְר לַאכֶען. גֶעבַּאלֶעוֶועט הָאט מֶען מִיךְ כְּלַל נִישְׁט. מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעקוּשְׁט, נִישְׁט גֶעגְלֶעט, נִיט גֶעהַאלְזְט, וִויא אַנְדֶערֶע קִינְדֶר, אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעוֵויינְט הָאט מֶען מִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶענוּמֶען מִיט לַאקֶעטְקֶעס, מִיט צוּקֶערְקֶעלִיךְ, מִיט שְׁפִּילְכֶעלִיךְ, נָאר מִיט פֶּעטְשׁ אוּנ מִיט קְלֶעפּ. דָאס וָוארְט רַחֲמָנוּת הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ שְׁטֵייגֶער מֶען זָאל זָאגֶען: אַ רַחֲמָנוּת עֶר הָאט נֶעבִּיךְ נִישְׁט גֶעגֶעסֶען; אַ רַחֲמָנוּת דָאס פָּנִים אִיז אִיהְם נֶעבִּיךְ גֶעשְׁוָואלֶען; אַ רַחֲמָנוּת עֶר הָאט נֶעבִּיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּהְט, עֶר קוּמְט אָפּ אוּנ וַואלְגֶערְט זִיךְ נֶעבִּיךְ; אַ רַחֲמָנוּת עֶר לַיידְט נֶעבִּיךְ קֶעלְט, עֶר גֶעהְט נַאקֶעט, בָּארְפִּיס; אַ רַחֲמָנוּת עֶס דְרָאזְשֶׁעט אִיהְם דִיא בֵּיינֶער, עֶר הָאט נֶעבִּיךְ נִישְׁט אוֹיף זִיךְ קַיין לוֹיט פְלֵייש. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאר זָאגֶען: קוּקְט נָאר אָן דָאס שֵׁיינֶע פָּנִים, דִיא אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע פַּארְצֶע, דִיא רוֹיטֶע פִּיס וִויא בֶּערִיקֶעס; קוּקְט נָאר אָן דֶעם פְּרֶעסֶער, עֶס גֶעהְט אִיהְם שׁוֹין אִיבֶּער דִיא סְלִינֶע; זֶעהְט נָאר דֶעם שֵׁיינֶעם נֶפֶשׁ, עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן זַיינֶע שְׁטוּטְשְׁקֶעלִיךְ — צַאפְּלֶען, צִיטֶערֶען אוּנ קְלַאפֶּען מִיט דִיא צֵיינְדְלִיךְ.... אַיין אָרֶעמַאנְס אַ קִינְד אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט אַיין אִיבֶּערִיגֶע זַאךְ, אִיטְלִיכֶען גְרוֹיס אִין דִיא אוֹיגֶען, מֶען וִוינְטְשׁ אִיהְם נֶעבִּיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם טוֹיט נָאךְ לִיגֶענְדִיג אִין בּוֹיךְ, מֶען נֶעהְמְט אִיהְם אוֹיף בַּיים גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען וִויא אַיין עֶקְזַאקוּטְצִיֶע, נָאךְ אֵיידֶער עֶר קוּקְט אָן דִיא לִיכְטִיגֶע וֶועלְט אִיז מֶען אִיהְם נֶעבִּיךְ שׁוֹין דַם־שׂוֹנְאִים. אִיז עֶר שׁוֹין דָא הָאדֶעוֶועט עֶר זִיךְ וִויא־עֶס־אִיז אוּנ דֶערְוֶועקְט אֲפִילוּ בַּייא זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערִין נִישְׁט קַיין גֶעפִיל פוּן

רחמנות צו זיך. סידען ווען ער ווערד נעביך מסוכן קראנק ערשט דענסמאל רופט זיך אין זייא אפ דאס מענשענס הארץ, וואס איז פארשטיינערט געווארען פון צרות אי לייד אין דער ביטערער ארעמקייט, ערשט דענסמאל צו ניסען זיך אין זיי די אמתע ריינע עלטערענס-געפיהלען אונ שטעלען זיך פיר דאס גאנצע אומגליקליכע לעבען פון זייער בידנע קינד נעביך, וואס אזא טהייערע, כשרע נשמה איז אומשולדיג פארוויסט, פארשווארצט געווארען נעביך, נישט געהאט קיין גוטע, רוהיגע שעה. זייא מאהלען זיך דאס אלסדינג אוים מיט שרעקליכע פארבען אונ זייער הארץ שרייעט וויינט מיט בלוטיגע טרעהרען. אז א פארשטיינערט הארץ עפענט זיך איז עס נאר א טייך בשעת דאס אייז לאזט אונ עס געהט דיא קריעה — דאס האב איך אין דער לעצטער צייט אליין געפיהלט — עס טראגט, קאכט, רוישט מיט א שרעקליכער קראפט! דאריבער טאקי בעוויינען זעהר אפט ארעמע עלטערען זייערס א קינד א סך שטארקער אונ ריהרענדער וויא דיא רייכע לייט.....

געהאדעוועט האב איך זיך וויא א ווילד פערד אין סטעפ, פארגרעבט פארווילדעט אונ האב אין מיר געהאט דיא אלע מיאוסע קונדייסקע זאכען מיט אלע פישטשעווקעס. איין טבע האב איך געהאט אריינצוקוקען אין מויל בשעת עמיצער האט גערעדט אונ קוקען יענעם אין דיא אויגען. דיא מאמע מיינע פלעגט מיך דערפאר נישט איין מאל הארגענען שלאגען אונ אויסרייסען מיר שטיקער פלייש. א גזאל אז איך בין עפּים געלעגען קראנק אונ דיא מאמע איז צו מיר גוט געוועזן, האב איך מיך שטארק פארקוקט איהר אין דיא אויגען, אונ אז איך האב געזעהן אז זיא לאזט זיך קוקען, נישט צורייידען קיין קרום ווארט, האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטען אונ זיא אפרעג געגעבען: איך בעט דיך מאמע, וואס איז עס פאר אמענשעלע בייא דיר אין דיא אויגען? דיא מאמע האט א שמייכעל געטאן אונ געענטפערט: נארעלע, דאס קליינע מענשעלע איז דיא נשמה! דאס קליינע מענשעלע איז נישטא אין קיינעמס אויגען, נישט אין דיא אויגען פון חיות אונ בהמות נאר אין דיא יודישע אויגען. — דער מאמעס דאזיגער ענטפער איז מיר אריין שטארק אין קאפּ אונ האט אין מיר דערוועקט א סך פרישע צאפּעלדיגע געדאנקען. אז א מאמע זאגט מסתמא וויסט זיא דאך וואס זיא זאגט, זיא איז דאך א מאמע, א גרויסע, אפשר צעהן מאל גרעסער פון מיר, איהר איין פינגער איז גרעבער פון מיין גאנצער האנד. דאריבער האב איך אנגענומען איהרע ווערטער שוין וויא א געוויסע, אויסגעמאכטע זאך אונ דריגען געגלויבט פונם גאנצען הארץ. פון דענסמאל אן איז מיין כח-המדמה שטארק בעשעפטיגט געוועזן מיט דעם קליינעם מענשעלע. עס איז דאך

עפּיס גאר א חדוש , זעהר א ציקאווע זאך ! אין שלאף אפילו האב איך נישט פארגעסען דאס קליינע מענשעלע, עס האט מיר זיך געחלומט , איך האלט דאס קליינע מענשעלע , איך שפּיל מיך מיט דעם קליינעם מענשעלע, איך בין גאר אליין א קליין מענשעלע, שפּרינג אין דיא אויגען וויא א קליין מענשעלע . הכלל דאס קליינע מענשעלע איז מיר נישט ארויס פונם זינען . עס האט מיר עפּיס זיך אזוי געגלוסט אויך צו זיין א קליין מענשעלע . א קאטאוועס א קליין מענשעלע איז דאך דיא נשמה ! אין גאנצען גרויס וויא א פלעה, דאכט זיך א גארנישט און איז דאך דאס חיות , דאס לעבען ! . . . . מיר איז ארויף א געדאנק וויא אזוי דערטאפּט מען דאס קליינע מענשעלע ? און האב אנגעהויבען וועגען דעם שטארק צוטראכטען . איינמאל בין איך געפאלען אויף איין אויבער הסברה . בשעת דיא מאמע האט איינגעבייגען דעם קאפּ ארויסצונעהמען א טעפּיל פונם אויווען בין איך פלוצלים צוגעלאפען וויא א פארמישטער — איך וויים אליין נישט וואס מיר איז דענסמאל געשעהן — און האב איהר פון הינטען אויף גאטס בעראטה א זעטץ געטאן מיט דעם קולאק אין דער פּאטיליצע , כדי דאס מענשעלע זאל איהר פון דיא אויגען חאטש אויף א ווייכע ארויסשפּרינגען . איהר קענט אייך משער זיין וויפיל פּעטש און קניפּ איך האב דערפאר געליזט . א חוץ דעם האב איך א גאנצען טאג נישט געגעסען , ווארים דיא מאמע נעביך האט מיט איהר שטערען צובראכען דאס טעפּיל קאליש . איין אנדערסמאל האב איך געחאפּט נאך א גרעסערען פּסק . ס'איז מיר אריין איין אפּיקורסישער געדאנק אין מיין גלויבען אין דער מאמעס ווערטער , און איך בין ציקאווע געווען אליין צופּריווען , מיך צופּשיקאנען אויב א בהמה האט א מענשעלע צי נים . נוא איז מיינער צוגעגאנגען אויף דער גאס צוא א קיה , און בשעת איך האב מיך גענומען אריינקיקען איהר אין דיא אויגען האט זיא מיך דורם געווען מיט דיא הערנער און שרעקליך שטארק סקאליטשעט , דער צייכען איז מיר טאקי עד היום אויף דער לינקער באק געבליבען . דיא אלע קלעפּ האבען נישט נאר ארויסגעשלאגען , פארקעהרט זייא האבען נאך מעהר אין מיר אריינגעשלאגען דעם געדאנק פון א קליין מענשעלע .

געלערענט האב איך אין דער תלמוד תורה . וואס א תלמוד תורה איז ווייסט איהר זעהר גוט אליין און פארשפּאר עס אייך צושילדערען . דאס איז א קבר אויף צובעגראבען ארעמע יודישע קינדער, צודערשלאגען זייא דיא קעפּ און אפּצורייסען פון דער וועלט ; א פאבריקע אויף צופאבריצירען טויגעניכטסען , ליידיג־גייער , בעטלער , אומגליקליכע נפשות ; דאס איז א וויסטע גרוב , א לאך , איין אומריינע חורבה אויף היהנערשע פּיסליך , וויא געוועהנליך ביא אונז דיא תלמוד־תורות ,

וואָס איז אַ חרפּה,„ בושה . זייא זאָלען טראָגען אויף זיך אזא טהייערען, הייליגען נאָמען . . . וויא מיר דאַכט זיך בין איך נישט געוועזען אַ גראָב יונגעל . ביי אַכט יאָהר לעֶרך האָבּ איך שוין געלערענט חומש מיט חבור, מיט אַלע אוֹ סרייַדענישען פון רש״י, כאָטשע איך בין נאָך שטומפּיג געוועזען אויף דער עברי . אַ־פּנים, מען קען זיך זיין אַ למדן און פון דעסטוועגען פּאָרט אַ גרויסער נאַר, איינס צום אַנדערען האָט נישט . . . דיא מאַמע מיינע פּלעגט מיך רופען שלימזל און איז באמת טאַקי זעהר גערעכט געוועזען . אין דער תּלמוד־תּורה בין איך שלימאַזלדיגער געוועזען מעהר פון אַלע אַנדערע קינדער . דער רבּי, וואָס פאַרדינט אסור נישט אַזוי צוהייסען, האָט זעהר ליבּ געהאַט דעם ענין פון שמייסען, אפשר נאָך מעהר פון אַ טרונק בראָנפּין, ער האָט פּשוט גרויס הנאה געהאַט צופּייניגען, גלאַט אַזוי זיך, דיא פאַרוויסטע, פאַרוואָגעלטע קינדערליך געביך, וואָס זייא זענען אָהן דעם אויך גענוג אָפּגעקומען און קוים וואָס דיא נשמה האָט זיך געהאַלטען אין זייער דאַרען אויסגעדייוערטען גוף . ער האָט געבּראָכען דיא צובראָכענע ביינער, געצופּט, געריסען דאָס דאַרע שטיקעל לייבּ און דער בעסטער חלק קלעפּ איז אין מיר אָנגעקומען . ער האָט צום סוף אויף מיר זיך שטאַרק פאַרעסען מחמת אַ זאַך, מיך געהרגעט געשלאָגען אַזוי, אַז איך בין פון זיינע הענד קוים לעבעדיג אַרויס און געמוזט אויפהערען צוגעהן אין דער תּלמוד־תּורה, דיא מעשה איז אַזוי געשעהן: דער רבּי האָט מיט מיר אין דער סדרא בּראשית אויסגערעט אויף דעם פּסוק „ויאמר למך לנשיו“ אַזוי: למך איז געוועזען אַ בּלינדער, תּובל קין האָט איהם געפיהרט, און אַז ער האָט דערזעהן פון ווייטען זיין זיידען קין האָט איהם זיך אויסגעדאַכט אַז דאָס איז אַ חיה (דער רבּי האָט געזאָגט אַ פוקס, בּכדי דאָס בעסער מסבּיר צו זיין), האָט ער צו דעם בּלינדען, צו למך, געזאָגט, אַז ער זאָל צילען אויף דעם פוקס, האָט ער געצילט און איהם געהרגעט . און אַז למך איז געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז גאָר קין זיין זיידע, האָט ער געפּאַטשט איין האַנד אין דער אַנדערער האַנד און ער האָט דער ווייל זיין זוהן תּובל קין צוקלאַפּט אויף טויט . האָבּען זיינע ווייבער דערפאַר פון איהם זיך פורש געוועזען, דאָס טייטש אָפּגעשיידט, האָט ער זייא איבּערגעבּעטען, ויאמר און ער האָט געזאָגט לנשיו צו זיינע ווייבער עדה וצלה, עדה וצלה, שמען הערט, קולי מיין קול, נשי ווייבער למך, למך! . . . .

ויהי היום איז מיט אַ מאָל געקומען אין דער תּלמוד־תּורה עפּיס אַ דייטש, אַ געגאָלטער, דאַכט זיך פון פּעטערסבּורג. מיט איהם זענען געקומען אַלע גבּאים פאַרהערען דיא קינדער . צום שלים־שלימזל בעדאַרף ער מיר גראָד הייסען פערטייטשען אַ שטיקעל חומש און נאָך דעם גוטען

פּסוק

פָּסוּק „וַיֹּאמֶר לֶמֶךְ לְנָשָׁיו“ ! ווען האָב איך דען גערעדט מיט אַ מענשען
און בִּפְרַט נאָך מיט אַ דייטש , אַ גַלְחַ ? איך האָב געפּלאַטערט ,
געציטערט אַזוי וויא אַ פִישׁ אין וואַסער . עס האָט מיר גערוישט אין דיא
אויערען , געקלאַפּט אין הַארץ , דיא האָר האָבען מיר זיך געשטעלט
קאַפּויר , און אין דיא אויגען איז מיר געוואָרען פינצטער און לעבּטיג
צוּגלייך , אַקוראַט וויא בִּשְׁעַת מען קוקט אין דער זון . איך האָב געפיהלט
אַז איך וועל נישט אין שטאַנד זיין אויסצודערצעהלען אַזאַ גרויסע , לאַנגע
מַעֲשֶׂה מיט לֶמֶךְ'ן און דאָ שטעהט מען איבּערען האַלז , איין קויל : זאָג ,
זאָג ! וואָס זאָל איך טאָן , מען מוז זאָגען . עס האָט מיר פאַרנומען דער
אָטהעם , איך בּין אַרויס מיט דער שפּראַכע , מיך שטאַרק פאַרבּאַלעמוטעט
און אַנידערגעלייגט , מִשְׁטֶעהֶנֶעס געזאָגט , אַ מין טייטש : „וַיֹּאמֶר אַ פּוּקס ,
לֶמֶךְ אַ בּלינדער , לְנָשָׁיו האָבען דיא ווייבּער פון איהם זיך אָפּגעשיידט ,
תּוּבַל קַיִן האָט איהם געפיהרט . עָדָה , עָדָה וְצִלָּה און ער האָט איהם געהרגעט“ —
דער דייטש איז געבּליבּען שטעהן וויא מען קאָכט איינעם אָפּ מיט אָקרעפּ ,
איז אָקאָרשט פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כַּעַס , ער האָט
צוגערופען דעם רֶבִּי און מיט אַ בּייזער איהם געזאָגט : הא , וואָס הער
איך ? וויא זאָ לעהרנען זיא איהרע תַּלְמִידִים ? ! שאַנדע און שפּאָט ! ...
דער רֶבִּי האָט זיך געקראַצט , קאַליפּעט דיא נאָז און געטאַלעפּעטשעט
מיט דער צונג : מיין האַרענקע , דער קנאַב האָט זיך פאַרשראָקען , דער
קנאַב זייא אַ גוטשקער יונגעל אויף נֶאֱמָנוּת ! נוּא , האָט דער דייטש
געזאָגט צוּמיר : פּירבּטע ניכט מיין קינד , עס ווירד דיר ניכטס געשעהן .
זאָגע מיר וַיֹּאמֶר , וואָס טייטש וַיֹּאמֶר ? איך אָבּער האָב שוין נישט
געוואוסט וואָס מיט מיר טהוּט זיך , האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען
וויא אַ לֵיימענער גוֹלֶם און אַ זאָג געטאָן דעם דייטש גְלייך אין פָּנִים :
פּוּקס ! ... מיין איך וַיֹּאמֶר , ער האָט זיך געבּעטען צוּ דיא ווייבּער ....
דער רֶבִּי נעבּיך איז געשטאַנען וויא אין געהאַקטע וואונדען און זיך שיער
נישט בּעגראָבּען אין דער עֶרד פאַר גרויס בִּזָּיוֹן . ער האָט געלייזט פאַר
דאָס זייניגע וויפיל אין איהם איז אַריין און געהאַט אַ ווּיסטען , פינצטערען
טאָג . זיין שווער בּיטער האַרץ האָט ער דערנאָך צוּ מיר אויסגעלאָזען .
פון יענער צייט אָן פלעגט ער תָּמִיד צוּ מיר זיך טשעפּען און מיך שלאָגען ,
מְמִיתִין אויף וואָס דיא וועלט שטעהט , בּיז וואַנען מיר איז שוין אוּממעגליך
געוועזן אויסצוהאַלטען . איך בּין פאַרשלאַפט געוואָרען און אויפגעהערט
צוּגעהן אין דער תַּלְמוּד־תּוֹרָה .

ד.

די מאמע מיינע האט געלעבט אין דחקות און נישט געהאט פשוט מיט וואס א טאג איבערצוקומען. זיא פלעגט ארבייטען זאקען, פליקען פעדערען, זיך שטעלען א מאל פאר א ווארטערען בייא א קינפעטערין און אונטער א פסח וועלגערען מצה. זיא פלעגט טאג וויא נאכט נעביך ארבייטען, טאן, און פון איהר גאנצער ארבייט קוים געהאט וואסער אויף קאשע. ווייבערשע מלאכות האבין אין דער וועלט נישט קיין ווערטה און ווערען זייער ווייניג בעלוינט. ווארים וואס זענין דען ווייבער אין גאנצען? וואס פאר א פנים, וואס פאר א ווערטה האט מישטע ונעם געזאגט דיא גאנצע יודענע, אז זיא איז שוין אפילו א בריה? פון ווייבער, אזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאל קיין גוטס נישט ארויסקומען, זייערע אלע מלאכות האבען נישט קיין שום ממשות. נפים רעכטס אין תוך ארייין גוט אי ניטצליך, איז נישט פארן ווייבען שען מוח... פונם טאטענס ירושה איז געווארען א גוטער סך־הכל: צ וויא מיידליך מיט א יונגעל זענין געשטארבען, מען קען טאקי זאגען, פשוט פאר הונגער, איין גרויסער בחור האט ערגיץ זיך אוועקגעשלעפט און פארפאלען ביז אויף היינטיגען טאג, מען ווייסט נישט וואו זיין גיין איז היינגעקומען. לעבין דער מאמען איז געבליבען א קראנק, שוואך מיידעל. אין גאנצען א צובראכענער שארבען, און איך, שלימזל, וואס איך בין איהר געזעסען אויפן האלז. איין אפעטיט האב איך געווען אהן עין־הרע זעהר א גוטען, דאס ביסעל עסען, וואס איך פלעג פון איהרם נעביך אוועקנעהמען, האט מיר נישט געקלעקט אויף א צאהן. איך פלעג אלין בעטען עסען, עסען! האטש וואס עס־איז, אבי עסען! דיא מאמע נעביך האט געליטען און נישט געוואוסט וואס מיט מיר צוטאן. לייט פלעגען זיא ראטהען מיך אוועקצוגעבען עפיס צו א בעל מלאכה, נאר זיא פלעגט פארוארפען מיטין קאפ און דערבייא ריידען מיט האניך: „א, דיא כפרה בעסער זאל ער ווערען איידער אפצוגעבען איהם צו א בעל מלאכה, צופארשווארצען מיר דאס פנים און דאס פנים פון זיין טאטען דארט אין קבר! זיין טאטע וועט דאך דארט נישט קענען רוהיג ליגען. סטייטש ר׳ טעביל דעם מלמד׳ס א זוהן זאל זיין א בעל מלאכה, איינגעקויפט אין דער חברה פ״צ! ס׳איז דאך נאר א וועהטיג אנהערען צוהערען. א, נישט דערלעבען, נישט דערהערען, רבונו של עולם, זאלען עס מיינע שונאים!״ גאט האט צום סוף דער מאמע געהאלפען מיך אריינצוגעבען אין א קלייט פון צעלניק. זיא איז געווען איבערגליקליך און האט געמיינט, איהר זוהן איז שוין א סוחר.

נאר

נאר איהר זוהן אבער איז נאר געווארען א הונד ! איך וועל עס אייך
באלד טאקי מפורש זיין . מיין עובדא איז געוועזען אנצוהאפען איטליכען,
וואס איז פארביא דורכגעגאנגען מיט א ליארעם , מיט א געשרייא אונ
שלעפען איהם אין קלייט אריין . איז עמיציר פארביא געגאנגען אויף דער
גאס פלעגט מען מיך אנרייצען אזוי וויא א הונד אונ איך האב בעדארפט
ארויסלויפען , שרייען אין איין אטהעם : אהער פאני ! וועבעלנע טיכליך ,
לייןוואנד , שלייקעס , מעסערליך , קאלאשען אמעריקאנישע , ים־שיימנע
שטעקליך , מאנדעל זייף , פאמאדע ! וכדומה נאך אזעלכע זאכען. תחלת
איז מיר דאס געוועזען אביסיל פריקרע , וויא גערהט מען עס גלאט ארויס
שרייען אויף דער גאס אונ פארשטעלען יענעם דעם וועג, ס'איז דאך עפים
משונה ווילד ! איך פלעג אביסיל אונטערפאלשעווען , מאכען דיא שפיל
בקיצור אונ אריינברייגען דאדורך אין בעס מיין בעל הבית מיט דער
בעלהביתטע, וואס פלעגען מיך זידלען , אויסמישען גלייך מיט דער בלאטע
אונ אויסווארפען מיר , אז איך פרעס אומזיסט זייער זאלץ אונ ברויט .
האטש איך נעביך האב געהארעוועט , געארבייט איבער מיינע כחות אונ
געטאן אלערהאנט מלאכות אין קלייט אונ אין שטוב , דערצו נאך בין איך
געוועזען א משרת בייא דיא עלטערע משרתים , פלעג זייא פאלגען אין
פייער , אין וואסער אריין , קריכען זייא אונטער דיא נעגעל אונ בין נאך
זעהר געריען געוועזען אז איך האב דערבייא פון זייא נישט געהאפט קיין
פסק אונ טרוקען פון זייערע הענד ארויס. וועד שמיעסט ווען א משרתיל
פון דער אנדערער קלייט פלעגט א מאל ארויסרייסען א קונה בייא מיר פון
דיא הענד , דא האב איך שוין געמעגט געזעגענען מיט דעם לעבען. אלע
בייא אונז אין קלייט זענען אויף מיר ארויף , דער מיט דער צונג , דער
אנדערער מיט דער האנד אונ מען האט מיר געגעבען וויפיל אין מיר איז
אריין . מיין מאמע אונ דער טאטע , ר' טעביל דער מלמד ז"ל , האבען
דעמסמאל אויך גוט געלייזט , מען האט אן זייא חלילה נישט פארגעסען .
פון עסען אין אזא ביטערען שווערען טאג איז גאר קיין ריידע נישט
געוועזען , איך האב געפאסט , נישט טועם טעם געוועזען . מען האט מיר
אפילו מתיר געמאכט עסען ווערים , קריינק, נאר אזוי וויא עסען ווערים ,
קריינק איז נישט פאר קיין מענשליכען מאגען , האב איך פארבראכט דעם
טאג פשוט אין א תענית . אונ אזעלכע תעניתים פלעגען מיר אפט
זיך מאכען א פאר מאל דיא וואך . אז איך האב א כ״ה געטאן ס'איז
שלעכט , האב איך א נעהם געגעבען זיך צו מיין זאך בשלמות . וויא
באלד אז עמיצער , וואס נאר פאהאזשע אויף א קונה , האט זיך א ווייז
געגעבען פון דערווייטענס , אז מיינער איז וויא איין אפגעריסענער הונד פון
דער קייט געשווינד צו איהם ארויס, פארשריגען איהם דעם קאפ מיט דעם
נאנצעו

גאנצען צעטיל סחורות , איהם פארלויפען דעם וועג אונ געשלעפט בייא דיא פאלעס • איך פלעג אפילו א מאל פון אזעלכען בעקומען א קלאפ , אדער א שפייא אין פנים , נאר איך אבער פלעג מיר טאקי טאן מיין זאך , גלייך וויא מיר איז גארנישט געשעהן • דער נאך האב איך דריגען מיך אזוי איינגעוועהנט , אז דאס שרייען איז בייא מיר געוועזן א חדוה א פרייד , איך פלעג זעהר הנאה האבען ווען עס פלעגט מיר זיך מאכען אריינדערטאפען עפים א פריץ , איהם פארדולען דעם קאפ אונ צווישען דעם צעטיל מיני צעלניק סחורה איהם אויך רעכענען מיט א געשרייא : מאזשע פאני פארישעסקי הארצוועהטיג מייגע אויף דיין קאפ ! פאמאדא , מכות , צרעת דיר פאני !

דער דאזיגער ענין המסחר מייגער אויף דער גאס פלעגט מיך אפט ברייגען אין א סכסוך מיט משרתים פון אנדערע קליטען , וואס פלעגען אויך אנהאפען קונים אונ שרייען • מיר האבען זיך געריסען אין דרויסען, אקוראט וויא אונזערע בעלי־הבתים האבען זיך געריסען צווישען זיך איגוועגדיג אין דיא קליטען איבערן לייזעכטס נישט מעהר מיט דעם חילוק : בייא זייא האט מען געווארפען דיא מקחים , אראפגעלאזען דיא פרייזען , בייא אונז האט מען געווארפען קלעפ , אראפגעלאזען פעטש • אונ אזוי וויא איך בין געוועזן דער קליינסטער , דער שלאפסטער , איז פארעכענט געוועזן פאר א מצוה , דיא אלע בעסטע קלעפ מיט דיא הייסע פייערדיגע פעטש , על פי מענשליכקייט מיר איינעם צו צולאזען • אזעלכע מתנות אבער זענין מיר אין קאריסט נישט געגאנגען אונ פון אזעלכע מצות על פי מענשליכקייט , בין איך אוים מענש געווארען • הגם צו אזעלכע מיני מסחרים איז א מענש נישט אזוי שטארק נייטיג , אהן דעם קען מען אויך זיין א משרת , א מענש , נאר כח , געזונט אבער בעדארף מען דאך טאקי האבען , אונ איך בין געווארען פשוט איז פשוט אוים מענש , דאס הייסט אהן כח , אהן קראפט , קוים וואס איך האב מיך אויף דיא פים געהאלטען • א קאטאוועס וואס איך בין נעביך אויסגעשטאנען ! אין שטוב האב איך בעדארפט טאן , העלפען אין דעם בעלהבאטעשקייט , אין קליט ארבייטען , ראמען , קעהרען , איטליכען בעדינען , איטליכען צופרידען שטעלען , עסען פלעג איך יסורים אונ קלעפ האב איך געלייזט פון פרעמדע אי פון אייגענע • דער גרויסער משרת אין קליט פלעגט מיר נאך מעהר פון אלע טאן צום טויט • איהם איז עפים נישט געפעהלען געוועזן וואס איך געכטיג אין דער קעך , וואהין ער פלעגט זיך שטילערהייט אריינהאפען ער פלעגט זוכען אלץ אויף מיר זאכען וויא מיך פון דארט משלח צו זיין . . . איך בין איהם געוועזן עפים וויא א דארען אין דיא אויגען • פון דעסטוועגען וואלט איך עס נאך אפשר אלסדינג איבערגעטראגען ווען עס זאל נישט

געוועזן

גֶעוֶוען זִיךְ מַאכֶען דִיא מַעֲשֶׂה מִיט אַ קְנֶעפִּיל. אִיךְ הָאבּ אַמָאל דֶערְזֶעהְן
אִין קְלֵייט וַואלְגֶערֶענְדִיג זִיךְ אַ מוּטֶערְפֶּערְלֶן קְנֶעפִּיל, וָואס הָאט גֶעפִינְקֶעלְט,
גֶעלוֹיכְטֶען מִיט אַלֶערְלֵייא קָאלִירֶען אוּנ פַארְשַׁיינְט דִיא אוֹיגֶען אַזוֹי , אַז
אִיךְ הָאבּ בֶּעקוּמֶען צוּ אִיהְם גְרוֹיס יֵצֶר־הָרָע. דֶערְבַּייא אִיז מִיר אַרוֹיף
אוֹיפְן זִינֶען מַיין קְרַאנְקֶע שְׁוֶועסְטֶער , אִיךְ וֶועל אִיהְר עֶס גֶעבֶּען אַ מַתָּנָה,
זִיא וֶועט אַ שַׁבָּת אַ יוֹם טוֹב דֶערְמִיט זִיךְ אוֹיסְפּוּטְצֶען אוּנ זִיךְ בֶּערִיהְמֶען
פַאר אִיהְרֶע חַבֵרְתּוֹת. דֶער דָאזִיגֶער גֶעדַאנְק הָאט מִיר נָאךְ אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען
מֶעהְר חֵשֶׁק אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס קְנֶעפִּיל אוּנ אַרַיינְגֶעלֵייגְט
עֶס אִין קֶעשֶׁענֶע , אִיז דֶער גְרוֹיסֶער־מְשָׁרֵת , וָואס הָאט עֶס אַלְסְדִינְג
פוּן דֶערְוַוייטֶענְס צוּגֶעזֶעהְן , בַּאלְד צוּגֶעלָאפֶען צוּ מִיר מִיט אַ גֶעשְׁרֵייא:
«אַזוֹי שְׁייגֶעץ, גַנָב אֵיינֶער, דוּא לֵייגְסְט אִין קֶעשֶׁענֶע?! זֶעהְט אִיהְר
בַּעלְהַבַּיתְטֶע , הָאט עֶר גֶעזָאגְט , יֶענֶע זַאכֶען וָואס הָאבֶּען גֶעפֶעהְלְט
אִיז אוֹיךְ זַיין מְלָאכָה!» דָאס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט בְּכִוָּון אַרוּפְצוּ־
וַוארְפֶען אוֹיף מִיר אַ־פָּנִים זַיינֶע אֵייגֶענֶע־חֲטָאִים, אוּנ אִיךְ גֶעדֵיינְק וִויא
פוּן שְׁלָאף , אַז עֶר פְּלֶעגְט אַ מָאל טַאקִי אוּנְטֶערְרוּקֶען דֶער דִינְם עֶפִּים
קְלֵיינִיגְקֵייטֶען . . . . קוּרְץ מֶען הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ וִויסְטֶען פִינְצְטֶערֶען
סוֹף, גוּט אוֹיסְגֶעפַּאטְשְׁט אוּנ אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען.

דִיא מַאמֶע הָאט מִיךְ וִוידֶער בֶּעקוּמֶען צוּ זִיךְ צוּ גַאסְט אִין אַ
גוּטֶער , מַזָלְדִיגֶער שָׁעָה! אִיךְ זָאג נִישְׁט אוּמְזִיסְט אִין אַ מַזָלְדִיגֶער שָׁעָה,
וָוארִים יֶענֶע צַייט גְרַאד אִיז גֶעוֶוען דִיא צַייט , וָואס זִיא הָאט עֶרְגִיץ
בַּייא אַ בֶּעקֶער גֶעוֶועלְגֶערְט מַצָה , אוּנ דוּרְךְ אִיהְר חֲשִׁיבוּת אִיז אִיהְר
גֶערָאטֶען , אוֹיסְצוּאַרְבֵּייטֶען דָארְט פַאר מִיר אַ הִתְמַנוּת פוּן אַ גִיסֶער
אוּנְטֶערְצוּגִיסֶען מִיט אַ קְרֵינְגֶעל וַואסֶער דֶעם קְנֶעטֶער , וָואס דֶענְסְמָאל הָאט
עֶס בַּייא מִיר אַזוֹי פִיל פַארְנוּמֶען וִויא דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע פוּן אַ שַׂר
הַמַשְׁקִים. אִיךְ הָאבּ מִיךְ מִיט דֶער שְׁטֶעלֶע בַּייא זִיךְ אִין הָארְץ מְיַהֵס
גֶעוֶוען אוּנ גֶעקוּקְט אוֹיף זִיךְ עֶפִּים מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ , וִויא אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען,
וָואס מֶען בֶּעדַארְף צוּ אִיהְם אָנְקוּמֶען אוּנ זַיין הִילְף אִיז שְׁטַארְק נֵייטִיג.
אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער צַייט אִיז מִיר אֲפִילוּ אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוֶוערְלִיךְ צוּפַּאטְרַאפֶּען
אַקוּרַאט דִיא מָאס וַואסֶער, עֶס זֶענִין דוּרְךְ מִיר חָמֶצְדִיג גֶעוָוארֶען עֶטְלִיכֶע
מְיֶערֶעס אוּנ מֶען הָאט מִיר דֶערְפַאר מִיאוּס אָנְגֶערִיבֶּען אַ נָאז , נָאר דֶערְנָאךְ
אִיז עֶס בַּייא מִיר גֶעגַאנְגֶען וִויא אַ פּוּטֶער , אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעהַאלְטֶען בַּייא
זִיךְ פַאר אֵיין גִיסֶער אִין דֶער וֶועלְט , אֲפִילוּ אִין פַּארִיז קֶען שׁוֹין קֵיין
בֶּעסֶערֶער פוּן מִיר נִישְׁט זַיין. צְוִוישְׁין דִיא מֶענְשֶׁען , וָואס הָאבֶּען בַּיים
בֶּעקֶער זִיךְ אִיבֶּערְגֶעוָוארְפֶען מַצָה בַּאקֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיךְ אֵיינֶער אַ דַרְדְקִי
מְלַמֵד. עֶר אִיז גֶעוֶוען מִיט מַיין גִיסֶען זֶעהְר צוּפְרִידֶען אוּנ מִיךְ אֲפִילוּ אַ
קְנִיפּ גֶעטָאן אִין בֶּעקֶעלֶע . דִיא מַאמֶע מַיינֶע הָאט מִיט דֶעם מְלַמֵד עֶפִּים

אַלְץ

אלין גערעדט, גערעדט, דערנאך האט זיא מיך צוגערופען און געזאגט: זעהסט־דוא, יצחק אברהמצע, ר' עזריאל נעהמט דיך צוא פאר א בעהעלפעריל! דערביא האט זיא געמאכט צו דעם מלמד: איך חדוש מיך מעהר נישט וויא אזוי דאס איז מיר ביז אצינד נישט ארויף אויפן מוח! זיין טאטע איז געוועזן א מלמד, זאל דער זוהן זיינער אויך זיין א מלמד. נאר אויך דיא אייגענע מעשה, זאלט איהר מיר געזונד זיין, אז דער מוח, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר־קיין יודען געדאכט, ליגט מיר, שונא ציון, אין דער ערד. איהר, ר'־עזריאל, קענט עס טאקי פארשטעהן. איהר האט דאך מיינעם, אייך אויף צו־לאנגע יאהר, גוט געקענט. אויך דיא אייגענע מעשה, מסתמא איז דאך אזוי אנגעשריבען געווארען, דער זוהן זאל אויך בלייבען ביים טייטל. אז זיין ליבען נאמען איז ניחא איז מיר אויך ניחא. נימערערגער זאל זיין מיטן טייטעל....

ס'איז אבער נישט געוועזן, וויא דיא מאמע האט געזאגט, מיטן טייטעל, ס'איז גאר געוועזן מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אזעלכע זאכען! ר' עזריאל מלמד'ס ווייב האט מיך גענומען אין איהר ע הענד אריין, מיט מיר געשמאק געקנעלט און מיך מכבד געוועזן מיט אלערלייא מלאכות. איך בין ביא איהר געוועזן א פארשטעקעל, א קארק, מיט וועלכען זיא האט פארשטופט אלע לעכער. אלע טאג אין דער פריה האב איך בעדארפט, וויא א יוד פארפעהלט נישט דאווענען, אפפיהרען דיא ציג אין דער טשערעדע. זעלטען, זעלטען אז ר' עזריאל פלעגט זיא מיט זיין כבוד אליין פיהרען פאר דיא הערנער און איך פלעג זיא מיט א ריטעל פון הינטען אנטרייבען. אפגעפארטיגט זיך מיט דער ציג, איז געגאנגען א סדרא פון אנטראגען האלץ, צונויפקלייבען אין הויף אויפן מיסט דארע שפענדליך, אויסגיסען דיא פאמייניצע, אויסקעהרען דיא שטוב און האלטען אויף דיא הענד דאס קליינע קינד מיט א נאז פארקאטשעט העמדעל, וואס האט געוויינט, זיך געריסען נאך דער ברוסט, געצאפעלט מיט הענטליך אי מיט פיסליך, זיך פארגאנגען, פארקיכט און מחילה פארסמארקעט. איך האב עס בעדארפט איינגעהמען, אויסטראכטען שפילכליך, בלאזען אין קולאק וויא אויף א טרומייט, קנאקען מיט דער צונג, מאכען „סאראקע וואראנע", זינגען „פי־פי־פי", „ציגעלע מיגעלע" און נאך אנדערע קינדערשע לידליך. חלילה אפצושטעלען זיך א רגע! דיא רביצין האט געעפענט א פיסק און אויסגעגאסען אויף מיר א תוכחה, האלטענדיג דיא קאטשערע, נאר אויף צופלעטען מיר דעם מוח. איבערגעקומען בשלום אי דיא דאזיגע מלאכות בין איך געלויפען צונויפנעהמען דיא קינדער אין חדר אריין. דא האט זיך אנגעהויבען גאר א נייער־קאפיטעל — דער „מודה אני" מיט אלע

תרי״ג בעהעלפערשע מלאכות: פיטצען שטיוועליך. שיכליך, ארויסנעהמען נאסע וויא א חלישטש פון דיא בעטליך, אויסזוכען דאס אנטאן, פארשפילען שפענצערס, אברייבען שלומפערס, אפבלאזען פעדערען פון יארמעלקעליך, אפווישען געזליך, שלעפען מיט געוואלד פון דער שטוב אונ ארויסשטופען אין דרויסען. אזוי בין איך געגאנגען פון שטוב צו שטוב ביז איך האב צונויפגעזאמעלט דיא גאנצע קאמאנדע, דערנאך האט זיך אנגעהויבען דער משונה ווילדער מארש, וואס מען האט איהם געמאגט אויף חדושים אנקוקען. פאראויס אונ הינטער מיר, לויפען, שפרינגען, קריכען יונגליך אין דער פאלנע פארמע, מיט ארויסגעשטעקטע העמדליך הינטען פונם שפענצער. דער געהט טרויעריג מיט איין אראפגעלאזענעם קאפ וויא צו דער שחיטה, יענער האלט א שטיק ברויט מיט איין איי אונ עפט, איינער מאכט קוקעריקו! אונ דער אנדערער ציגעלע מע־מע־מע! איך אליין געה וואזשנע אין דערמיט, אנגעלאדען אין דיא קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין א קוישעל אויפן ארם פלעטצעליך מיט פוטער, ברויט בעשמירט מיט שמאלץ, ריפטליך ברויט מיט א וויידעל פון א הערינג, מיט טעפעליך קאשקע, זויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאבעל אי שאר ירקות אונ פיהר פון ביידע זייטען ביא דיא הענטליך צו האלב טוץ יונגעליך, וואס א טהייל חליפען, סמארען מיט דער נאז, א טהייל שפארען זיך איין אונ ווילען נישט געהן, א טהייל פארדרעהן דעם קאפ אהינטער, רעווען שרייען: מאמע, מאמע! הויך אויף א קול איבער דער גאנצער גאס . . . . אנקומענדיג אין חדר האט דער רבי מיט דעם עלטערען בעהעלפער איבערגענומען דעם גאנצען עטאפ קליינע ארעסטאנטליך אונ זיך גענומען שמייסען. איך האב בעדארפט דערלאנגען ריטער אונ האלטען פאר דיא פיסליך, אפגעשפילעט אונ געלייגט אויפן ביינקעל האט דער רבי מיט זיין כבוד אליין. אז דיא אפגעשמיסענע קינדער האבען זיך א לאז געטאן שפילען אויפן בערגיל מיסט אין דרויסען האב איך מיך געזעצט אפרוהען וויגען דאס קינד, ר׳ עזריאל דעם מלמדס קדיש, זינגען איהם דערבייא „אונטער חייקילעס וויגעלע שטעהט א ווייס קלאהר ציגעלע“, אדער אויפפלאנטען א מאל א מאטיק פאדים, געהן אויפזוכען דיא היהנער, שרייען א קיש, א קיש! אונ טרייבען דעם האהן מיט זיין פעקעל ווייבער, דיא לעפטשיכעס, אראפ פונם בוידעם אי פונם דאך. אין א פאר שעה ארום האב איך מיך איינגעשפאנט געהן בריינגען דיא יונגליך ווארמעס אין חדר אריין אונ אזוי האב איך אהין אונ אהער מיך געדרעהט אנגעטופעט ביז פארנאכט, וואס דענסמאל איז געקומען דיא צייט אפצופיהרען דיא חאפטע קינדער א היים. מיינע צאן קדשים זענין לוסטיג געלויפען, געשפרונגען, דער

מיט

מיט איין אונטערגעשלאגען אויג, יענער מיט בלויע צייכענס אויף דער באק, איינעם האט געפלאמט איין אויער, דעם אנדערען איז אביסיל אויסגעצופט געווען א פאה, קיינער אבער האט פאר שמחה דארום זיך גאר נישט געמאכט, אלע האבען געשטיפט, געאיילט, געיאגט, לעבעדיג פרעהליך, אין דער צייט ווען דיא טשערעדע.קיה איז אויך צוריקגעגאנגען פונם פעלד מיט דיא פארשייטע ציגען פאראויס. איך האב אפגעלאזען מיינע צאן קדשים, געגאנגען מקבל פנים זיין ר׳ עזריאל דעם מלמדס ציג, זיא א חאפ געטאן ביי דיא הערנער און אפגעפירט א היים אין איהר רוה אריין. דער מיט האב איך זיא אפגעהאלטען פון א גרויסער מיאוסער עבירה, שפרינגען ערגיץ צו א פרעמדען אין גארטען אריין, און מיר פארשפארט א קאפדרעהניס זיא צוזוכען ביז שפעט אין דער נאכט. מכח מיין עסען איז דער מדובר געווען אזוי: ר׳ עזריאל האט מיר צוגעזאגט קעסט ביי זיינע בעלי הבתים, ביי איינעם אכטאג ביים אנדערן צוויי וואכען, אדער א חדש, וויא עס האט זיך געלאזט. גאר באמת בין איך גאר געווען אויף קעסט נישט ביי דיא בעלי־הבתים, וויא דען־זשע, ביי זייערע קעכענס, וואס זיי האבען געהאט א מגו זעהר אפט נישט צוהאלטען ר׳ עזריאלס התחייבות און מיך לאזען פשוט הונגערען. איך ווידער פון מיין זייט הגם אין מיינע תנאים איז נישט געשטאנען צוטאן דארט עפיס א מלאכה, פון דעסטוועגען האב איך פארט נישט געקענט אזוי גראב זיין, אפצוזאגען זיך ווען מען האט מיך מכבד געווען מיט ארבייט. איך פלעג רייבען חריין, שארפען מעסערס, שייערען, רייניגען דיא שבתדיגע מעשענע לייכטער, געהן צום שוחט קוילען עופות, לויפען אין דער דינסטס שליחות נאך פעפער, איינגבער מיט צימערינג צום קוגל וכדומה נאך זאכען אין דעם בעלהבתישקייט.

ס׳איז געווען ארום תשעה־באב צייט. איך האב מיך שטארק מכ[illegible] געווען, אנגעגרייט כלי־זין — הילצערנע שווערדליך פאר דיא יונגליך, אפגעפארבט מיט שווארצע יאגדעס אי מיט אנדערע מיתה־משונה פארבען און געהאפט דר פון צו האבען א שיינעם גראשען. נאר פלוצלים האט אויף מיר זיך אנגעריקט א חמארע און צושטערט מיינע האפענונגען. ר׳ עזריאל האט אין דער צייט בעדארפט גראד שלאגען טויט שלעק עפים איינעמס א נגידס א יונגעל, א בן־יחידיל, וואס איז געווען שטארק ציטעריג ביי דיא עלטערען. דאס יונגעל איז פארשלאפט געווארען און געלעגען צוא בעט. דיא מאמע מיט דעם טאטען האבען געלארעמט, געשריגען און געזאגט: זיא מוזען דעם ר׳ עזריאלין גוט אנלעהרנען און צונעהמען ביי איהם דעם גאנצען חדר. ר׳ עזריאל האט זיך שטארק איבערגעשראקען, געזוכט א וועג וויא זיך צורייניגען און ארויפגעלייגט

דיא

דיא גאנצע שולד אויף מיר. דאס איז, האט ער זיך מתנצל געווען, דעם בעהעלפערס מלאכה. ער איז א גרויסער שייגעץ, א ווילדער עכבראש! דאס יונגעלע פון זיין זייט האט געשוויגען און שטארק מורא געהאט, וויא געוועהנטליך, אויסצוזאגען פונם חדר. עס איז אנגענומען געווארען, אז איך בין שולדיג און ביי ביידע צדדים איז געבליבען מיך גוט אויסצופאטשען און ארויסצוטרייבען פונם חדר. איך בין געווארען דאס כפרה־היהנדעל און מען האט מיט מיר, שלימזל, טאקי באלד געשלאגען כפרות!

ה.

— טא! האט דיא מאמע מיינע זיך אנגערופען אין א שמיעס מיט עפּיס א יודענע. און בשעת מעשה געקוקט אויף מיר. אויך דיא אייגענע מעשה, וויא זאגט מען עפּיס, אסתר, א מענש טראכט און גאט לאכט. איך האב פון מיין זייט יוצא געוועזן, זיך געלייגט, וויא זאגט מען עפּיס זאלט איר מיר געזונד זיין, אין דער ליינג און אין דער ברייט נישט צופארשווארצען מיינעם דארט אין קבר דעם פּנים, נאר גאט צווייס זיך, שונא ציון, אז פאלט אלץ מיט דער פּיטער אראפּ. איך האב איהם, אזוי וויא איהר קוקט איהם אן, אסתר, שוין געשטעלט אויף עטליכע ערטער. ער האט געקענט דארט ווערען א לייט, טאקי וואס לייט הייסט, אז גאט און לייט וואלטען מיר מקנא געווען נאר גאט צווייס זיך, אסתר, געהם האטש דא איין א מיתה משונה און ווער דיא כפּרה אז קומט גאר אויס, דיר אויף צוזעטצעניש שונא ציון, פּונקט בוויבעריק! אויך דיא אייגענע מעשה, וויא זאגט מען עפּיס, אז דאס שלימזל לאזט נישט אפּ א מענשען מוז מען אנביינען דעם קאפּ. אז מען קען נישט אריבער, זאגט דער עולם א ווערטיל, מוז מען ארונטער. יאק נימא ריבא טא אי רק ריבא זאגט אפילו להבדיל אויך דער מוזשיק. איהר זעהט דאך א וואילקענעוודיגע אסתר. טא! צו א בעל מלאכה, לאז זיין צו א בעל מלאכה. מסתמא איז דאך אויבען אזוי טאקי אנגעחתמעט געווארען, אז טעביל דעם מלמדים זוהן זאל זיין א בעל מלאכה, ווייא און ווינד איז מיר! אויך דיא אייגענע מעשה מה אני מה חייני, גאט פרעג דעם רבוני של עולם קשיות!

אין עטליכע טעג ארום בין איך אריינגעטרעטען פאר א לעהרעניונגעל צו לייזער דעם שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווען א קליין דאר אידעל מיט א בלייך פּעניצעל, זעהר ספּריטנע, א ריהרענדיגעס וויא קוועקזילבער מיט אלע

שניידערשע

שְׁנַיידֶערְשֶׁע פָּאסְטֶעמֶקְעס, אַ פַאלֶגֶע מִיט דִיא בֵּיינֶער . מֶען הָאט אִיהְם גֶעקֶענְט רוּפֶען אִי אַ וַוייבֶּערְשֶׁער אִי אַ מֶענְשְׁקֶער שְׁנַיידֶער , אָדֶער , נָאךְ גְלַייכֶער , נִישְׁט ־ קֵיין וַוייבֶּערְשֶׁער נִישְׁט ־ קֵיין מֶענְשְׁקֶער , וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען נֵייעֶן אִי וַוייבֶּערְשֶׁע אִי מֶענִישֶׁע קְלֵיידֶער , אַלְסְדִינְג אִין דֶער וֶועלְט , אֲפִילוּ אַ הִיטֶעל אוּנ הָאט קֵיין זַאךְ נִישְׁט רֶעכְט גֶעקֶענְט, אוּנְטֶער זַיינֶע הֶענְד פְּלֶעגְט אַ יָפֶה מְגוּלְגָל וֶוערֶען אִין אַ שְׁלָאפְרָאק , אַ שְׁלָאפְרָאק אִין אַ ־ קַאפָּאטֶע , אַ קַאפָּאטֶע אִין אַ קְלֵיידֶעל אוּנ אַ קְלֵיידֶעל אִין אַ קִינְדֶערְס לַייבֶּעל , דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ בְּרְיָה , עֶס הָאט בַּייא אִיהְם אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען תָּמִיד מַאטֶערְיָע אַקוּרַאט וִויפִיל מֶען בֶּעדַארְף , אוּנ אִים אִיז נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען אַ הִיבְּשֶׁער שְׁטִיק יִתּוּר . אוּנְטֶער אַיין אָסְיֶען, דִיא רֶעכְטֶע צַייט , וֶוען בַּייא יוּדֶען אִין דֶער פָאמִילְיֶע הֵייבֶּען אָן קְלֵיידֶער אִיבֶּערְגֶענִיצְעוֶועט אוּנ מְגוּלְגָל וֶוערֶען פוּן אֵיין מַלְבּוּשׁ אִין דֶעם אַנְדֶערֶען , דֶענְסְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְוָוארְפֶען מִיט אַרְבֵּייט . לֵייזֶער הָאט פוּן זִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט אוּנ זִיךְ גֶעהַאלְטֶען פַאר דֶעם בֶּעסְטֶען שְׁנַיידֶער , וֶוען נִישְׁט אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט , עַל כָּל פָּנִים פַאר דֶעם בֶּעסְטֶען אִין בֶּעזְלִיוּדֶעוו , וַוייל עֶר הָאט אַלֵיין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיהְם פֶעהְלְט . אַז מֶען פְלֶעגְט אִיהְם אַ מָאל וַוייזֶען עֶפִּיס אַ גוּט שְׁטִיקֶעל אַרְבֵּייט עֶרְגִיץ פוּן דֶער פְרֶעמְד פְלֶעגְט עֶר גֶעבֶּען אַ שְׁמֵייכֶעלֶע אוּנ נִישְׁט וֶועלֶען אֲפִילוּ דֶעם כָּבוֹד אָנְטָאן , דֶערְצוּ זִיךְ רֶעכְט צוּקוּקֶען אוּנ צוּבֶּעטְרַאכְטֶען וִויא דָאס אִיז גֶענֵייט , וִויא אִיז גֶעהְט דֶער שְׁנִיט . עֶט פְלֶעגְט עֶר שְׁמֵייכְלֶען מִיט אַ קְנֵייטְשֶׁעלֶע אוּנ יֶענֶעם אָפְּשְׁלָאגֶען דִיא פְלִיגֶעל, עֶט , וָואס אִיז דָא אַזוֹינְס פַאר אַ חֲרִיפוּת ? וָואס הָאט מֶען דָא גֶעפוּנֶען אַזוֹינְס וָואס צוּזֶעהְן ? אַזֶעלְכֶע אַרְבֵּייטֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אִין מַיין לֶעבֶּען טוֹיזֶענְטֶער מָאל אִיבֶּערְגֶעמַאכְט . מֶען בֶּעדַארְף נָאר צוּ אַלֶץ הָאבֶּען מַזָל . אַ צִינְגֶעל הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גֶעשְׁלִיפֶּענֶם , זֶעהְר אַ גֶעלוֹיפִיגֶם , אַז עֶמִיצֶער פְלֶעגְט וֶועלֶען אִיהְם אוֹיסְמָאהְלֶען וִויא עֶר זָאל אִיהְם נֵייעֶן הָאט עֶר יֶענֶעם נִישְׁט גֶעלָאזְט אוֹיסְרֵיידֶען , פַארְהַאפְּט אִי גֶערֶעדְט אַלֶץ אַלֵיין : אִיךְ וֵויים אִיךְ וֵויים , אִיךְ וֵויים ! זַייט זִיכֶער , אִיךְ וֶועל אַייךְ מִיט גָאטְס הִילְף מַאכֶען נָאךְ בֶּעסֶער וִויא אִיהְר ווִילְט . דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִיז מִיר דֶען צוּמַאכֶען אַזַא אַרְבֵּייט ? אִיךְ וֵויים , זַייט זִיכֶער, אִיהְר וֶועט צוּפְרִידֶען זַיין. בַּיים אָפְּבְּרֵיינְגֶען דִיא אַרְבֵּייט , אַז יֶענֶער פְלֶעגְט זָאגֶען דָא קְוֶועטְשְׁט אִיהְם, דָא קְנֵייטְשְׁט זִיךְ , דָא לִיגְט נִישְׁט גוּט , דָא אִיז שְׁמָאל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט גָאר הֶערֶען , אַלֶץ גֶערֶעדְט , גֶערֶעדְט אוּנ פַארְשָׁאטֶען מִיט רֵייד : חָלִילָה, וִויא פַאלְט אִיהְר אוֹיס אַזוֹינְס צוּזָאגֶען ? עֶס קְוֶועטְשְׁט נִישְׁט , עֶס טָאהְר גָאר נִישְׁט קְוֶועטְשֶׁען , עֶס הֵייבְּט נִישְׁט אָן אֲפִילוּ זִיךְ צוּקְנֵייטְשֶׁען . גִיט נָאר אַ צִיה , זַייט מוֹחֵל , אַהִין אַבִּיסֶעל . עֶס לִיגְט גוּט אַזוֹי וִויא אוֹיסְגֶעגָאסֶען .

נאט

בַּאט אַייךְ נַיים ס'אִיז שְׁמָאל ! וָואס הֵייסְט שְׁמָאל , אַז ס'אִיז טָאהְר נִישְׁט זַיין שְׁמָאל ? אִיהְר הָאט עֶרְשְׁט אָפְּגֶעגֶעסֶען אוּנ זֶענְט אַבִּיסִיל פוּל דַאכְט זִיךְ אַייךְ אוֹיס אַז ס'אִיז שְׁמָאל . אִיךְ זָאל פַארְקְרֵיינְקֶען אִין דֶעם הִיגֶען הֶקְדֵשׁ , וָואס מִיר אִיז דֶערְפוּן אַרָאפְּגֶעפַאלֶען , בַּייא מַיינֶע יוּדֶעשֶׁע נֶאֱמָנוּת מֶען אִיז קוֹים אוֹיסְגֶעקוּמֶען וְויא מִיט קְרֶעפִּילְפְּלַייש . ס'אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶען פוּנֶם אוּנְטֶערְשְׁלַאק אַ שְׁמָאל פַּאסֶעקִיל פֶּערְקִיל הָאבּ אִיךְ עֶס אַייךְ אָפְּגֶעבְּרַאכְט . בֶּעסֶער וְויא אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעמַאכְט קֶען מֶען שׁוֹין טַאקִי עֶרְגִיץ נִישְׁט מַאכֶען . אִיהְר וֶועט זִיךְ אַבִּיסִיל אַיינְגֶעהְן וֶועט אִיהְר גֶעוְועהְנְט וֶוערֶען . טְרָאגְט גֶעזוּנְט ! בַּיים צָאהְלֶען פְּלֶעגְט זִיךְ אָנְהֵייבֶּען אַ דִינְגֶענִים , עֶר הָאט אַוֶועקְגֶערֶעדְט אַ שָׁעָה מִיט שְׁבוּעוֹת מִיט חֲרָמוֹת, אָפְּגֶעלוֹיבְּט אִין טָאג אַרַיין זַיין אַרְבַּייט, אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט אִיטְלִיכֶעס פִּיטְצֶעלֶע בֶּעזוּנְדֶער וָואס הָאט אִיהְם גֶעקָאסְט , גֶעמַאכְט אַ שְׁנַיידֶערְשֶׁען חֶשְׁבּוֹן אוּנ גֶעשְׁטֶעלְט פַאר עֵדוּת אוּנְטֶער דִיא אוֹיגֶען דֶעם קְרֶעמֶער , דֶעם שְׁמוּקְלֶער אִי דִיא יוּדֶענֶע פוּנֶם שַׁאפֶּקֶעלֶע אוּנ אָפְּגֶעשָׁאטֶען פָּשׁוּט מִיט נַיין מָאס רֵייד בִּיז מֶען הָאט אִיהְם מוֹסִיף גֶעוֶועזֶן נָאךְ אַ צֶעהְן גְרָאשֶׁען. טַא פְּלֶעגְט עֶר דֶער נָאךְ מַאכֶען גִיט חָאטְשׁ אַבִּיסִיל בְּרַאנְפִּין ! ...
מִיט אַבִּיסִיל בְּרַאנְפִּין הָאט בַּייא לֵייזֶערֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוּנ אוֹיסְגֶעלָאזֶען אַלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען . עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶן חָלִילָה קֵיין שִׁכּוֹר , זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואלְגֶערְט אִין דִיא גַאסֶען , נָאר טְרִינְקֶען הָאט עֶר גֶעקֶענְט . דִיא מְלָאכָה הָאט לִיבּ דֶעם טְרוּנְק , אִיז גֶעוֶועזֶן זַיין וֶוערְטִיל אוּנ עֶר הָאט טַאקִי אֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט דִיא מַשְׁקֶה . צוּלִיבּ דֶעם פְּלֶעגְט עֶר זַיין אַ גַאנְצֶער מַאכֶער אִין דֶעם צֶעךְ , הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶע הִתְקָרְבוּת מִיט דֶעם צֶעכְמַייסְטֶער/אַרוֹיסְוַוייזֶען זִיךְ אוּנ שְׁטַארְק אַרְבֵּייטֶען בִּשְׁעַת עֶפִּיס אַ וִויבָּאר, וַוייל גֶעוְועהְנְטְלִיךְ אִיז מֶען דָא נִישְׁט זְשֶׁעדְנֶע אַבִּיסִיל בְּרַאנְפִּין . לֵייזֶערְס נְשָׁמָה הָאט גִישְׁקְשָׁה גֶעפִיהְלְט וואו מֶען בֶּעקוּמְט דֶעם בִּיטֶערֶען טְרָאפֶּען . נָאר זָאגֶען , אַז פַאר אַ כּוֹסֶע הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט זַיין הָאֶרֶץ , זַיין פַארְשְׁטַאנְד , עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּפִיהְלֶען צוּפַארְשְׁטֶען וָואס אִיז גוּט אוּנ שְׁלֶעכְט , חָלִילָה , דָאס נִישְׁט . פַארְכּוֹסֶעט הָאט עֶר עֶס נִישְׁט , עֶר טַאקִי בַּייא זִיךְ גֶעהַאט זַיין שֵׂכֶל אוּנ וְויא אַלֶע אַנְדֶערֶע זֶעהְר גוּט גֶעוְואוּסְט דֶעם אֱמֶת , עֶר הָאט נָאר פַארְכּוֹסֶעט . פַארְקוֹיפְּ— זַיין גַאלְקֶע . . . .

לֵייזֶער דֶער שְׁנַיידֶער הָאט מִיךְ גְלַייךְ בַּייא מַיין אָנְקוּמֶען צוּ אִיהְם שְׁטַארְק גֶענוּמֶען אִין דֶער אַרְבַּייט אוּנ מִיט מִיר אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם אַלֶף־בֵּית פוּן דֶער מְלָאכָה . דֶער אַלֶף־בֵּית אִיז נִישְׁט בֶּעשְׁטַאנֶען דְרִינֶען , וְויא מֶען הַאלְט דִיא נָאדֶעל , וְויא מֶען בֶּעדַארְף אַ שְׁטָאךְ טָאן , נֵיין . דָאס אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶן צוּפְרִיא , דֶעם דָאזִיגֶען כָּבוֹד הָאט מֶען מִיר נָאךְ אַ לַאנְגֶע צֵייט

נִישְׁט

נישט אפּגעגעבען. לייזער האט מיט מיר אנגעהויבען נאר פון דער התחלה — פון דער פּאמייניצע, האלץ טראגען וכדומה אזעלכע זאכען כמעט דערזעלבינער אלף־בית וואס ביי דעם צעלניקער אונ ביי עזריאל דעם מלמד, נאר מיט אביסיל פארענדערונגען, וויא עס פּאסט צו א שניידער, דהיינו: גיין אין מארק נאך כשרע פּאדים, אריינשטעלען פּרעסליך ווארעמען אין אויבען, ביי לייזערן גופא אין שטוב, אדער א מאל ערגיץ ביי א שכן, זוכען א מאל צעהן אין טאג אונטערן טיש, אונטער דיא ביינק דעם פינגערהוט, אדער א דין נעדעלע, ארויסציהען פארסטריגעס אונ אפּטראגען מיט דעם בעל־הבית א שטיקעל ארבייט.

אונ אזוי וויא לייזער האט געהאט א ווייב, א בעלהביתטע, א בריה א יודענע, האט זיא מיט מיר זיך שטארק אפּגעגעבען, אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאר מיר ארבייט אונ מיך נישט געלאזט חלילה ליידיג זיטצען קיין רגע. דיא מאמע מיינע האט נאך לעת עתה נישט געהאט זיך וואס צושעהמען פון מיין מלאכה אונ מיין טאטע ר' טעביל דער מלמד האט נאך דער וויל געקענט רוהיג ליגען אין קבר. זייער זוהן האט זייא נאך נישט פארשווארצט דאס פּנים, ביז דער נאדעל איז נאך געוועזען גאנץ וויט. אונ מכה שלאגען — דרינען האט מען זיך נישט געדונגען. א מאל האט מיך געשלאגען לייזער, א מאל לייזערס ווייב אונ אמאל ביידע אין איינעם טאקי, אדער זייא ביידע, נאר אויף איין אנדער מין אופן, דהיינו אזוי: לייזער האט פריהער אפּגעשטעקט עטליכע פּעטש לייזעריכען אונ לייזעריכע האט זייא מיר דערנאך געטרייא איבערגעגעבען מיט פּראצענט, מיט געשמאקע עטליכע קניפּ דערצו, אדער פארקעהרט, לייזעריכע האט גאר א מאל צום ערשטען אריינגעלייגט מיט איהרע אייגענע הענד וויפיל זיא האט נאר געקענט אין לייזערן, אונ לייזער האט נישט געקענט אויסהאלטען, ער זאל עס באלד נישט אריינווארפען אין מיר .... לייזער מיטן ווייב האבען געלעבט וויא א פּאר טויבען, גלייך אין אלע זאכען: ביידע זענען געגאנגען אין ספּאדיק, ביידע האבען געהאט א גלייכע דעה, ביידע האבען מורא געהאט איינער פאר דעם אנדערען, ביידע האבען אויסגעלאזען זייער שווער, ביטער געמיטה איינער צום אנדערען, זיך געהאלזט, ארומגענומען אונ זיך געטהיילט מיט דעם שעהנסטען בעסטען — פּאטש...

קיין האניג האב איך ביי לייזערן נישט געלעקט, איך האב געארבייט אין שטוב וויא איין אייזעל אונ געהאפּט פון אלע זייטען קלעפּ. דענסמאל האב איך געמיינט, אז דאס אלסדינג מוז מען איין לעהרעניונגעל טאן אונ אהן דעם חלילה וועט ער נישט קענען זיין קיין בעל מלאכה, אקוראט וויא אהן קלעפּ קען מען נישט לעהרנען אונ זיין א למדן. א פרימער האב

איך

איך פֿאר מיר געהאט לייזערס אין ארבייטער, א דארער, איינגעהייקערטער אויסגעבלייכטער בחור, וואס ער האט זיינע בעסטע יונגע יאהרען פֿארבראכט ביא לייזערען, געטאן עבודת פרך אונ געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האלטען א נאדעל אונ שטשאבען. דעריבער פלעג איך שלימזל, נעביך מקבל באהבה זיין אלע פעטש אונ אפילו נישט הויך וויינען.

איין מאל אונטער א פאר פסח רופט דער בעל הבית צו מיר זיך אן: „איציק אברהמיל גיב נאר אשפרינג אין קרעמיל, חאפ, פֿארחאפט זאלסט טוא ווערען, פֿאר א גראשען כשרע פֿאדים אונ בעוואריף, ווארפען זאל עס מיט דיר, אט פֿון דעם דאזיגען קלייד דעם פֿעדער חלק, דערנאך דעם אינטער חלק. זשיווא ממזר!“ איך געדיינק וויא שטארק איך האב מיך דערפרייעט דענסטמאל אויף דעם כבוד — זיטצען ביים טיש אונ האלטען א נאדעל, גלייך וויא מען וואלט מיך אויף א חתונה מכבד געוועזען האלטען דיא חופה־שטעקענס. היידא! איך האב מיך אנידערגעזעצט ביים טיש אקעגען דעם אויסגעבלייכטען בחור, פרעהליך, לוסטיג אונ מיט ביידע הענד געהאלטען דעם אינטערחלק וויא עפיס א טהייערע זאך, איין אבן־טוב. דער שניידער האט אויף א ביא קולכען צוגעזונגען א שטיקעל פֿון כל נדרי, באלד א מלך עליון, באלד איז ער איבערגעגאנגען אין א מארש, צוגעשאקעלט מיטן קעפיל אונ צוגעפויקט צום טאקט מיט דיא פיסקעס, באלד האט ער געזאגט א המצאהלע איבער מיר, איבער דעם אויסגעבלייכטען בחור אונ דער ביא ארויסגעשטעקט א שפיטץ צינגעל, באלד האט ער געזונגען וויינענדיג וויא מען בעזעצט א כלה אונ באלד האט ער געזאגט, וויא דער מארשאלעק, גראמען. „זשיווא איציק אברעמיל! האט ער מניה־וביה טאקי געזאגט מיט א ניגון, שנייטץ אפ דאס לעכט ממזר! נעה גיכער אנגעבלאזענע פארצע! אביסיל גיכער איציק אברהמיל, חאפ ביא מיר נישט ממזר־קיין דרעמיל!“ אונ איך, שטאך דא שטאך, שטאך דא שטאך אין דעם קלייד אין דיא פינגער וואו עס האט זיך פאפאדעט. נאר ווער הערט א שטאך בשעת אויפן הארץ איז פרעהליך? . . . פלוצלים אבער האט אויף מיר זיך אנגערוקט א חמארע אין דער גאנצער שטוב האט אנגעהויבען צושטינקען סמאלינע. מען זוכט דא, מען זוכט דארט אונ מען געפינט לסוף, אז ביא מיר שלימזל סמאלעט זיך דער אונטערחלק, יענער אונטערחלק וואס איך האב בעוואריפען! ווארים בשעת איך האב אפגעשנייצט דאס לעכט איז א שנויץ דארויף ארופגעפאלען. א געוואלד א געשרייא, א געפילדער, וואלייא פעטש, קולאקעס אונ קלעפ איז מיר געפאלען וויא האלץ! איך האב געגוג געהאט פֿאר דאס מייניגע. דער שניידער פריוט זיך מאכען

פונם

פונם אונטערהעלק א פעדערהעלק , ארבעל , עס געהט נישט ! ער האט שוין געביך פונם קאסטען ארויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלייד , גאר מוטשע זיך , שונא ציון , פון היינט איבער איאהר עס געהט נישט ! חאטש צעררייס זיך . חאטש טהוא דא פיטער אריין עס געהט נישט ! דער אינטערהעלק מוז טאקי בלייבען איין אונטערהעלק , פון א חזיר׳ש עקיל קען מען נישט מאכען קיין שטריימעל .״ הער נאר אוים איציק אברהמיל ! האט געזאגט דער שניידער , הער אוים ממזרוק , יונגאטש איינער , א קריינק דיר אין דיא ביינער ! פאטשען דיך האב איך שוין שעהר קיין כח נישט , אז דיא בעלהביתטע וועט קומען פונם מארק וועט זיא דיך מסתמא אויך דערוואַרמען אביסיל אונ אויסטאפען דיר דיא ביינדליך ,זיא האט אויך אזא רעכט גלייך וויא איך אונ זיא וועט דיר איהרם נית שיינקען . נאר דאס אלסדינג אבער איז אלץ גארנישט , א היוניק אקגעגען דעם וואס דוא וועסט ערשט לייזען שפעטער באם עס וועט מיר נישט איינגעהן מיין הסברה . „דער שניידער האט באלד טאקי זיך פארטראכט איבער דעם אינטערהעלק אונ גערעדט צו זיך אליין : פאר וואס נישט טאקי א קעשענע . . . פונם לאך א קעשענע ? . . . אי וואס ? . . . . עט ! מילא וואס מאכט עס אוים ? . . . דערנאך האט ער אויסגעשטעלט אויף מיר א פאר אויגען אונ א געשרייא געטאן : „פאשאל וואן ממזר ! אלעלולע (הללוהו) כל צבאיו , היינט זאלען מיט דיר האנדלען !״ איך האב מיך ארויסגעריקט פון אונטערען טיש וויא א קעטצעלע , אונ געווארט מיט א פארקלעהמט הארץ א וויסטען סוף .

דיא דאזיגע טרויערדיגע מעשה איז געשעהן מיטוואך תחלת אווענט . פרייטאג , געדיינק איך וויא היינט , האט דער בעל הבית מיר געהייסען אפטראגען נאך איהם דאס קלייד צו דעם ארענדארם ווייב . דיא ארענדארקע גיט א בליק , א דונער , א שלאק , א קעשענע סאמע אונטען ! וואס איז דאס אזוינס שניידעריל לעב ?! האט זיא זיך צושריגען , סטייטש וואס איז דאס — דאס ? איך וועל אסור חזיר , אזא קלייד בשום אופן נישט צונעהמען ! „אי , האט לייזער מיינער געענטפערט מיט א זיס לעבעלע אונ איהר פארשלאגען דיא רייד , אי שרייט חלעבין נישט ברייגדעל ! אזוי העלף מיר גאט וויא איך האב אייך געמאכט גוט ! איך האב אייך גענעהט דאס קלייד נאך דער סאמע פאסליעדנע מאדע . סטייטש ביא אלע פריצעס זענין היינט אויפגעשפאלטען קעשענעס אונטען . א משוגענער מאכט היינט קעשענעס פארענט ! איך זאל אזוי רבוני של עולם פטור ווערען פון מיין מלאכה אונ נישט בעדארפען זיין קיין, שניידער (אזוי געוועהנטליך פלעגט ער זיך שווערען וויא דער שטייגער

פון

פון אלע אנדערע יודישע בעלי מלאכות) וויא שיין דאס זעהט אויס ! א
שאד חלעבין , וואס איהר קענט נישט אליין מיט אייערע אייגענע אויגען
אנקוקען דעם זיבעטען חן וואס דאס האט. טאפט חלעבין נישט בריינדעל,
ס'איז גוט ! אט טראגט געזונט , פארניטצט געזונט , צעררייסט געזונט !
גיט נאר קרישטשענע מיין לעהרעניונגעל , ער פארדינט חלעבין, ער האט
געביך דיא אויגען זיך ארויסגענומען און א סך געהארעוועט אויף דער
קעשענע. מיר קומט אויך חלעבין א כוסע !" לייזער איז געווען פארערעבענט
אין בעזליודעוו פאר איי:עם פון דיא בעסטע שניידער , וואס נייען נאך
זשורנאלען , און דער א- ענדאר דארט איז געווען איינער פון דיא גרעסטע
נגידים , היינט אז מען ז זט געזעהן , זיין ווייב , דיא ארענדארקע, געהט
ארויס אונטען מיט א קעשענע זעגין דער נאך אלע בעזליודעווער מאדנע
ווייבליך ארויסגעגאנגען אונטען מיט אויפגעשפאלטענע קעשענעס . נאר
הנם מיין קעשענע איז אריין אין דער מאדע , איך אבער בין דערפון
נישט געהאלפען געווארען , לייזער האט מורא געהאט , איך זאל מיט
דער צייט נישט ארויסווארפען עפיס אזוינע נייע מאדעס , וואס וועלען
איהם חלילה אנמאכען בויכווייטיג און מחמת מורא נישט געוואלט געבען
מיר א שטאך ארבייט . ער האט מיך אין גאנצען אוועקגעשיינקט זיין
ווייב במתנה גמורה זיך נאר איבערגעלאזען דאס רעכט , מיר א מאל
אפצושטעקען א פאטש . וואס טויג מיר , האט ער זיך אנגערופען ,
אזא פארשלעפטע קריינק , אזא מין קינטצלער ? און דערביא אפגעזאגט
זיין געוועהנטליכען פסוק : אלע-לולע כל צבאיו , היינט זאלען מיט איהם
האנדלען ! . . . לייזעריכען האב איך א מאל א שאדען אנגעטאן ,
נישט ווילענדיג איהר צובראכען א טאפ מיט אייער און האב געמוזט
לסוף דורך דעם עוקר זיין .

מען האט מיך דערנאך אפגעגעבען צו אלערלייא אנדערע בעלי
מלאכות , וואס א וואך צו איין אנדערען . איך אבער בין געווען א
שלימזל און ערגיץ נישט געהאט קיין גליק . איטליכער בעל מלאכה
בעזונדער האט מיך דאס ערשטע בעקאנט געמאכט מיט דעם
בעל הביתישקייט און מיך איינגעשפאנט אין דעם יאך . איין בעל-הבית
האב איך אויף מיר געהאט , עפיס א שוסטעריל , א פרעהליכער קבצן ;
ער פלעגט מיך אלץ שיקען צווישען דיא אומריינע ערטער — רייסען
ביא חזירים חזיר-האר פונם ריקען . נארעלע , אזוי איז געווען תמיד
זיין ווערטיל : פון א חזיר א האר איז אויך גוט . ביא א חזיר איז א
מצוה צו רייסען . . . . בשעת ארויסטראגען א פאמייניצע פלעגט דער
דאזיגער פרעהליכער קבצן אויף שפאס אויפשטעהן און מאכען מיט א
ניגון : תן כבוד לאיציניא ! טראג טראג איציק אברהמוניא , איך זאל

דערלעבען (קל"ם) גימל

דערלעבען טראגען דיר צו דער תתונה ווין אין א רעשעטע ! טראג איצינדא טראג . אין דיינע יאהרען האב איך גענוג פאמיניצעס איבערגעטראגען !...
דעם דאזיגען שוסטעריל האב איך אין הארץ ליב געהאט , ער איז מיט מיר זיך בעגאנגען בעסער פון אלע אנדערע . איך וואלט מיך בייא איהם געהאלטען אונ אפשר עפים וואס אויסגעלערענט , נאר ער איז אבער שטארק קראנק געווארען , אנגעהויבען שטארקער וויא פריהער צוהיסטען צושפייען מיט בלוט , ווייל ער איז נעביך שרעקליך אפגעקומען געהארעוועט, געארבייט איבער זיינע כחות מפרנס צו זיין ווייב אונ קינדער , אונ עסען האט ער נעביך געגעסען יסורים . חוץ א דאר שטיקעל ברויט מיט עפים וואס עס איז דערצו , איז אין זיין מויל נישט געקומען . דעם טעם פון פלייש האט ער שוין לאנג פארגעסען . בייא א שמיעס א מאל פלעגט ער אלין שפאסען : פלייש דאס איז נישט קיין יודישע זאך . איך משוגענער האב מיר טאקי איינגערעט א שטיקעל לונג־אונ־לעבער שבת אין טעפיל !... מען האט אים נעביך אויף אוועגעלע אוועק געפירט אין הקדש אריין אונ ער איז דארט באלד טאקי געשטארבען ....

ו.

ויהי היום איז אין בעזלידעוו אנגעקומען איינער פון די ארומפאהרענדיגע חזנים אונ האט בייא אונז שבת געדאווענט מיט משוררים . דער עולם איז פון אלע קלייזליך איהם געלאפען הערען . א טהייל האבען זיך נוהג געווען , וויא זאגט מען עפים , וויא פראסטע בעל הבתים. האבען אפגעדאווענט ותיקין . פריער טאקי , זיך גוט קידוש געמאכט אונ דערנאך געגאנגען הערען . ס'איז געווען א שרעקליכע איינגעשאפט , מען האט זיך געשטופט אויף די קעפ אונ איך האב מיך צווישען דעם עולם אויך אריינגעשטופט הערען דעם חזן , ווייל איך האב וויא אלע יודען זעהר ליב געהאט זינגען , דער חזן האט געהאט א קליין משוררל , א פייפער , אין מיינע יאהרען . איך האב איהם עפים אזוי מקנא געווען וויא ער שטעהט זיך ביים עמוד אונטערגעהאלטען דאס בעקיל מיט דער האנד אונ טראלעלייקעט , אז איך וואלט פון מיר באדאי , דאס העמד אוועקגעגעבען אבי זיין וויא ער א משוררל . איך האב אויף דעם דאזיגען משוררל געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דענסמאל ווען מיר יונגליך זענין אלע געווען אין פאלעש בשעת לייענען . איך בין עפים פאר איהם אין גאנצען בטל געווארען , מיר האט זיך געדאכט אויף דער וועלט איז שוין נישטא קיין בעסערעס פון א משוררל . וויא

קום

קום איך צו איהם ! אז דאס משוררל האט נאר געעפענט דאס מויל , נוא האט מיינער זיך גענומען איהם אריינקומען אין דעם מויל און ווען עס וואלט נאר מעגליך געווען אריינצושפרינגען אין איהם וויא איך שטעה און געה וואלט איך מיך פשוט מחיה געווען . אהיים קומענדיג פון דער שול האב איך מיך אלין געפריווט נאכמאכען דעם משוררל , ביא דיא זמירות האב איך מיך שטארק צולאזט אויף א קולכען און טראלעלייקעט אזוי אז דיא מאמע האט גרויס תענוג געהאט , נאר איך האב כלל נישט געמיינט דיא זמירות וויא נאכצומאכען דעם משוררל . עס האט מיר עפיס זיך געזונגען . דאס מויל האט מיר נישט געקענט זיך צומאכען אויף א רגע , מען האט שוין אפגעגעסען ווארמעס און איך האב טאקי אלין נאך געזונגען , געמאכט שטייגער . דאס זינגען איז לסוף איבערגעגאנגען אין קונדס אריין און איך האב מיך געריסען אויף אלערלייא משונה ווילדע קולות . אז דיא מאמע האט דא א קוק געטאן , אז איך וויל גאר ניט אויפהערען און לאז זיא נישט אביסיל אפדעכען נאכן קוגעל האט זיא מיך גוט אויסגעבאכעט און ארויסגעווארפען פון דער שטוב . וואהין לויפט א יונגעל שבת ביא טאג ? מסתמא אין בית מדרש אריין , העהע ! דארט האב איך געטראפען דיא גאנצע ווייסע חברה , דיא אלע רעכטע קונדסים . איך האב געמיינט , אז נאר איך איינער האב נאכגעמאכט דעם משוררל , ניין ! אלע אנדערע האבען דאס אייגענע געטאן וואס איך . איטליכער בעזונדער איז געווען שטארק בעשעפטיגט , דער האט געקוויטשעט , דער געריטשעט , דער האט געברומט וויא דער באס , יענער נאכגעמאכט דעם פיסטעל זינגער , איינער האט זיך משונה געקרימט געריסען אויפן האלז וויא דער חזן און דער אנדערער האט זיך צולאזט וויא דער פלייטער . דער נאך האט חברה אלע אין איינעם זיך א נעם געטאן אפצושפילען דארט אויבען אין דער ווייבערשער שול דאס שיינע בעטלעריל , מיט וועלכען דער חזן האט געזאגט מי שברך . מען האט געמיאקעט , געפישטשעט , געשווישטשעט , געהילכט , געשריגען ביז דער שמש האט אונז אפגעשפריצט מיט וואסער און אונז מיאוס טאקי ארויסגעטריבען — . באמת , מוזט איהר וויסען , האב איך טאקי געהאט א דין קעלכען , א שיין געליינקעל , איך פלעג א מאל אונטערהעלפען לייזער דעם שניידער בעזעטצען א כלה , אדער אונטערהאלטען איהם אין א מלך עליון . לייזער פלעגט דערביא קוקען אויף מיר און זאגען מיט א שמייכעל , וויא איינער וואס טהוט איהם שטארק הנאה : גוט ממזרוק איינער ! אזוי , אזוי , אין דיין טאטען אריין ממזר ! . . . מיר איז אריין אין קאפ צובעטען דיא מאמע , זיא זאל מיך אפגעבען צום חזן . איך האב מיך צו איהר צוגעטשעפעט וויא א

זלידנע

זיידנע אזוי לאנג אזוי ברייט ביז זיא האט מיך געמוזט פיהרען טאקי צום חזן. דיא ארמע פארוויסטע אלמנה געביך איז שוין אויך טאקי געוועזען אזא סחורה וויא איך פטור צו ווערען. אז דער חזן האט מיר געהייסען א קוויטש טאן אונ דער נאך געזאגט, ער געהמט מיך צו, האב איך פאר שמחה געמיינט, אז דיא וועלט איז מיינע. איך בין גאר ניט אין שטאנד צושילדערען וויא מיר איז דענסמאל געוועזען אויפן הארצען. דיא מאמע מיינע איז א פנים דערפון געוועזען שטארק צופרידען, טאקי שטארק וואס שטארק הייסט, ווארים אין א שמועס מיט איהרער א בעקאנטער יודענע האב איך געהערט וויא זיא האט צוא איהר געזאגט אזוי:

— אויך דיא אייגענע מעשה, אסתר, זאלט איהר מיר מאריך ימים זיין, וואס קען א מענש יענעמס תכלית פארזארגען? צוברעך דיר שונא ציון, דעם קאפ, צערייס זיך אונ שפרינג דיר אפילו פון דער הויט וועסט דוא גאר נישט מאכען, וויא זאגט מען עפיס אסתר, אז השם יתברך דערהייבט א מענשען ווייסט מען גאר נישט פון וואנען דאס איז געקומען. איך זאג עס אקעגען מיין יתום, זאג איך עס. אויך דיא אייגענע מעשה, לייט האבען געזאגט צו א בעל מלאכה, לאז זיין צו א בעל מלאכה. וואס וואלט פון איהם געווארען? בעדארף גאר גאט חסד טאן אונ בעווייזען אז ניט אזוי וויא לייט זאגען. נא דיר גאר א חזן, געדאנקט אונד געלויבט איז, אסתר, השם יתברך! מיין יתום איז שוין איצונד פארזארגט, א לייט אויף מיינע ליבע געזאגט געווארען! איך האב עס גאר אזוי פיל בייא זיין ליבען נאמען נישט פארדינט. דא האבען נאר זכות אבות זיך געמיהט.

מיט דעם חזן בין איך מעהר וויא א האלב יאהר ארומגעפאהרען אויף דער וועלט. מיר, שלימזל, איז בייא איהם אויך שלעכט געוועזען, ערגער פון אלע איבעריגע משוררים. איך האב מיר נישקשה גוט מפטיר געקויפט. דער שטייגער איז געוועזען ווען דער חזן האט ערגיץ געדאווענט האבען דיא משוררים בעדארפט אונטערוויילעכס קוקען אויפן עולם, זעהן אויב זיין דאווענען געפעהלט, וואס זאגט מען אויף זיין געמבע אונ וויא ער זעטצט עברי, אונ אז דער חזן האט אין דער היים עמיצען א רוף געטאן ביים נאמען, מיט עפיס א ווינק דערבייא, האט עס געהייסען: נוא זאג נאר, איז מען עפיס צופרידען געוועזען? כמעט תמיד אבער איז דער גורל וויא אויף צולהכעיס געפאלען אויף מיר. עס קען אפשר זיין דעריבער, ווייל דיא איבעריגע משוררים פלעגען באלד נאכן דאווענען מאכען פליטה אונ אויסגעטריקענט ווערען. קוים האט ער גאר א זאג געגעבען: אברהמקע! אונ דערבייא דערלאנגט א ווינק, אז מיינער,

וואס

װאָס האָט נישט געװאוסט קיין חכמות , איז אַרויס מיט דער שפּראַכע: חזן מען האָט געלאַכט , טאַקי זעהר שטאַרק עפּיס געלאַכט ! נוא פּלעגט ער מיר אָנגעהמען ביים אויער , דרעהען און דרעהען , ציהען און ציהען אַז איך זאָג אַייך , דער שניידערקעס קלעפּ זענען אַקעגען דעם קאַטאָוועסליך געװעזען . אַ מאָל האָבען מיר ערגיץ אין אַ שטעטיל געדאַוועגט שבת פּרשה שקלים . דער חזן האָט צום דאַווענען זיך שטאַרק מכין געװעזען , װייל ער האָט אַרויסגעקוקט אויף יענעם שטעטעלס חזנות . שבת־צונאַכטס האָבען צו איהם זיך פאַרקליבען מענשען אַ גאַנצער עולם . מען האָט געטרונקען פּונש , וויין און ס'איז געװעזען אַ פרעהליכע מלוה מלכּה . דער חזן האָט זיך געפּיעסטשעט, זיך געקלאָגט אויפן האַלז, ער האָט אַביסיל זיך צוגעקיהלט און מוז עטליכע טעג אָפּהיטען זיין כּלי , זיך אַלץ געקוויינקעלט , געקוויינקעלט און פון דעסטוועגען האָט ער דעם עולם פּאַרט צוליב געטאָן געזאָגט „אליהו'ס" און געזונגען אַ װאָלעכיל . דעם חזן איז אויסגעקומען נייטיג נאָך עפּיס צושיקען און װיא ער האָט אַ רוף געטאָן : אַברהמקע ! האַ־האַ , דאָ האָב איך געעפענט אַ פּיסקעל און אַ זאָג געגעבען : „חזן מען האָט פון אייך געלאַכט !" גאַנץ הויך אויף אַ קול און פרעהליך , װייל איך האָב געהאַט אין קאָפּ אַביסיל משקה . דער חזן נעביך איז געוואָרען אָנגעצונדען , רויט װיא אַיין אינדיק , דאָס פּנים האָט איהם זיך געמינעט און דער גאַנצער עולם איז געבליבען עפּיס װיא צומישט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען . איך האָב געמיינט , אַז דער חזן וויל מיר נישט גלויבען . בערײדעװעדיגט בין איך גראַד דענסמאָל געװעזען פונם ביסיל פּונש , נוא האָב איך מיך צולאָזט מיט מיין זיס צינגעל און אָנגעהויבען צושווערען ? „װיא איך בין אַ יוד חזן , מען האָט פון אייך געלאַכט ! אָט־אָ דיא דאָזיגע מענשען טאַקי האָבען זיך געקריהמט , שטאַרק חוזק געמאַכט ! .. װער שמיעסט יענער, יענער, װאָס טרינקט און סודעט זיך אַלץ מיט אייך , ער האָט חלעבען זעהר געלאַכט בשעת מיר האָבען געאַרבייט אין דער קדושה עפּיס האָט ער , דאַכט זיך געזאָגט , קאַטשאַן . װייס איך װאָס קאַטשאַן הייסט ? אינדיקזוימען צו קאַטשעקעפּוטער . . . ." דער חזן האָט פאַרביסען דיא ליפּען , קלאַמפּערשט געמאַכט זיך לאַבענדיג און געזאָגט דעם עולם אויף מיר , אַז איך בין אַ שוטה , שטאַרק תמעוואַטע , װייכט נישט װער עס האָט מיך געשוירען , צו דיא אַלע מעלות בין איך נאָך גראַד איצט אַביסיל פאַרלעקט , נאָר ער מוז אַזאַ אָנשיקעניש האַלטען צוליב דעם קולכעל , דעם עולם איז געוואָרען עפּיס אויך פריקרע , דיא מלוה מלכּה האָט זיך נישט געקלייעט און מען איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען עפּיס צושטערכעט . איהר קענט אייך משער זיין , װאָס איך האָב דערנאָך

געלייזט

געלייזט. דער חזן האט מיר געוויזן וואס פאר א גאט מיר האבען און דאס ביסעל פונש איז מיר בּאַקים אויסגעפאלען.

איך בין מיט דעם חזן ווייטער ארומגעפאהרען, זיך אויסגעשלעפט אין א סך יודעשע שטעטליך און אויף שבת נחמו זענין מיר אריינגעפאהרען קיין צוויאטשיטש. דער חזן האט ארויסגעקוקט ואויף צוויאטשעטשער חזנות. ער האט דארט איינגעלייגט די וועלט און געארבייט אויף אלע כלים, די גבאים האבען איהם געבעטען, פארבלייבען דארט אויף ימים נוראים, און ז'ערנאך וועט מען מיט איהם זיך אויסגלייכען, אלסדינג אם ירצה השם גומר זיין. איך בין דער וייל אביסיל בעקאנט געווארען מיט צוויאטשיטשער קונדסים און בין בה"ש ביא דער דארטיגער ווייסער חברה געווען א שטיקעל השוב, היינו, אז ס'איז אויסגעקומען צולויפען מיט א הורא נאך דעם דארטיגען משוגענעם האט מען מיך געלאזט לויפען פאראויס, אדער אז מען האט בעדארף עמיצען מאכען א פאנפע פלעגט מען דערצו נעהמען קליאטשע ביא מיר פון דער קאפאטע און ווען ס'איז א מאל געראטען ארויסצוגנבהנען פונם שמש שאפקעלע דעם שופר פלעגט מען מיך מכבד זיין מיט דעם ערשטען בלאז. עס וואלט מיר אנגעהויבען אפילו צו ווערען גוט. נאר וואס העלפט עס אבער, אז ס'איז נישטא קיין מזל!

הערט נאר מיין סוף ביים ־זן. ראש השנה קענט איהר זיך פירשטעלען וויא מיין חזן נעביך האט געהארעוועט. ער האט געארבייט, וויא מען זאגט, אויף אלע זאסטעווקעס, געדרעהט איטליכם ווארט א מאל צעהן ארויף און אראפ, אויסגעטייטשט מיט דעם פינגער, פון דער געמבע פלוצלים ארין אין דעם ביא קול, היידי־דידי אהער, היידי־דידי אהין און איז שיער נישט געקראכען אויף די ווענד. דער באס איז אחריפגעט געווארען פונם שטייגער מאכען ביים איטליכם שטיקעל א נייא שטייגעריל, נאך א מאל לאטומדום־דום־דום, ווידער א מאל לאטומדום־דום־דום! ער איז אפגעגאנגען מיט שוויים און זיך אלין געווישט מיט דעם פאטשיילכען, וואס איז איהם נישט ארויס פון דער האנד. דעם פלייטער נעביך האט שוין נישט געדינט דער קול, ער האט בעדארפט אריבערשרייען דעם באס, נאר עפים א פייף, א קוויטש און איך, שלימזל, האב כמעט אלע רגע בעדארפט אקוויטש טאן טאטעניא! אדער א לאנגען טראטאטאטי! אוש נוא.... הכלל מען האט געארבייט, זיך געריסען אויף וואס די וועלט שטעהט. אין דער שול האט געדאוועט איינגער מאן א נגיד, ער איז געוועזן אביסיל פון היינטיגער וועלט, א דיקער, א געזונטער, א שטיקעל לץ און זעהר א גוטער מענש. ער פלעגט ליב האבען זיך נארעש צומאכען מיט קינדער

און האט שרעקליך פיינט געהאט דעם חזן פאר זיינע מיאוסע הוויות. אז דער חזן איז אביסיל זיך צופאהרען אין דעם „אתה זוכר“ וואס אין דער מוסף־דיגער שמונה עשרה, זיך געגאנגען ווי אויף א פאטשטאווען וועג און פלעגט ארויסוואַרפען געטאקטע וגאמרליך פא מאלאדעצקי, איז צו מיר שטילערהייט צוגעגאנגען דער לץ, דער נגיד, און האט מיך עפים גאניץ ערענסט א פרעג געטאן: זאג נאר קליינער, קענס־דוא מאכען א ווײנשעל? און מניה־וביה טאקי איז שוין ביי אים אויף דיא ליפען פארטיג געווארען א ווײנשעל, אזא גרויסע, אזא רויטע, אז איך האב מיך שטארק צולאכט. אבער דענסמאל גראד האט דער חזן שוין אויסגעטאקט א וגאמריל און געווארט איך זאל מאכען טראטא־טא־טי! אז דער עולם האט געזעהן, דער חזן איז עפים געבליבען שטיל וויא דערווארגען, האט מען אנגעהויבען פאטשען אויף דיא שטענדערס. דער חזן האט מיט כעס זיך ארומגעקוקט צו מיר, גלייך וויא איך וואלט איהם גענאזעלט, אדער נישט געוואלט אפגעבען וואס איהם קומט. דיא אויגען האבען איהם געפייערט און זיין פנים איז געווען רויט, אויסגעפריעט וויא א צימעס. דער כאס האט אויסגעדרעהט דעם קאפ צו מיר מיט א ברום, וויא א קיה צו א קעלבעל, איך זאל שוין אפענטפערען, מיין טראטא־טא־טי! נאר קוים וואס איך האב מיך גענומען קוויטשען האט דער נגיד אקעגען מיר געמאכט נאך א מאל א ווײנשעל און איך האב פון דער העלער הויט אויסגעשאסען א געלעכטער הויך אויף א קוויטש! דער חזן האט זיך ראסקאלאשעט, פארפוטעט און פארפלוטעט, איז ארויסגעשפרונגען פון דיא האלאבלעס, אראפ פונם גלייכען שליאך, האט איבערגעהיפערט א שטיק שמונה עשרה און דערצו נאך געמאכט עטליכע גרייזען, דער עולם האט פון אלע זייטען געמאכט פארוואונדערט אי, אי, געקלאפט און געסטוקעט. דיא ווייבער דארט אין דער ווייבערשער שול האבען זיך שטארק דערשראקען און אין איין אטהעם א געשריא געטאן: אוי, עס ברענט! . . . דא האבען שוין ווידער דיא מאנסבילען זיך דערשראקען, זיך אנגעהויבען שטופען און ארויסלויפען פון דער שול. דער כלל ס'איז שוין געווען א צערידערט דאווענען. דער עולם איז שרעקליך נישט צופרידען געווען. אויף מארגען נאך ראש השנה האט דער חזן מיך ארויסגעטריבען און אליין איז ער נעביך בבושה וחרפה אוועקגעפאהרען, זיך ווייטער ערגיץ ארומשלעפען. איך, שלימזל, בין איבערגעבליבען אין צוויאטשיץ וויא אויפן וואסער.

דער

ז.

דֶער רָב , זָאל לֶעבֶּען , הָאט אִין מִיטֶען עֶנֶין אַנִידֶערגֶעלֵייגְט דִיא פַּאפִּירֶען אָפְּצוּרוּהֶען זִיךְ אַבִּיסִיל אוּנ צוּחַאפֶּען דֶעם אָטְהֶעם . עֶר הָאט אַ קוּק גֶעטָאן אוֹיף דִיא נְגִידִים אוּנ גֶעזָאגְט צוּ זֵייא מִיט דִיא וֶוערְטֶער :

— אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אֵייעֶר כָּבוֹד, רַבּוֹתַי , וָואס אִיךְ פַאַרְנֶעהְם אַייךְ מִיט אַזַא מַעֲשֶׂה , אִיהְר זֶענְט דָאךְ מֶענְשֶׁען , סוֹחֲרִים , אִיטְלִיכֶער פוּן אַייךְ אִיז אַ טָרוּד פַאַרְדְרֶעהְט אִין זַיינֶע עֲסָקִים אוּנ הָאט אַוַודַאי קֵיין צַייט נִישְׁט ! נָאר וָואס זָאל אִיךְ טָאן ס'אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה מְקַיֵים צוּזַיין צַוָאת הַמֵת . עֶר , עָלָיו הַשָּׁלוֹם , הָאט עֶס פוּן מִיר פַאַרְלַאנְגְט אוּנ פַאַרְדִינְט טַאקִי מִיט רֶעכְט מֶען זָאל מְמַלֵא זַיין דִיא בַּקָשָׁה זַיינֶע , אַזוֹי וִויא אִיהְר וֶועט צוּם סוֹף אַלֵיין אַרוֹיסְזֶעהְן . זַייטדְזְשֶׁע מִיר הוּנְדֶערְט מָאל מוֹחֵל רַבּוֹתַי !

— נִישְׁקָשֶׁה , נִישְׁקָשֶׁה ! הָאבֶּען דִיא אַלֶע נְגִידִים זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען . אַדְרַבָּה , רֶבִּי , דִיא מַעֲשֶׂה גֶעפֶעלְט אוּנְז זֶעהְר . מִיר וָואלְטֶען נִישְׁט מִיהְד גֶעוָוארֶען זִיא צוּהֶערֶען בִּיז אִין סוֹף אַרַיין , הָאטְשׁ אַ טָאג מִיט אַ נַאכְט , אַזוֹי שֵׁיין גֶעפֶעהְלְט זִיא אוּנְז . דֶער בֵּייא הָאט יִצְחָק אַבְרָהָם עֶס טַאקִי בֵּייא אוּנְז אַלֶע פַאַרְדִינְט , מִיר זָאלֶען פוּן זַיינֶעט וֶועגֶען אָוֶועקְלֵייגֶען אַבִּיסִיל צַייט אוּנ הֶערֶען זַיין בֶּעשְׁרַייבּוּנְג . מִסְתָּמָא וֶועט דָאךְ עֶס צוּ עֶפִּיס פִיהְרֶען . דֶער סוֹף מוּז אַוַודַאי זַיין וואוּנְדֶער שֵׁיין אוּנ מִיר וֶועלֶען קֵיין חֲרָטָה נִישְׁט הָאבֶּען , וָואס מִיר הָאבֶּען אַזוֹינְס גֶעהֶערְט .

פְּלוּצְלִים הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דִיא טִיהְר , דִיא רֶבִּיצֶען הָאט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ מִיט אַ פְרֶעג : אוֹיבּ עֶמִיצֶער קֶען אִיצְט צוּם רָב אַרַיינְגֶעהְן , עֶפִּיס זֶעהְר מִיט אַ גֶענֵייטִיגֶער זַאךְ , אוּנ אַז זִיא הָאט בֶּעקוּמֶען אַיין עֶנְטְפֶער : יָא ! הָאט זִיא בַּאלְד טַאקִי אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין שְׁטִיבֶּעל עֶפִּיס אַ יוּדֶענֶע אַ בִּילְד שֵׁיינֶע, אַ שְׁוַוארְצְהֶענֶעוְודִיקֶע, מִיט אַ פָּאר אוֹיגֶען וִויא דִיא קַארְשֶׁען , נָאךְ אִין דִיא מִיטֶעלֶע יָאהְרֶען . דִיא נְגִידִים הָאבֶּען פוּן דֶער זַייט דֶערְלַאנְגְט אַ גֶעשְׁמַאקֶען קוּק מִיט אַפֶּעטִיט אוּנ גֶעגֶעסֶען מִיט דִיא אוֹיגֶען דִיא אוּמְבֶּעקַאנְטֶע , שֵׁיינֶע יוּדֶענֶע , וָואס אִיז אַקֶעגֶען אַ פָּאר מִינוּט גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן מְבוּלְבָּל אִין דֶערְמִיט שְׁטִיבֶּעל אוּנ דִיא פַארְבּ אִיז אִיהְר גֶעשְׁטַאנֶען אִין פָּנִים . דֶערְנָאךְ אִיז זִיא מִיט אַ פַאַרְנֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רָב אוּנ גֶעזָאגְט אוֹיף אַבִּיסִיל אַ צִיטֶערְדִיגֶען קוֹל , אַז זִיא הָאט צוּ אִיהְם עֶפִּיס אַ זַאךְ , זִיא קֶען אָבֶּער מִיט אִיהְם דֶער פוּן נִישְׁט רֵיידֶען נָאר אוּנְטֶער פִיער אוֹיגֶען . דֶער רָב הָאט זֶעהְר שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען דֶעם עוֹלָם אוּנ אִיז מִיט דֶער יוּדֶענֶע אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין אַיין אַנְדֶער חֶדֶר אַרַיין .

— אַ רֶבִּי מֶענְדֶעלִי ! וָואס מַאכְט אִיהְר גוּטְס ? הָאט דִיא רֶבִּיצֶען

צוּ

צו מיר זיך געווענדעט נאכדעם אז דער רב איז ארויסגעגאנגען . שוין א לאנגע צייט , רב מענדעלי , זענט איהר היא ביי אונז נישט געוועזען האט איהר עפּיס געבראכט נייס ? די מאנסביל מיינען , אז נאר פון זייערט וועגען בעדארף מען דרוקען ספרים , אלסדינג פון זייערט וועגען , ווייבער האבען גאר קיין נשמה נישט , זיי זענין גאר קיין מענשען נישט און בעדארפען קיין זאך נישט האבען , גענוג פון זייערט וועגען אי דאס וואס זיי לעבען , וואס זיי טראגען , האבען קינדער , האדעווען זיי , קאכען ווארמעס , היטען אפּ די מאנען און ווערען פארשווארצט .

— געלויבט איזט גאט , וואס מען זעהט זיך געזונט ! האב איך געענטפערט . נישקשה רביצען , איך האב אין אייך נישט פארגעסען . איך האב אייך געבראכט א "תחינת ארץ ישראל" גאר א שפּאגעל נייע . זעהט איהר , רביצען קרוין , איהר בעשולדיגט אומזיסט די מאנספארשוינען , מען האט אייך חלעבין אויך אין זינען . קוקט , זייט מוחל , און בעטראכט די תחינות וואס מען מאכט פאר אייך אן . וואס ווילט איהר האבען ? מיר דאכט זיך , מען האט שוין גענוג , איבערגענוג אייך , ווייבער , אנגעמאכט . . . . נישט דאס בין איך אויסען .

— איי־איי רביצען ! האט איינער פון די נגידים מיט א שמייכעלע זיך אנגערופען . איהר ווילט חלעבין מאכען א מרידה אונטער די ווייבער ! הערענדיג אייך וועלען דאך אונזערע ווייבער פארדרייסען די נעז , אנהויבען פאדערען עפּיס גאר נייע זאכען און אונז נאך חלילה וועלען גטען ! נאר איך פרעג אייך רביצען , אז ס'איז שוין יא געקומען צוא רייד , זאגט זשע , זאלט איהר מיר געזונד זיין , פאר וואס זשע האט פּארט שלמה המלך אנגעשריבען , אז אפילו אונטער טויזענט ווייבער האט ער נישט געפונען אי איינע א רעכטע ?

— טאקי דריבער האט ער נישט געפונען , איז די רביצען ארויס מיט א תירוץ , ווייל ער האט געהאט מחילה טויזענט ווייבער , מאנסביל , וואס זוכען צוהאבען א סך ווייבער קענען טאקי איינע א רעכטע אויך נישט האבען , זאגט מיר , איהר וואלט אויף זייער שטעלע בעסער געווען , מאנסביל ? . . . .

— נאר פאר וואס אבער , האט נאך איינער זיך אנגערופען , שטעהט אין אונזערע ספרים , אז די גאנצע חכמה פון איין אשה בעשטעהט אין גאנצען נאר אין דעם שפּינדעל ?

— ס'איז דעריבער , האט די רביצען געענטפערט , ווייל דאס האט אנגעשריבען א מאנסביל . אוודאי זענט איהר חכמים , אז איהר געוועלטיגט און האלט די ווייבער נעביך אין אייערע הענד . דער שטארקער בלייבט תמיד דער קלוגער , דער גערעכטער , וויא זאגט מען

עפּים

עפּים : דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט . נאר ווערטליך אין דער זייט . איך פרעג אייך נישט מעהר , וויא קענט איהר אונז אפּפּסקנען אזוינס , וואס מיר ווייסען און מיר זעהן מיט אונזערע אויגען אז ס'איז נישט אזוי ! ווייניג ווייבער נביאות אי חכמות זענין ביא אונז יודען געוועזען א מאל אין דיא אלטע צייטען און ווייניג ווייבער חכמות, בריות זענין דא ביא אונז אויך היינטיגע צייטען , וואס שטעהן א סך העכער פון אנדערע מאנסביל ? מיר דאכט זיך , אז טאקי דא ביא אונז אין דער שטאדט קען מען אויפצעהלען פיל ווייבער , וואס נאר זייער בריהשקייט און חכמה אליין האבען דיא מאנען צופארדאנקען אלסדינג , זייער כבוד אי זייער עשירות . ווען נישט דיא ווייבער וואלט פון זייא גארנישט געווארען . פון דעסטוועגען זאל אויסקומען א מאל עפּים ביא א שטאדט זאך אדער ביא עפּים איין אנדערען וויכטיגען ענין , ווייסט מען נישט מעהר וויא דיא דאזיגע בעלי־הבתים, וואס טויגען נישט מחילה א קאטץ א נעק צובינדען , דיא ווייבער זענין פאר־רעכענט וויא גארנישט . אלץ בעלי־הבתים , בעלי־הבתים , אפילו אין מרחץ אריין מחילה רופט מען אויך נאר בעלי־הבתים . בעלי־הבתים אין באד אריין ! . . . .

— עפּים זענט איהר מיר היינט רביצען זעהר שטארק אויפגעבראכט , האט דער נגיד ווייטער זיך אנגערופען . עפּים רעדט איהר מיט פארדראס, ס'איז אייך עפּים נישט גוט אויפן הארצען און איהר לאזט אוים אייער כעס צו דיא מאנסביל געביך !

— גלויבט מיר , האט דיא רביצען געזאגט און אין דיא אויגען האבען איהר זיך געשטעלט טרעהרען , גלויבט מיר , וויפיל איך האב גערעדט איז נאך קיין מעשׂר מן המעשׂר נישט וויפיל איך האב נאך בעדארפט ריידען , אזוי פארביטערט איז מיר דאס הארץ . דיא בידנע יודענע נעביך , וואס איהר האט זיא דא ערשט נישט לאנג געזעהן , זיא האט ביא מיר היינט א שטיק געזונט צוגענומען און מיר געוויזען מיט איהר גרוים אומגליק , וועלכעס עס האט זיא געטראפען , וואס מאנסביל זענין , וואס זייא זענין אין שטאנד צוטאן , און וויא פינסטער און ביטער אונזער ווייבערשע לאגע איז נעביך . אז אך און וועה איז אונז , וואס מיר זענין אויף דער וועלט נאר געבוירען געווארען ! האט דיא רביצען טיף פונם הארץ א זיפץ געטאן און מיט א טיכעל זיך געווישט דיא אויגען .

— נאט רביצען ! האב איך געזאגט און איהר געגעבען דיא תּחינה וועלכע איך האב ארויסגעטאפּט פונעם פעקיל , איך ווייס, אז דיא תּחינה איז פאר אייך גוט, פאר אייך איז טאקי חלעבין גוט דיא תּחינה . . .

אמת

— אֶמֶת טַאקִי רֶב מֶענְדֶעלִי ! הָאט דִיא רֶבִּיצֶען זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען ׃ פַאר אוּנְז בִּידְנֶע וַוייבֶּער נֶעבִּיךְ אִיז טַאקִי גוּט נָאר תְּחִינוֹת אֵיין אֵיינְצִיגֶע רְפוּאָה צוּ הֶערְצֶער פוּל מִיט מַכּוֹת מִיט וואוּנְדֶען ; אֵיין אֵיינְצִיג מִיטֶעל אוֹיס צוּ וַויינֶען זִיךְ הָאטְשׁ אַ מָאל אוּנ אוֹיסְצוּגִיסֶען דָאס שְׁוֶוער בִּיטֶער גֶעמִיטְה אִין הֵייסֶע וַוארֶעמֶע קְוַואלֶען טְרֶערֶען . . . . ס'אִיז נָאר אַ וֶועהְטִיג , אַ צוּזֶעטְצֶענִישׁ וִויא דִיא מַאנְסְבִּיל , וָואס פַארְשְׁטֶעהֶען נִישְׁט אוּנ ווילֶען גָאר נִישְׁט פַארְשְׁטֶעהֶען אוּנְזֶער הַארְץ , לַאכֶען , שְׁפָּאטֶען פוּן דִיא וַוייבֶּערְשֶׁע תְּחִינוֹת אוּנ פַארְגִינֶען אוּנְז נִישְׁט אוֹיךְ דִיא דָאזִיגֶע אֵיינְצִיגֶע רְפוּאָה ׃ זֵייא זָאלֶען זִיטְצֶען אַ מָאל אִין דֶער וַוייבֶּערְשֶׁער שׁוּל אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב אוּנ צוּזֶעהֶען דָארְט אַ סַךְ בִּידְנֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע וַוייבֶּער , וָואס הָאבֶּען זִידוּקִים אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן דֶער הֵיים ׃ דִיא מִיט אַ פִינְסְטֶערֶער דָאלְיֶע פוּן אִיהְר מַאן , יֶענֶע אַ וִויסְטֶע עֲגוּנָה , אֵיינֶע מִיט אַ שְׁוֶוער טְרָאגֶען , דִיא אַנְדֶערֶע מִיט אַ פַארְבִּיטֶערְט גֶעמִיטְה פוּן אִיהְרֶם אַ זֵייגֶענְדִיגֶם , קְרַאנְק קִינְד , וָואס לָאזְט זִיא דוּרְךְ דִיא נֶעכְט נִישְׁט שְׁלָאפֶן אוּנ פַארְמוּטְשֶׁעט זִיא נֶעבִּיךְ , דִיא מִיט גֶעשְׁוָואלֶענֶע , אָפְּגֶעבְּרִיהְטֶע הֶענְד פוּנֶם שְׁטֶעהֶען בַּיים אוֹיבֶן אוּנ דִיא מִיט אַ פַארְזָארְגְט , אוֹיסְגֶעבְּלֵייכְט פָּנִים פוּן דֶער שְׁוֶוערֶער פַאנְטְשְׁטְשֶׁענֶע , פוּנֶם שְׁטֶענְדִיגֶען גֶעהֶען אִין יָאךְ , וִויא דִיא דָאזִיגֶע אַלֶע פַארְאוּמֶערְטֶע דֶערְשְׁלָאגֶענֶע נֶעבִּיךְ שְׁטֶעהֶען אַרוּם דֶער זָאגֶערֶען דָארְט , יָאמֶערֶען , קְלָאגֶען מִיט אוֹיפְגֶעהֵייבֶּענֶע אוֹיגֶען צוּם בַּארְמְהַארְצִיגֶען , גֶעטְרַייֶען פָאטֶער אִין הִימֶעל , בֶּעוַואשֶׁען זִיךְ מִיט טְרֶערֶען אוּנ וֵוינֶען פוּן זִיךְ אַרוֹיס דִיא נְשָׁמָה , וֶוען זֵייא , דִיא מַאנְסְבִּיל , זָאלֶען עֶס בֶּעטְרַאכְטֶען אוּנ צוּזֶעהֶען מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען , וָואלְט חָלֶעבִּין זֵייא זִיךְ נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט דָאס מוֹיל צוּשְׁפֶּעטֶען פוּן דִיא וַוייבֶּערְשֶׁע תְּחִינוֹת . . . . אַ דַאנְק אַייךְ רֶב מֶענְדֶעלִי ! וָואס אִיהְר הָאט אִין מִיר נִישְׁט פַארְגֶעסֶען ׃ אִיךְ וֶועל אַייךְ בַּאלְד אַרַיינְשִׁיקֶען פַאר דֶער תְּחִינָה ׃ אַזוֹי הָאט דִיא רֶבִּיצֶען אַ זָאג גֶעטָאן צוּם סוֹף , זִיךְ אוֹיסְגֶעווִישְׁט דִיא אוֹיגֶען אוּנ שְׁטִילֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען ׃

אַלֶע מֶענְשֶׁען אִין דֶעם שְׁטִיבֶּעל זֶענִין אַ הִיבְּשֶׁע צַייט גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִיל וִויא דָאס לָשׁוֹן הָאט זֵייא אָפְּגֶענוּמֶען ׃ דִיא רֶבִּיצֶען מִיט אִיהְרֶע רֵייד הָאט אוֹיף זֵייא אָנְגֶעוָוארְפֶען עֶפִּיס אַ מָרָה־שְׁחוֹרָה , אִיךְ בִּין מִיר גֶעזֶעסֶען אוּמֶעטִיג אִין אַ וִוינְקֶעל אוּנ צוּקַייעט דֶער רֶבִּיצֶענְס אִיטְלִיכְם וָוארְט ׃ אִיהְרֶע וֶוערְטֶער זֶענִין גֶעוֶוען אָנְגֶעזַאפְּט וִויא אַ שְׁוָואם מִיט שַׁארְפֶע , בִּיטֶערֶע גֶעפִיהְלֶען אוּנ מִיךְ גֶעשְׁטָאכֶען , גֶעצוּפְּט אִי אָנְגֶעחַאפְּט בַּיים הַארְץ וָואס מֶעהְר אִיךְ הָאבּ זֵייא צוּקַייעט ׃ מִיר אִיז דֶענְסְמָאל גֶעוֶוען צוּ־מוּטְה עֶפִּיס גְלַייךְ וִויא מֶען וָואלְט פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען גֶעפַּאלְמֶעסְט אַ לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען , אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס וַוארֶעמֶע , נָאךְ צַאפְּלֶענְדִיגֶע

הארץ, עס געפענט, געשניטען אריינצוקוקען און זעהן אלסדינג, וואס דארט אינווענדיג געהט פיר. פאר מיינע אויגען האבען געראנגען בלוט, גאל, טרערען מיט איטער און אין די אויערען האט מיר זיך געהערט א זיפצען מיט א קרעכצען. צווישען א סך משונה טרויערדיגע געשטאלטען האט מיר זיך אלץ געדרעהט אין קאפ די בילד־שיינע יודענע, וואס די רביצען האט זיא אזוי בעדויערט, זיא איז מיר פירגעקומען ווי זיא וויינט, ברעכט די הענט און בלוט גיסט זיך איהר פון די אויגען ווי די קארשען. וואס איז דאס פאר א יודענע? וואס איז איהר געביך אזוינס? ווער האט אזעלכע געקענט בעליידיגען? און אין וואס בעשטעהט איהר אומגליק? די דאזיגע אלע זאכען האב איך אלץ געטראכט ביי מיר אין די געדאנקען שטארק פארטיפט, אזוי האב איך אוועקגעטראכט גאנץ היבש ביז איך האב פלוצלים מיך אויפגעוואכט ווי פון א שלאף און א קוק געטאן אויף דעם עולם.

— וואס זיפצט איהר אזוי ר' חנא? האט איין נגיד דעם אנדערען געפרעגט.

— איך זיפץ ר' בעריש, האט ר' חנא געענטפערט, אויף דער אבדה, וואס מיר האבען פארלארען. יצחק אברהם איז געוועזן זעהר א נוטצליכער מענש, מיר האבען אלע אין איהם געהאט א פריינד, א טהוער און א בעל סוד. ער איז אונז צופריא אפגעשטארבען. ער האט בעדארפט חאטש נאך עטליכע יאהר לעבען. א שאד חלעבין! מיר מעגען אלע טאקי זיפצען אויף אזא גרויסער אבדה. קיינעם איז יצחק אברהם אזוי נישט אפגעשטארבען ווי דער שטאדט, אונז אלע מיין איך!

— טאקי גאנץ אמת ר' חנא, האבען אלע געענטפערט און זיך שטארק פארטראכט.

איהר ר' פייבוש געהערט דאך טאקי צו־וויסען ווען די קבורה וועט זיין, האט איינער א פרעג געטאן. איהר זענט דאך, ר' פייבוש א טהוער אין דער חברא קדישא.

— די קבורה, ר' אבא, וועט ערשט זיין מארגען. איינמאל איז היינט שווער געוועזן זיך אויסצודרעהן, עס איז געוועזן איין עיכוב מחמת כמה זאכען, און צווייטענס טאקי האט חברה זיך נאך נישט אויסגעגלייכט.

— איך האב נאך היינט א חתונה, האט זיך אנגערופען איין דין. איך בין מיט מסדר קידושין.

— און מיר חלשט גאר דאס הארץ, האט געזאגט דער אנדערער דין. פון אלע זאכען וואלט איך גענומען עפיס אין מויל. מיר איז שוין

טאַקי צייט צוּעסען , איך האָבּ נאָך היינט חוּץ אַ גלעזעל ציקאָריע נישט טועם טעם געוועזן .

— מיינע מערידין טהוּען מיר אָן גאָר צָרות ! איז אַריין אין דער מיט נאָך אַ דין . זאָגט מיר , איך בעט אייך , וואָס טהוּט איהר עפּיס צוּ אייערע מערידין ? מעהרענציםעס , זאָגט מען , זאָל דערצוּ גוּט זיין . ווייס איך ? איך האָבּ אַלץ בּיז אַהער געהאַלטען פוּן געקאָכטע פלוימען מיט צענעם .

— צוּ מערידין איז דיא בּעסטע רפוּאָה, האָבּען בּיידע פריהערדיגע זיך גלייך אַרויסגערעדט , זיך גאָר נישט ווישענדיג מאַכען אוּנ גאָרנישט טאָן. מיר האָבּען עס בּקבּלה פוּן אוּנזערע טאַטעס . . . .

איך בּין געזעסען וויא אויף שפּילקעס אוּנ געציילט דיא מינוטען דער רב זאָל אַריינקומען , איך זאָל שוין זוכה זיין צוּהערען דעם סוֹף פוּן דער גאַנצער מַעֲשֶׂה אוּנ צוּ וואָס בּין איך דאָ אַזוי נייטיג געוועזן . ס'איז מיר צוּגרוּים געוועזן איטליכע רגע אוּנ איך בּין מיד געוואָרען וואַרטענדיג . פּלוּצלים איז אַריין דער רב עפּיס וויא שטאַרק צוּטראָגען מיט אַ געקנייטשטען שטערען , וואָס דאָס האָט זעהר גוּט בּעוויזען , אַז אינווענדיג אין קאָפּ זענין דאָ פיל מַחֲשָׁבוֹת אוּנ ס'איז עפּיס נישט גלאַטיק. ער האָט עטליכע מאָל אַ פיהר געטאָן דיא האַנד איבער דעם פּנים אוּנ דערבּייא אויסגעצויגען דיא האָר פוּנם בּאָרד. דער נאָך האָט ער זיך געווענדעט צוּם עוֹלם בּזה הלשון :

— זייט מיר הוּנדערט מאָל מוֹחל רבּוֹתי , וואָס איך האָבּ אייך דאָ געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען . איך בּין געוועזן טרוּד מיט דער דאָזיגער יוּדענע נעבּיך , אַצינד בּין איך זעהר צוּטראָגען, עס טהוּט מיר , לא עליכם , אַבּיסיל וועה דער קאָפּ . דערבּייא איז שוין טאַקי אַבּיסיל שפּעטליך , דעריבּער וואָלט איך געזאָגט , לאָז דאָס ליגען פאַר היינט גענוּג זיין . אִם ירצה השם מאָרגען פריא , בּעט איך אייך , זאָלט איהר מוֹחל זיין קומען , וועלען מיר בּלי נדר דערלייגען בּיז אין דעם סוֹף אַריין. נאָר איך בּעט אייך צוּקומען , אויבּ אייער גוּטער ווילען וועט זיין , פריא , טאַקי גאַנץ פריא , בּאַלד נאָך דעם דאַווענען .

דער עוֹלם איז זיך צוּגאַנגען . אַז איך בּין צוּריקגעקומען צוּם בּית המדרש האָבּ איך געטראָפען מיין הוּנגעריג פערדיל נעבּיך וויא ער שטעהט מיט אויפגעשטעלטע אויערען אוּנ קוּקט אין בּיידעל אַריין. נוּא חכם מיינער , האָבּ איך געזאָגט אוּנ איהם אַ נעהם געטאָן פריינדליך בּייא דער טשאַפּריגע, קוּם עסען סיטשקע ! לעת עתּה , חכם מיינער , בּיסט דוּא נישט קראַנק צוּעסען סיטשקע . מאָרגען אִם ירצה השם אַז דיא

חכמה

חכמה דיינע וועט איינגעהן, דענסמאל זעהסט דוא, האסט דוא ביא מיר א גאנץ מעסטיל האבער.

ח.

קוים וואס איך האב דערלעבט מארגען פריא אפצודאווענען האב איך עפים איבערגעהאפט אין דער גיך, איבערגעלאזען ווייטער אויף דעם שמש מיין ביידעל מיט דעם פערדיל און מיך געיאגט געשווינד צום רב, וואס אהינצו איז באלד טאקי אנגעקומען דער איבעריגער געכטיגער עולם, חוץ איין ר׳ פייבוש אליין האט געפעלט צום מספר. אלע האבען פשוט געברענט הערען דעם סוף פון דער מעשה און זיך געריכט אויף עפים נייעס. דער רב האט זיך אנידערגעזעצט, גענומען אין האנט דיא פאפירען און נאכדעם וויא ער האט זיך אביסיל אויסגעהוסט האט ער געזאגט:

— מיר זענין געכטען, דאכט זיך געבליבען דער ביא: „איך, שלימזל, בין איבערגעבליבען אין צוויאטשיץ וויא אויפן וואסער". יא טאקי דא, דא! אצינד רבותי, הערט זייט מוחל ווייטער און זייט מיך נישט מפסיק. אט וואס ער שרייבט ווייטער:

ראש השנה האב איך אין צוויאטשיץ געגעסען ביא א יודען, וואס איז שווער אקוראט צובעשטימען וואס פאר א מענש ער איז געוועזן: עפים נישט קיין חסיד, נישט פון היינטיגער וועלט, עפים אי אהין אי אהער און דאכט זיך ווידער טאקי נישט אהין נישט אהער; נישט געקליידט אלטפעטעריש, נישט היינטיגע מאדיש, נישט, וויא מען זאגט, פליישיג, נישט מילכיג. עפים נא האלבגעבראטען, גלאט פאר זיך עפים א מין יוד. איך האב דער נאך אין דער וועלט בעגעגענט א סך אזעלכע מיני יודען, נאר איך בין קיינמאל אויף זייא קיין מבין נישט געוועזן און נישט געקענט רעכט פארשטעהן וואס פאר א מענשען זייא זענין . . . . אז איך בין דא געבליבען עלענט, זיך ארומגעבלאנקעט וויא א שעפעלע איינער אליין, נישט געהאט מיט וואס א טאג איבערצוקומען, האב איך מיך מישב געוועזן און בין געגאנגען צו דעם דאזיגען יודען און האב איהם דערציילט מיין אומגליק, דיא גרויסע צרה וואס מיך האט געטראפען. דער דאזיגער יוד איז געוועזן בטבע נישט קיין שלעכטער, א שותק, א רענדיל א ווארט, ער האט מיך שווייגענדיג אויסגעהערט און אלין געזעלט דיא וואנטשעס. דערנאך האט ער פארטראכטערהייט א מאך געטאן, איך זאל בלייבען ביא איהם אין שטוב און געהייסען מען זאל מיר געבען עפים עסען. ביא דער נאכט

ארום

ארום זייגער צעהן , עלף , אז אויף דער גאס האט מען שוין ניקשט געזעהן קיין משוגענעם הונד אונ אין דרויסען איז געווען אזוי פינסטער חאטש אײן אויג ארויסצונעהמען איז ער מיט מיר געגאנגען העט העט אין עק שטאדט , ערגיץ אין א פארווארפן געסעל . אין דעם דאזיגען געסעל , איז געווען רוהיג , שטיל וויא אויף א בית־עולם , עס האט נאר זיך געהערט דארט א רוישען פון ביימער , וואס דער ווינד האט מיט זייא געטרעשטשעט ווי אויך א גערשושקעריא פון עטליכע איבערגעבליבענע דארע בלעטליך ערגיץ דארט אויף א ביימעל אונ א קויל פון א דריבנער־אסענדיג רעגענדעל, וואס האט צו־ווײלען געקראפעט אויף אראפגעפאלענע בלעטער אי אויף פארטריקענטע גראז פון אלערליא מיני גארטענוואַרג . איז דער ווינד אויף א רגע אנשוויגען געווארען האט פון דערווייטענס זיך געלאזט הערען א געקלאפעריא ערגיץ פון א מיהל אונ א ליארעם , א גערייש פון א ביסטרע פלייצענדיג וואסער . קוים האט דער ווינד ווידער אויף דאס נייא אנגעהויבען , האבען מיט איהם , ביים אנהויב , פון דער שטאדט זיך פארטראגען מטושטשע , פארמישטע מיני קולות : א קרעה פון א האהן , א מריקען פון א קיה , א סקריפ פון אהינ־אונ־אהער זיך שליידערענדיגען טויער , א גערידער , א געטימעל פון א בעל־העגלישער פארענדיגער יאזדע אונ א בילען, א האווקען פון א בעל־הבתישען הונד. א פנים אז אין יענעם געסעל זענין נישט געזעסען קיין יודען , זיסט וואלט דאך דארט נישט געווען קיין גערטנער מיט ביימער , אויף דער ערד וואלט דאך נישט געווען צוזייעט,צו שפרייעט קיין בלעטער אונ מיין יוד וואלט דאך געמוזט טאפען דעם וועג ער זאל חלילה אין דערמיט גאס נישט ארויף אויף א קיה , אדער נישט אנשלאגען זיך אין צובראכענע טרעפליך פאר איטליכער טיהר . מיין יוד איז מיט מיר אלץ געגאנגען געגאנגען , נישט צוריידען אפילו איין ווארט ביז צום סוף זענין מיר צוגעקומען צו א הייפעל אונ אריינגעגאנגען דארט אין א נידעריגם, נישט־קיין גרויס הייזעל . אין א קליין פאר חדר האט געצאנקט א לעכט , דארט האט מיין יוד אויסגעטאן זיין אויבערקלייד אונ איז אריינגעגאנגען אין צווייטען חדר , מיר אבער האט ער געהייסעןווארטען דא אין דעם פאר חדר . מיר איז גראד אויסגעקומען דארט שטעהן הינטער דער צוגעמאכטער טהיר האב איך געהערט אט אזא מין שמועס :

— גוטען אבענד הערר גוטמאנן !

— ווילקאממען הערר יאקאבזאהן ! א , וואס פאר א גאסט ! שאן זייט דרייא וואכען ווארען זיא ניכט בייא מיר . וואס זאל עס דייטען הערר יאקאבזאהן ?

— ליבער הערר גוטמאנן וויא האב איך געקאנט ? זיא וויסן דאך

הײנט

הַיינְט אִיז דִיא הֵיילִיגֶע פֵייעֶרְטַאגֶע יוֹם טוֹבִים צַייט אוּנ דִיא הִיעֲזִיגֶע יוּדֶען זֶענֶען אַצוּנְד נָאךְ מֶעהְר פַאנַאטִישׁ וִויא אַיין אַנְדֶערְשׁ מָאל, זִיא קֶענֶען דָאךְ מַיין לַאגֶע וִויא אָבְּהֶעֶנְגִיג אִיךְ בִּין פוּן דִיזֶע לַייט. זֵייא זָאלֶען מִיךְ אַ שְׁטֵייגֶער דֶערְזֶעהְן גֶעהְן צוּ אִיהְנֶען....

— זִיא הָאבֶּען פָאלְלְקָאמֶּען רֶעכְט הֶערְר יַאקָאבְּזָאהְן. אוֹיבּ אַזוֹי הָאבֶּען זִיא רֶעכְט. יַא זִיא זִינְד אָבְּהֶעֶנְגִיג, זִיא הָאבֶּען פַאמִילְיֶע.

— הָאט אִיהְר שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַייעֶר וֶוערְק, הֶערְר גוּטְמַאנְן ?

— אָ, יַא, דַאס בּוּךְ אִיזְט מֶערְקְוֶוערְדִיג גֶעלוּנְגֶען. זֶעהְר אַ גִיטְצְלִיכֶער סֵפֶר! שַׁאדֶע נוּר, דָאס בַּייא אוּנְז זֶעהְר וֶוענִיג מֶענְשֶׁען זִינְד, וֶועלְכֶע הֶעבְּרֵייאִישׁ לֶעזֶען.

— זָאגֶען זִיא בֶּעסֶער הֶער גוּטְמַאנְן, דָאס אִיהְר קַיין בֶּעלוֹינוּנְג פַאר אַייעֶר אַרְבַּייט הָאט אוּנ זִיא מִיסֶען אָפְּטְמָאל גֶעבִּיךְ דַארְבֶּען אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ אוּמְפֶערְדִינְט לַיידֶען פֶערְאַכְטוּנְג אוּנ רְדִיפוֹת.

— גְלוֹיבֶּען זִיא מִיר, הֶערְר יַאקָאבְּזָאהְן. דֶער שְׁרַייבֶּער, דֶער דִיכְטֶער, בְּרוֹיכְט אֵייגֶענְטְלִיךְ קֵיינֶען אַנְדֶערֶן לָאהְן אוֹיסֶער פֶערְשְׁטַאנְדֶען צוּ וֶוערְדֶען. פֶערְאַכְטוּנְג, רְדִיפוֹת, מַאנְגֶעל, דִיזֶע שְׁפָּארְנֶען נוּר זַיין גַייסְט צוּר אַרְבַּייט אַן. עֶרְסְט דֶענְסְמָאל גְלוּסְט זִיךְ אַרְבַּייטֶען אוּנ־פֶערְדִינְטֶע פֶערְאַכְטוּנְג, אוּמְכָּבוֹד, אִיזְט עֶבֶּען זָא דֶעם מֶענְשֶׁען אַנְגֶענֶעהְם לִיעֶב, וִויא פֶערְדִינְטֶע אַכְטוּנְג, פִיר דִיא וַוארְהַייט, דֶעם אֱמֶת, צוּלַיידֶען אִיזְט אֵייגֶענְטְלִיךְ קַיין לַיידֶען. לַיידֶען הֵייסְט חַנְפֶעהְנֶען, צְווִיאַטְשֶׁען, זִיךְ זֶעלְבְּסְט פֶערְלֵייגְנֶען, זַיין גֶעוִויסֶען, זַיין הֶערְץ, זַיין שֵׂכֶל צוּ פֶערְקוֹיפֶען, זִיא מֵיינֶען, אַיין חֵנֶף, אַיין פַאלְשֶׁער מֶענְשׁ צוּ זַיין אִיזְט אֵיינֶע גְרִינְגֶע, לַייכְטֶע אַרְבַּייט? חָלִילָה! עֶס אִיזְט אָבֶער עֶבֶּען זָא שְׁוֶוער וִויא אַיין גַנָב צוּ זַיין. דֶער חֵנֶף, דֶער צְבִיאַק, דֶער פַאלְשֶׁער מוּז אִימְמֶער זָא פִירְכְטֶען, אִימְמֶער זָא אוֹיף דֶער הוּט זַיין, זִיךְ שְׁטֶעֶנְדִיג זָא הִיטֶען וִויא דֶער גַנָב. גְלוֹיבֶּען זִיא דֶען, דָאס אַלֶע מַיינֶע פֶערְפָאלְגֶער, וֶועלְכֶע מִיךְ רוֹדְפֶען, רֶעלִיגְיָאז, אֱמֶת פְרוּם אוּנ גְלִיקְלִיךְ זִינְד? אָ, נַיין, נַיין! אַיין גֶעוִויסֶער טְהֵייל פוּן זֵייא רוֹדְפֶען, פֶערְפָאלְגֶען מִיךְ בְּלָאס אוֹיס נַייד, אוֹיס קִנְאָה. גַאנְץ פָּשׁוּט, זֵייא פִיהְלֶען זִיךְ פַאר לֵיידִיגֶע, אוּנְוִויסֶענְדֶע, אוּנִיטְצְלִיכֶע מֶענְשֶׁען, זֵייא שְׁטֶעכְט פַאר וָואס אִיז דָא אַיין פֶערְשְׁטֶעֶנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, וֶועלְכֶער אוֹיף זֵייא אַ מֵבִין אִיזְט אוּנ נֶעהְמְט זֵייא דוּרְךְ אוּנ דוּרְךְ מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען. זֵייא שַׁייעֶן זִיךְ פַאר אָפֶענֶע אוֹיגֶען זָא וִויא פְלֶעדֶער מַייזֶע פַאר דִיא שְׁטְרַאהְלֶען פוּן דֶער לִיכְטִיגֶער זוּן.

— ווירְקְלִיךְ, הֶערְר גוּטְמַאנְן, מִיט זֶעלְכֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען אוּנ זֶעלְכֶע גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת זִינְד זִיא בֶּאֱמֶת טַאקִי בֶּענֵיידֶענְסְוֶוערְטְה. מֶען דַארְף זִיא טַאקִי מְקַנֵא זַיין. ווִיסֶען זִיא, וָואס אֵייגֶענְטְלִיךְ בִּין אִיךְ יֶעצְט צוּא

איהנען

איהנען געקאממען ? איהר האט מיר שוין איינינע מאל געזאגט, אז איהר ברויכט נייטיג אַ יונגעל, צושיקען אַ מאל אַ גאנג. איצונד האב איך אַזעלכען בעקאממען אונ האב איהם געבראכט. עס שיינט, ער איז איין עהרליך יונגעל, חאטשע אַביסיל אַ לעקיש, ניט געשליפען.

איך האב דעם דאזיגען שמיעס כמעט אין גאנצען פארשטאנען, דאס הייסט נישט דעם געדאנק, דעם פשט דערפון, דאס איז געווען נישט פאר מיין מוח, איך האב נאר פארשטאַנען ווערטער. אַ טהייל ווערטער זענין געוועזן פון אונזער לשון יודיש-דייטש, אונ אויפן ביסעל דייטשע ווערטער האב איך שוין געקענט וויא ס'איז מיך אנשטויסען, מחמת ארומפאהרענדיג מיט דעם חזן האב איך אַלערלייא סאָרטען מענשען געהערט ריידען. דער חזן אַליין פלעגט אויך ליב האבען אַריינצווארפען אַ מאל אין זיין שמיעס עפיס אַ דייטש ווארט ווען עס האט איהם געפאסט. אַ מאל פלעגט איהם נאך גאר אויסקומען צוזאגען, אַז ער זינגט נאך באַטען אונ קארחיש דאווענען קען ער אויך.... דיא תלמוד תורה האט מיר אויך געגעבען אַביסיל דייטש פון דיא טייטשווערטער אין חומש, וויא אַשטייגער: "ועלטה" אונ אַ נעפיל. "וסעדו לבכם" אונ לעהענט אונטער אייער הארץ. "ירכי" מיין דיך. "מחשף" ענטפלעקט. "באחו" אויפן געמייזאכץ. "בין המשפתים" צווישין דיא געמארקען. "ותהללה" אונ דוא האסט זיא פארשוועכט. "קוממיות" האפערליך. וכדומה נאך אַזעלכע טייטשען. אין דער צעלניק קלייט האב איך אויך געחאפט עטליכע דייטשע ווערטער פון דיא עלטערע משרתים, וואס פלעגען אַ מאל אין אַ שמיעס מיט אַ קונה זיך צולאזען אויף דייטש: "מיין האר, קוקען זייא אן דיא וואַרע! איך האב באמונות ניכט טהייער געביטען. שוין וועלוועלער פון בארשטש זאג איך איהנען. זייא וועלען, מיין האר, קיין חרטה ניכט האבען." נאר חוץ דעם גאר פארשטעהן טאקי אַלע יודען דייטש. ס'איז דאך פארט זייער מוטערשפראכע....

דיא טיר האט פלוצלים זיך אויפגעעפענט אונ מען האט מיך אַריינגרופין אין דעם צווייטען חדר. מיין יוד איז דארט געזעסען אן דעם הויטיל. דר דייטש האט מיך אנגענומען ביא דער האנד אונ געזאגט צו מיר גאר פריינדליך:

— נוא ליבער, יונגער מענש! דוא ווילסט ביא מיר אין הויז זיך שטעלען? ביא מיר וועסט דוא נישט האבען קיין שווערע מלאכות. דוא וועסט בעדארפען טאן געוויינטליכע זאכען אונ געהן אַ מאל אַ גאנג.

איך האב אויסגעטאלעפעטשעט אַ פאר אויגען אונ עפיס אַזוי תמעוואטע געקוקט, אַז דער דייטש האט נישט געקענט זיך איינהאלטען אַ שמייכעל צוטאן. ער איז מיר אָבער באַלד זעהר געפעלען. זיין פנים האט אויסגעזעהן עפיס אַזוי גוט אונ ער האט מיט מיר עפיס אַזוי

פריינדליך גערעדט, נישט וויא אלע אנדערע, וויא דער שניידער, דער חזן א שטייגער און וויא דיא מאמע מיינע אפילו, און געקוקט אויף מיר מיט אזא רוהיגער גוטער מינע, אז עס האט מיך צו איהם עפּיס געצויגען. איך האב אויפגעהויבען דיא האנד צו מיין שמיישען מיטצעל (ווארום איך בין שטענדיג געגאנגען אין א שמיישען מיטצעל, סייא ווינטער סייא זומער אין די גרויסע היטצען, בשעת אפילו איך בין געגאנגען בארפים) האב עס א קאפּ אונטערגעהויבען און געהאלטען איבער דעם קאפּ, דערנאך האב איך עס א ריק געטאן אויף איין זייט, אויף דער אנדערער זייט קאפּ, אביסיל א בייג געגעבען צום פּנים, א שלעפּ געטאן פון הינטען, אהין אהער, א קאפּעטשקע העבער, און מיט דער אנדערער האנד א טאפּ געגעבען דיא פּאות, א קראטץ דיא פּאטיליצע. איך האב פּשוט אליין נישט גיוואוסט וואס צוטאן מיט דעם קאפּ און מיט דעם מיטצעל, ביז לסוף האב איך מיר געמאכט א הארץ און האב עס אויף גאטס בעראטה ראפּטאם אראפּגעחאפּט פונם קאפּ. איך האב בשעת מעשה געפיהלט וויא איבער מיין הוילען קאפּ וועהט עפּיס א קיהל ווינטעלע, גלייך מען וואלט מיך געשוירען, אלע רגע האב איך געמוזט מיך ביא איהם א טאפּ טאן. ס'איז מיר פירגעקומען עפּיס ווילד משונה!

— נוא, מיין ליבעס קינד, האט דער דייטש געזאגט און מיר ארויפגעלייגט זיין האנד אויף דעם אקסעל. דוא ביסט א גוטער בורש! וויא הייסט דוא?

איך בין געשטאנען פארדולט, אקוראט וויא א מאל פאר יענעם דייטש אין דער תלמוד־תורה, האב געעפענט א מויל, אויסגעשטעלט דיא אויגען און געקוקט לעקישעוואטע נאר וויא איין אנגעמאהלטער גולם.

— וויא הייסט דו? האט דער דייטש מיך נאך א מאל אפּערג געטאן.

— איך ווייס?!

— שטייטש, דוא ווייסט נישט וויא דוא הייסט? ווער דען זשע ווייסט?

— דיא מאמע, האב איך געענטפערט, דיא מאמע מיינע פלעגט מיך רופען יצחק אברהמצע; דער תלמוד־תורה מלמד — איטצע אברהמעלע; דער שניידער: ממזרוק איציק אברהמעל; דער שוסטער, בשעת ער פלעגט מיר צו ווינטשעווען ווען איך האב געטראגען דיא פּאמייניצע, האט מיך גערופען איטצוניא אברהמוניא, און דער חזן — אברהמקע. היינט וויא זאל איך וויסען וויא אזוי איך הייס?

— גערעכט! האט דער דייטש געזאגט מיט א שמייכעל, נאר זיבען נעמען וויא יתרו האסט־דוא פארט נישט. דוא האסט נאר איין

צונויפגעפארטען

צונויפגעפארטען נאמען: יצחק־אברהם זעהר א שיינער, נאך דיא אבות. איך וועל דיך טאקי אזו רופען. דוא הייסט ביא מיר איזאק אברהאם, אדער אברהאם. נוא, ווילסט דוא בייא מיר זיין אברהאם?

— איהר זאלט מיך אבער נישט הרגענען, שלאגען. איך האב שוין חלעבען קיין גאנץ ביינדעל נישט.

— בייא דעם דייטש האבען טרעהרען זיך געשטעלט אין דיא אויגען. ער האט מיך אנגענומען בייא דער פלייצע אונ אריינקוקענדיג מיר אין פנים געמאכט אזוי: נעביך, נעביך! עס ווייזט אויס ער האט זעהר פיל געליטען. אזוי יונג אונ האט שוין נעביך קיין גאנץ ביינדעל נישט! יא, יא, האט ער זיך אנגערופען דער נאך צו מיין יודען, יא, ער איזט ווירקליך פלומפ, זעהר נאאיוו, תמעוואטע, אבער איין גוטער בורשע.

מיין יוד האט געשוויגען אונ נאר געגלעט דיא וואנטשעס.

— ניין! האט דער דייטש ווידער צו מיר געזאגט. איך וועל דיך אויף מיין ווארט, נישט אנריהרען, דוא ביסט דאך אזא מענש וויא איך, חוץ דעם ביסט דוא נאך איין עלענדער אויך. זייא רוהיג, איך וועל דיך נישט שלאגען, נוא בלייבסט דוא בייא מיר?

— יא! האב איך געענטפערט אונ בין געבליבען בים דייטש.

דער דייטש איז נעביך געווען זעהר ארעם, נאר דיא ארעמקייט אבער האט בייא איהם אין הויז קיין שליטה נישט געהאט ארויס צו ווייזען זיך מיט איהר אומריינקייט, פוילקייט, אפגעלאזענהייט אונ מיט אלע איהרע איבעריגע מיאוסע סימני דלות וויא געוועהנטליך בייא אלע אנדערע, אונ בפרט נאך בייא יודישע ארעמע נישט קיין פארמעגליכע לייט. אין שטוב בייא איהם איז געווען ריין, אלסדינג אויף זיין ארט. עס האט געלויכטען געפינקעלט אין איטליכם ווינקעלע. דיא מאדאם זיין ווייב, האט אכטונג געגעבען אין איטליכער שפארינע, נישט געזעסען קיין רגע ליידיג: געקאכט, געבאקען, געשמירט, גערייניגט, געארבייט גענעהט, פארריכט גרעט, אונ בייא דיא אלע דאזיגע מלאכות, וואס מאכען איין אנדערע בייז וויא א רוח, איז זיא שטענדיג געוועזן רוהיג שטיל, מיט א פרעהליך פנים. צו אלסדינג האט זיא געהאט צייט, וויא פארטראגען זיא איז געווען איז איר נאך איבערגעבליבען צייט צוהאלטען א מאל א בוך צולייענען אונ וויסען וואס טהוט זיך וואס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאן איז בייא איהר געווען געהויכט אונ געקרוינט, זיא האט פון אים אי פון זיין שרייבען געהאלטען עולם־ומלואה, נישט צוגעלאזען צו איהם קיין שום עגמת־נפש, וואס האט איהם געקענט שטערען פון דער ארבייט אונ איז געווען מיט איהם באמת איין גוף,

איין

איין נשמה. זייער עלטסטע טאכטער, א פיינע איין אידעלע, פלעגט צוהעלפען דער מוטער, פלעגט וואשען, פרעסען, טאן וואס מען בעדארף אונ זעהר שיין שטריקען. זיא האט געהאט אויף איבערצובייטען נאר איין קלייד, אבער וויא שיין אונ ריין איז עס תמיד געוועזען, נאר שפאנגעל־נייא וויא ערשט פון דער נאדעל! אלע טאג אין איין בעשטימטער צייט פלעגט זיא לעהרנען מיט איהרע צוויא קליינע שוועסטערליך, וועלכע זיא האט מדריך געוועזען, געגעבען א גוטע עדוקאציע, זייא תמיד געצוואגען אונ געפיהרט ריין וויים אנגעטאן. — דער עלטערער זון האט געלערינט אין אוניווערסיטעט, וואס פון דארט פלעגט ער אפט שיקען צו דיא עלטערען הייסע ווארעמע בריעף, אין וועלכע ער פלעגט זייא טרייסטען אונ בעטען, זייא זאלען זיך נישט זארגען, אפעסען זיך דאס הארץ דערפון, וואס זייא זענין נישט ביכולת איהם צוהעלפען מיט עפיס געלד אויף זיינע הצטרכות. אמת טאקי, ער ליידט אביסיל דחקות, אבער ער האפט, אז ער וועט וויא עס איז זיך אויסדרעהען אונ נישט שטארבען פאר הונגער. נישקשה, פלעגט ער אויסלאזען מיט א טרייסט, דאס וואס איהר האט מיר געגעבען האבען עס אנדערע רייכע טאטעס אונ מאמעס זייערע קינדער בשום אופן נישט געגעבען, איהר האט מיר געגעבען א סך מעהר פון געלד — איהר האט מיך געלעהרענט, אויסגעאיידעלט מיין הארץ, אריינגעלייגט אין מיר גוטע געפיהלען: ליבשאפט צו מענשען, רחמנות צו בידנע אומגליקליכע לייט, אונ מיך געוויינט זיך צובעגניגען מיט ווייניג, איבערצוטראגען צרות אונטער א שלעכטע צייט מיט א פרעהליך געמיטה. אזעלכע מדות טובות, וואס רייכע עלטערען קענען זייא מיט גאר זייער געלד אונ דעם גאנצען פארמעגען זייערע קינדער נישט געבען.... דעם זוהנס דאזיגע בריעף פלעגען אלע אין שטוב זעהר אפט לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פרייען אונ צוגלייך זיך בעוואשען מיט טרעהרען. הכלל דאס איז געוועזען זעהר א טהייערע, זעלטענע פאמיליע. איך האב דענסמאל אבער נאך גאר אזוי ווייט קיין שכל נישט געהאט דאס אלסדינג צופארשטיין אקוראט וויא איך האב עס איצט דא בעשריבען, איך האב נישט מעהר וויא געפילט, אז גוטמאן אונ זיין ווייב זענין עפיס גאר אנדערע מיני מענשען, נישט א שטייגער וויא לייזער דער שניידער מיט לייזעריכען. וויא ר׳ עזריאל דער מלמד מיט זיין פלוניתטע אונ אויך נישט אפילו וויא דער רייכער צעלניקער מיט זיין דיקער, געזונטער צעלניקערען, דיא אשת חיל, וואס האט געהאט א פיסק אויף שרויפען, געטראגען א האלז פערעל, א זיידען קלייד אונ אין גאנצען איז זיא געוועזען פארשמירט, פארשלומפערט. האב מעהר נישט וויא גלאט געזעהן,

אַז דָאס אִיז נִישְׁט דָאס הויז , נִישְׁט , מִישְׁטֶעהֶנֶעס גֶעזָאגְט, יֶענֶע יודִישֶׁע אָפְּגֶעלָאזֶענֶע , צוּקְרָאכֶענֶע קִינְדֶערְלִיךְ, נָאר אִין תּוֹךְ אַרֵיין צוּפַארְשְׁטֶעהֶן דֶעם ווֶערְטָה זַייֶערֶען , דָאס אִיז דֶענְסְמָאל נָאךְ נִישְׁט גֶעווֶען פַאר מַיין מוֹחַ .

דֶער דַייטְשׁ מַיינֶער אִיז גֶעזֶעסֶען טָאג וויא נַאכְט אִין זַיין בֶּעזוּנְדֶער חֶדֶר , אַרוּם אִיהְם הָאבֶּען זִיךְ גֶעוואַלְגֶערְט בִּיכֶער אויפֶן טִישׁ אוּנ אוּנְטֶער דֶעם טִישׁ אוּנ עֶר הָאט אַלֶץ גֶעשְׁרִיבֶּען . עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם שְׁרַייבֶּען זֶעהְר פַארְטִיפְט אוּנ מֶען הָאט בֶּעשַׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶעהֶן, אַז עֶר הָאט דֶערְפוּן חִיוּת . עֶר פְּלֶעגְט דֶערְבַּייא אַ מָאל רֶעדֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין , לַאכֶען אָדֶער קְרִיטְצֶען מִיט דִיא צֵיין גְלַייךְ וויא עֶר ווָאלְט מִיט עֶמִיצֶען עֶפִּיס גֶעהַאט וָואס צוּטָאן . הָאט מֶען אִיהְם אַ מָאל אִין דֶערְמִיט מַפְסִיק גֶעוֶוען מִיט עֶפִּיס אַ זַאךְ , הָאט עֶר זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטָאן פְּלוּצְלִים גְלַייךְ וויא עֶר ווָאלְט אַרָאפְּגֶעפַאלֶען פוּנֶם הִימֶעל , גֶעקוּקְט עֶפִּיס צוּטְרָאגֶען אוּנ גֶעעֶנְטְפֶערְט בּוידֶעם נִישְׁט גֶעשְׁטויגֶען , נִישְׁט גֶעפְלויגֶען . אִיךְ פְּלֶעג נִישְׁט אֵיין מָאל מַאכֶען מִיט דִיא אַקְסֶלֶען אוּנ אַוֶועקְגֶעהֶן, נִישְׁט צוּ וויסֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט . שְׁטִיוֶועל הָאבּ אִיךְ אִים פַארְשְׁפָּארְט צוּפוּטְצֶען , ווָארִים עֶר אִיז זֶעהְר זֶעלְטֶען אויסְגֶעגַאנְגֶען , דֶערְפַאר הָאט בַּייא אִיהְם דֶער חַאלַאט אוּנ דִיא שְׁטֶעקְשִׁיךְ שְׁטַארְק מִיאוּס קְרִיעָה גֶערִיסֶען . מַיין עִיקָר אַרְבַּייט אִיז גֶעוֶוען פָּאלְגֶען אַ גַאנְג . עֶר פְּלֶעגְט מִיךְ אָפְּט שִׁיקֶען אויף דֶער פָּאסְט , אָפְּצוּנֶעהְמֶען אוּנ אויפְצוּלֵייגֶען בְּרִיעף אָדֶער פַאסִילְקֶעס . אַ מָאל פְּלֶעגְט עֶר מִיךְ שִׁיקֶען צוּ אֵיינֶעם מִיט אַ קְווִיטֶעל אָדֶער מִיט אַ בּוּךְ וּכְדוֹמֶה נָאךְ אַזֶעלְכֶע גֵיינְג . דַאכְט זִיךְ אִין פְלוּג וָואס אִיז דָאס פַאר אַיין אַרְבַּייט ? זֶעהְר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ . נָאר אָבֶּער נֵיין , סְ'אִיז נָאךְ אַזַא בִּיטֶערֶע , מִיאוּסֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט גָאר נִישְׁטָא ! אַז אִיךְ פְּלֶעג אַ מָאל אָפְּטְרָאגֶען אֵיינֶעם אַ קְווִיטֶעל פְּלֶעגְט עֶר פַארְדְרֶעהֶן שְׁטַארְק מִיט דֶער נָאז , גְלַייךְ וויא סְ'אִיז אִיהְם פַארְגַאנְגֶען אַ רֵיחַ פוּן שַׁארְפֶען עֶרְשְׁט אָנְגֶערִיבֶּענֶעם חְרֵיין , אוּנ מִיט אַ בֵּייז פָּנִים מִיר הֵייסֶען קוּמֶען מָארְגֶען , מָארְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִיבֶּערְמָארְגֶען , אִיבֶּערְמָארְגֶען הָאבּ אִיךְ אִיהְם אִין דֶער הֵיים נִישְׁט גֶעטְרָאפֶען , אוּנ בַּיים קוּמֶען צוּ אִיהְם שְׁפֶּעטֶער נָאךְ אַ מָאל פְּלֶעגְט עֶר שׁוין אויף מִיר אַ הִיק טָאן : וָואס וויל אַט־אַ־דָאס יוּנְגֶעל פוּן מִיר הָאבֶּען ? עֶפִּיס אִיז דָאךְ פוּן אִיהְם נִישְׁט פָּטוּר צוּ ווֶערֶען ! אַיין אַנְדֶערֶער פְּלֶעגְט פָּשׁוּט אָנְזָאגֶען זַיינֶע מְשָׁרְתִים מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט לָאזֶען אויף דֶער שְׁוֶועל ; אַ דְרִיטֶער פְּלֶעגְט אִיבֶּערְלֵייֶענֶען דָאס קְווִיטֶעל , קְווֵיינְקְלֶען זִיךְ אוּנ אַוֶועקְגֶעהֶן , מִיר נִישְׁט צוּזָאגֶען אֲפִילוּ אַ ווָארְט ; אַ פֶערְטֶער פְּלֶעגְט זִיךְ אָנְרוּפֶען וּ: זָאג דֶעם הֶערְר דַיינֶעם אַז אִיךְ בִּין נִישְׁטָא אִין דֶער הֵיים ! פַארְשְׁטֶעהְסְט־

דוּא

דוא ? — הכלל מען פלעגט מיך טרייבען , אויסרייכען וויא איין עפוש . אז מען האט מיך נאר דערזעהן פון דערווייטענס מיט א קוויטעל צו מיט א ביכעל פלעגט מען פראסט דיא טהיר פערשליסען, אדער אנרייצען אויף מיר א הונד , א משרת . . . מען האט געזעהן אז פיל בעקומען פשוט דעם שלאק , דער רוח נעהמט זייא צו פאר א ביכעל , עס מארדעוועט עפים מיט זייא דיא ביינער . פאר וואס זייא האבען דערפאר אזוי מורא ? דאס האב איך דענסמאל נישט געקענט פארשטעהן . האט איינער אונטער צעהן א מאל זיך שוין דערבארעמט און צוגענומען א ביכעל פלעגט ער עס באלד טאקי א שליידער געבען צו אלדע־שווארץ יאהר ערגיץ אונטער א בעט , אדער אונטער א באנק און מיר געבען א צעררישען קערביל אהן א נומער . . . . יענע צייט איז פאר מיר געוועזען זעהר א ביטערע . איך וויניש , אלע מיינע שונאים זאלען געפריפט ווערען , געהן מיט ביכליך צו יודישע נגידים , הערען דערביא זייערע שטעכווערטליך , זעהן וויא עס ענדערט זיך זייא דאס געשטאלט , וויא זייא בלאזען זיך אן , ווערען אש־להבה און אנקוקען זייער פינסטער פרצוף־פנים !

מיין יודיל , אדער הערר יאקאבזאהן , פלעגט אפט קומען צום דייטש שפעט ביא דער נאכט , זיטצען דארט אביסיל און שמיעסין . און ווען איך בין נאר נישט מיד געוועזען פלעג איך א מאל זיך צוהערען אונטער דער טהיר צו זייער שמיעס , גלאט אזוי אבי דיא צייט צופארטרייבען . איינמאל האב איך געהערט וויא יאקאבזאהן האט עפים דערצעהלט פון א דאקטאר שטיינהערץ און זיך אלין שטארק געחידושט. עט, האט גוטמאן זיך אנגערופען, וואס חידושט איהר זיך דא אזוי און ווערט נתפעל ? דער דאקטער שטיינהערץ איז א קליין מענשעלע און דעריבער טאקי איז ער אזוי רייך און ביא אלע גאר דיא נשמה. איז דען ביא אייך נייס , אז מען ווערט א קליין מענשעלע איז מען דאס לעבען און מען דערגרייכט אלעדינג אויף דער וועלט ? — איך בין דערצאפעלט געווארען הערענדיג דיא דאזיגע ווערטער ! סטייטש , גוטמאן , מיין הערר גוטמאן זאגט אויך , אז א קליין מענשעלע איז דיא נשמה און איז רייך ! . . . איך האב פאר גרויס וואונדער א שפרונג געטאן , זיך אנגעהאפט ביים קאפ און בין געוועזען שטארק צוטראגען . גוטמאן אבער האט מיך גראד ארויף געגעבען , און אז ער האט דערזעהן מיין נארעש פנים דענסמאל איז איהם אוממעגליך געוועזען זיך איינצוהאלטען נישט צוא טאן א שמייכעל . מיין יודעל האט אנקוקענדיג מיך געשאקעלט מיט דעם קאפ און געמאכט : עדע ! ער איז נאך טאקי אלין תמעוואטע , דער איינגער לעקיש וואס פריהער ! . . . . אין א קורצער צייט ארום האב

איך

איך ווידער געהערט אונטער דער טהיר, וויא יאקאבזאהן האט אין א שמיעס גערעדט פון איסר וואר'גער, וויא רייך אונ גליקליך ער איז, אין שטאט דער גאנצער פיהרער. זיין חשיבות, זיין שטארקייט איז עפיש גאר שלא כדרך הטבע! — ס'איז גאנץ פשוט, האט דארויף נוטמאן געזאגט: איסר וואר'גער איז א קליין מענשעלע. אונ איז ביי דעם גביר דיא נשמה. דאס אלסדינג איז דווקא כדרך הטבע, ס'איז גאנץ נאטירליך אונ מען האט זיך דא גאר נישט צוחידושען. — יא, טאקי זעהר אמת גוט אויף דער וועלט איז טאקי נאר א קליין מענשעלע! האט יאקאבזאהן געזאגט מיט א זיפץ, זיך באלד טאקי געזעגענט אונ אוועקגעגאנגען.

ט.

ברוך הבא קליין מענשעלע! ווידער דאס קליינע מענשעלע, נאך א מאל טאקי מיינע ערשטע פריהערדיגע געדאנקען! דאס קליינע מענשעלע איז מיר געוועזן זעהר איין אנגעלייגטער גאסט, פונקט וויא געוואונשען אין דער רעכטער צייט ווען איך בין געוועזן זעהר צובראכען, פארומערט, דערשלאגען פון דיא צרות, וואס איך בין אויסגעשטאנען, אונ בין שטארק גערען געוועזן חאטש אביסיל זיך אויסצורוהען. א גאנצע נאכט, נאך דעם פריהערדיגען שמיעס, האב איך שטארק אומרוהיג מיך געווארפען פון איין זייט אויף דער אנדערער אונ ביי מיר אלץ געטראכט אזוי: איסר וואר'גער איז א קליין מענשעלע א נשמה, אונ א רייכער גליקליכער מענש. הייסט דאך א־פנים, אז מען איז א קליין מענשעלע איז מען א רייכער, א גליקליכער! אונ א פנים טאקי, וויא ס'איז משמע, קענען מענשען ווערען קליינע מענשעליך ווען זייא ווילען, אונ אז זייא ווערען קליינע מענשעליך ווערען זייא אי רייך אי גליקליך אונ דערגרייכען אלסדינג אויף דער וועלט, האב איך דאך טאקי האט א־פנים זעהר רעכט, וואס מיר האט תמיד זיך אלץ געגלוסט ווערען א קליין מענשעלע. יא, דאס אלץ איז זעהר רעכט, טאקי זעהר גוט! דיא שאלה איז אבער וויא אזוי ווערט מען א קליין מענשעלע? וויא קומט דיא קאטץ איבערן וואסער? ווען אפילו איך זאל מיך דא אפילו בייגען, קרימען, איינהויקערן זיך אין צעהנטען וועל איך דאך פארט נישט ווערען א קליין מענשעלע. א־פנים אז א קליין מענשעלע צו זיין איז א גרויסע קונץ טאקי א קונץ וואס א קונץ הייסט, נאך א סך א גרעסערע וויא צו מאכען מיט דער רייף אונ אלע אנדערע קאמעדיאנטסקע שטוקעס, דרינגען מוז

אודאי

אוודאי שטעקען עפיס א גרויסע המצאה, ווארים זיכט, וואלטען דאך אלע געקענט זיין קליינע מענשעליך, נשמהליך, רייכע און גליקליכע לייט! . . . אט דיא דאזיגע אלע געדאנקען האב איך זעהר לאנג אלץ געטראכט, געטראכט אויף מיין געלעגער און אז איך בין לסוף אנשלאפען געווארען האט מיר זיך געחלומט וואונדער שיינע זאכען: וויא איך בעגעגען אויף דער גאס א קליין מענשעלע, וואס ארבייט מעשים דרעהט זיך און ווארפט זיך אויף אלע זייטען. אט שפרינגט ער צו צום קהל־שטיבעל, האפט זיך דארט אריין צווישען א געזעמעל קהלס־לייט, דרעהט און מאכט מיט זייא געביך דיא קאמעדיע. דער עולם לאזט זיך נישט לאנג בעטען, נעהמט זיך צום בייטעל און בעצאהלט איטליכען גאנץ פיין פאר דיא אנשטעלען . . . . פון דאנען איז ער וויא א גלגול אריין צו דעם בעל־טאקסע אין בוזעם, איהם געטאן א געשמאקען קיטצעל, ביידע האבען געלאכט, עס האט זייא עפיס משונה הנאה געטאן, און איז דערנאך ארויסצוריק אין גאנצען וויא אפגעגילדט, פונם בעל־טאקסעס קעשענע. דער בעל־טאקסע נעביך האט דרייא מאל אויסגעשפיגען און באלד טאקי זיך געמאכט גאר אנדערע קעשענעס! . . . פונם בעל טאקסעס קעשענע איז ער פוטץ אריין אין דעם מויל פון א פאר שיינע נפשות, בשעת זייא האבען זיך געזעטצט מאכען „ספראוועטצנע צענעס“ אויפן פלייש, נאר וואס זייא זענען בעריט געוועזען ארויסזאגען פינף־און־פערציג גראשען איין אקע, האט ער זייא עפיס א שמיר געגעבען אריינגעחאפט זייער צונג אין זיין הענמיל, זייא נעביך האבען זיך פאראיקעט און גאר א זאג געטאן ז ע כ ט צ י ג! . . . פון זייער מויל. וואס איז געווארען נישט פאר קיין יודען געדאכט, א חאלעווע האט ער וויא א דבוק זיך אנגעטשעפעט אין עפיס א גביר'ל, מיט איהם געדרעהט געדרעהט, געקעהרט וועלטען און געמאכט פון איהם א לעדערנעם דישעל . . . פון דעם לעדערנעם דישעל איז ער מגולגל געווארען אין א „קאכלעפעל“, פונם קאכלעפעל אין א טלית־קטן, פון א טלית־קטן אין א קורץ רעקיל, און פלוצלים זיצט ער גאר רייטענדיג אויף דעם קהלשען צאפ, וואס פאשעט זיך געוועהנטליך צווישען דער טשערעדע שטאדט־בהמות! . . . . הכלל דאס קליינע מענשעלע האט געארבייט, געטאן און וואס ער האט געטאן איז עפיס אויסגעקומען נאר גוט, גוט און גוט. איך האב איהם אזוי שטארק מקנא געוועזן, אז איך האב אזש אנגעהויבען מיך צונופציהען, האב ארונטער גענומען דיא פיס אונטער זיך, זיך געקרימט, געקוועטשט און איינגעהאלטען דעם אטהעם ביז איך האב אויפגעהערט צודיינקען, צופיהלען, צוזעהן און צוהערען, און פלוצלים בין איך, אז וואויל איז מיר, געווארען א קליין מענשעלע, אזוי קליין וויא א פלויא! איך

האב

הָאבּ מִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה גֶעוֶועןּ.ס׳אִיז מִיר אָפְּגֶעגַאנְגֶען דִיא בֵּיינֶער , לִיכְטִיג
גֶעוָוארֶען אִין אַלֶע רמ״ח אֵבָרִים , בַּאלְד טַאקֵי בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַ נְשָׁמָה ,
בַּייא אִיטְלִיכֶען דָאס לֶעבֶּען, אוּנ דָאס גְלִיק הָאט מִיר אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּגֶעהְן
פוּן אַלֶע זַייטֶען , אִיךְ בִּין גֶעפָאהֶרֶען אִין אַ־קָארֶעטֶע אָנְגֶעטָאן וְוִיא
אַ שְׂרָרָה , אַלֶע הָאבֶּען מִיר אָפְּגֶעגֶעבֶּען כָּבוֹד , מִיר צוּגֶעטְרָאגֶען דָאס
שֶׁעהְנְסְטֶע דָאס בֶּעסְטֶע , מַיין קְווִיטֶעל אִיז גֶעגַאנְגֶען . אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן
וָואס אִיךְ וִויל אוּנ גֶעפִירְט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט בַּייא דֶער נָאז , אִיטְלִיכֶער
הָאט פוּן דֶער וַייטֶען אוּיף מִיר גֶעטַייט טִיט דִיא פִינְגֶער : אָט פָאהְרְט
דִיא נְשָׁמָה , אָט גֶעהְט דִיא נְשָׁמָה , אָט רֶעדְט דָארְט עֶפִּים דִיא נְשָׁמָה ,
אַךְ , קוּקְט נָאר אָן דִיא נְשָׁמָה ! שַׁא , וָואס זָאגְט עֶפִּים דִיא נְשָׁמָה ?
וָואס , אִיהְר הָאט נַדְן־גֶעלְט ? לֵייגְט עֶס אַיין בַּייא דֶער נְשָׁמָה ! אִיהְר
הָאט עֶפִּים אַ מִשְׁפָּט , אַ בּוֹרְרוּת ? גֶעהְט חָלֶעבִּין צוּ דֶער נְשָׁמָה ! אִיהְר
בֶּעדַארְפְט אֶפְשַׁר אַ טוֹבָה הָאבֶּען ? צוּ אַ טוֹבָה אִיז נָאר דִיא נְשָׁמָה ! אַ
חָכָם , אַ בַּעַל עֵצָה , אַ חָשׁוּב , אַ מַאכֶער , אַ גַבַּאי , אַ צוּנוֹיפְנֶעהְמֶער
אִיז טַאקֵי נָאר דִיא נְשָׁמָה ! . . . . פְּלוּצְלִים אָבֶּער הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען
זִיךְ אוּיסְצוּגְלַייכֶען , אוּיסְצוּצִיהֶען , עֶפִּים הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען לִיכְטִיג צוּ
וֶוערֶען מִיר אִין דִיא אוֹיגֶען אוּנ גוּט מָארְגֶען דִיר מַמְזְרוּק אִיצִיק אַבְרָהָמֶעל !
אִיךְ אַלֵיין טַאקֵי לִיג צוּלֵייגְט , וְוִיא בַּיים טַאטֶען אִין וַויינְהוֹיז , אוּיף מַיין
גֶעלֶעגֶער . אִיךְ טַאפּ מִיךְ , דָא אַ טָאפּ , דָארְט אַ טַאפּ , יָא , וְוִיא אִיךְ
בִּין אַ יוּד , אִיךְ בִּין עֶס טַאקֵי אַלֵיין ! אִיךְ שְׁלִימַזָל מִיט מַיין אֵייגֶענֶעם
כָּבוֹד , אִין גַאנְצֶען וְוִיא גְרוֹיס אִיךְ בִּין . פוּן וַואנֶען הָאבּ אִיךְ פְלוּצְלִים
דָא מִיךְ גֶענוּמֶען ? אַךְ , הָאבּ אִיךְ עֶס אַבִּיסִיל מִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט פַאר
וָואס אִיךְ בִּין אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ פַאר וָואס אִיךְ בִּין עֶס טַאקֵי אִיךְ
אַלֵיין ! . . . נוּא , הָאבּ אִיךְ דֶערְנָאךְ בַּייא מִיר גֶעטְרַאכְט , נִישְׁקָשֶׁה !
אִיךְ וֶועל שׁוֹין דֶערְגֶעהְן וְוִיא אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע . מַיין
טוֹיט זָאל דָא אֲפִילוּ זַיין מוּז אִיךְ עֶס דֶערְגֶעהְן . דָא הָאבּ אִיךְ בַּאלְד
אָנְגֶעהוֹיבֶּען ווִידֶער זִיךְ צוּבֶּעטְרַאכְטֶען אַזוֹי : בְּשַׁעַת מִיר הָאט זִיךְ
גֶעחָלוֹמְט אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע , אַ רַייכֶער , אַ
גְלִיקְלִיכֶער , אַ פַּיינֶע־בְּרִיָה אוּנ אַ גַאנְצֶער מַאכֶער אִין דֶער שְׁטָאט הָאבּ
אִיךְ דֶענְסְמָאל , דַאכְט זִיךְ אוּיפְגֶעהֶערְט צוּדֵיינְקֶען , צוּפִיהְלֶען , צוּזֶעהְן
אוּנ צוּהֶערֶען , אִיז דָאךְ אַ פָּנִים מַשְׁמַע , אַז מֶען קֶען אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט זַיין
אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע סַיידֶען טַאקֵי מֶען מוּז פְרִיהֶער אוּיפְהֶערֶען צוּדֵיינְקֶען
אוּנ צוּפִיהְלֶען , דָאס הֵייסְט פָּשׁוּט אִיז פָּשׁוּט מֶען זָאל לְגַמְרֵי גָאר נִישְׁט
דֵיינְקֶען , גָאר נִישְׁט פִיהְלֶען , יֶענֶער זָאל אֲפִילוּ דָא פַאר דִיר דִיא כַּפָּרָה
וֶוערֶען אוּנ זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה אָנְטָאן . נָאר וָואס טְהוּט מֶען אָבֶּער דֶערְצוּ ?
וְוִיא אַזוֹי הֶערְט מֶען עֶס אוּיף צוּ דֵיינְקֶען אוּנ צוּ פִיהְלֶען ? דָאס אִיז דָאךְ

טאקע

טאקע דיא גאנצע מלאכה, דרינגען ליגט דאך טאקי דער הונד בעגראבען! איך בין געפאלען אויף א המציאה — פרעגען מיין העהר. איך האב אבער קריק טאקי זיך מישב געווען, סטייטש! ווען גוטמאן זאל וויסען דעם סוד דער פון וואלט ער דאך אליין נעביך געווארען א קליין מענשעלע!! ער וואלט דאך געווען רייך. זיך נישט אזוי גמוטשעט און פארשפארט זיך נעביך שווארצען דאס פנים, שיקען ביכליך און אונטערוואַרפען זיין דיא מיינונגען פון איטליכען בעזונדער. איך האב איבערגעקלעהרט דיא זאך אויף אלע זייטען און בין געבליבען ביי גארנישט.

דעם גאנצען טאג דער נאך בין איך ארומגעגאנגען וויא א דולער, דער קאפ האט מיר זיך געשפאלטען, איך האב נישט געוואוסט וואס איך טהוא און אויף וואס פאר א וועלט איך בין. צו וואס איך האב מיך צוגעריהרט האב איך אנגעמאכט שאדען, איך האב יענעם טאג צובראכען צוויי טהע־גלעזער, עטליכע פארצעלאַיענע טעלער זענין מיר פון דער האנד ארויסגעפאלען, איבערגעקעהרט א טינטער מיט טינט און פארביטען דיא יוצרות ביים סאמאוואר אויפשטעלען: אין דעם ארט פונם וואסער האב איך אריינגעשאטען קוילען און אין דעם ארט פון דיא קוילען אריינגעגאסען וואסער, אלע אין שטוב האבען מיך אנגעקוקט עפיס שטארק פארוואונדערט, זיך געשושקעט און געפיהלט אַיפנים, ס'איז מיט מיר עפיס נישט גלאטיג. גוטמאן האט אנווייזענדיג אויף מיר דער מאדאם זיינער, אנידערגעלייגט א פינגער אויפן שטערען און איהר געזאגט שטיל: ביים יונגעל איז דא, אין קאפ, עפיס נישט רוהיג. נארעש תמעוואטע האט ער תמיד אויסגעזעהן, נאר היינט זעהט ער עס נאך מעהר אויס. ער איז נעביך וויא שטארק דערשלאגען. ער איז נאך גאר א קינד!... א לאנגע צייט בין איך געווען עפיס ביין וויא צעהן רוחות, זיך אלץ געקרימט און נישט געווען צופרידען. דאס הארץ האט מיר געקלאפט שרעקליך שטארק, עס האט מיר דארט איניוועניג געראשט, זיך גערידעוועט וויא אין א מיהל, עפיס וויא א קול האט מיר אלץ געשריגען: יצחק אַבְרָהָם! וואס וועט פון דיר זיין דער תַּכְלִית? ביז וואנען וועסט־דוא אזוי פארשווארצט ווערען און זיין פארוואגעלט? ווער א קליין מענשעלע יצחק אַבְרָהָם! טהוא אלעדינג וואס דוא קענסט און ווער א קליין מענשעלע, וועסט־דוא לעבען גליקליך, אין עושר, אין כבוד און אויסגלייכען דיר דיינע ביינער!... דאס קול האט נישט אויפגעהערט קיין רגע מיר צופיקען דעם קאפ. איך בין ארומגעגאנגען וויא א נעבטיגער, שטארק צומישט און מיר קיין עצה נישט געקענט געבען וואס מען טהוט, וואס מען הייבט אן. פלוצלים איז מיר וויא א בליץ אריין דער געדאנק — זיך שטעלען פאר א משרתיל ביים

לאקמאר

דאקטאר שטיינהערץ ! ביא איהם וועל איך גאנץ גוט מיך צוקוקען צוא איטליכם פיטצעלע און מיט דער צייט דערגעהן דעם סוד וויא אזוי מען ווערד א קליין מענשעלע . מען בעדארף זיין אזא מעגעגע , אזא דערשלאגען יונגעל וויא איך בין געוועזן , צופארשטעהן דענסמאל מיין הארץ און דיא משונה שטארקע געפיהלען, וואס דער דאזיגער געדאנק האט אין מיר אויפגעוועקט . איטליכער אויף דער וועלט , אפילו אזעלכע וואס פארשטעהן איין עסק און קלוגע אין מלי־דעלמא זאכען , טאקי איטליכער בעזונדער האט זיך זיינע מאנקאליעס , זיינע זאבאבאנעס , זיינע נארעשקייטען , שמאכטעס , וואס רעדט זיך זייא איין , וואס ליגען איהם איינגעבאקען אין הארץ , און איטליכענס איינגערעדטע זאכען קומען פיר דעם אנדערען עפים משונה ווילד , אהן טעם אהן ריח . קיינער קען נישט און וויל נישט אריין אין יענעמס לאגע , פיהלען זיין הארץ און פארטראגען זיינע נארעשקייטען , איטליכער נעהמט נאר א ראיה פון זיך . איינער לאכט פונעם אנדערען און אלע זענען משוגע ! . . . .

איך האב אויפגעזוכט א מעקלער , איהם צוגעזאגט א שיין מעקלעריא , אז ער זאל מיך אריינדרעהן פאר א משרתיל ביים דאקטאר שטיינהערץ . עס האט נישט געדויערט לאנג האב איך אפגעטראטען פון מיין גוטען הער גוטמאן , כמעט פון איהם זיך אפגעטראגען , פארגעסען דעם זייא געזונד און איבערגעגאנגען אויף מיין נייא ארט צום דאקטאר !

מיט מיין אריבערטרעטען דאס ערשטע מאל דיא שוועל פונם דאקטארס הויז בין איך געגליכען געוועזן נאר צו א וואנץ , וואס האפט זיך אריין צוגאסט אין א שפעלטיל פון אונזער בעט , זיטצט דארט איבער דעם גאנצען טאג און נעהמט זיך ארויס דיא אויגען קוקענדיג ווען וועלען מיר , מענשען , זיך שוין אפפארטיגען פון אונזערע געשעפטען , זיך אריינלייגען אין בעט . זיא זאל שוין קענען למזל מאכען מיט אונז בעקאנטשאפט , איבערשמיעסין אביסיל מכה דער פרנסה , דיא גאנצע בוונה פון איהר קומען איז דאך טאקי נאר דאס שטיקעל פרנסה — צו האבן פון אונז , פיינע בריות . דיא יניקה . . . . דער דאקטאר שטיינהערץ, דער פיינע בריה , איז פארטראגען געוועזן ערגיץ אין וויכטיגע זאכען , געשארט גאלד פון אלע זייטען און איהם איז גאר אויף דעם זינען נישט געקומען , אז היינט פריא האט צו איהם אין הויז זיך פערקליבען
עפים

עֶפּיס אַ וואַנץ — מַמְזְרוּק אִיצִיק אַבְרָהָמֶעל , וָואס וֶועט אִיהְם דָא גוּט נָאכְקוּקֶען אַלֶע זַיינֶע גַיינְג , הַאפֶּען דֶעם סְטְרִיה זַיינֶעם אִין דֶער פַּרְנָסָה אוּנ לֶערְנֶען זִיךְ בַּייא אִיהְם דִיא קוּנְץ, וִויא צוּפַארְוואַרְפֶען זִיךְ אִין אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע . אַ גַאנְצֶען טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבַּייט , גֶעטָאן דִיא מְלָאכוֹת , וֶועלְכֶע דִיא מַאדַאם הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען אוּנ שְׁטִילֶערְהֵייט אִין הַארְץ אַלְץ גֶעגַארְט , אִיךְ זָאל שׁוֹין דֶערְלֶעבֶּען זֶעהְן דָאס קְלֵיינֶע דָאקְטָארִיל ! מִיט־אַ־מָאל עֶפֶענְט זִיךְ פַאר נַאכְט אוֹיף דִיא טְהִיר אוּנ עֶס קוּמְט אַ־יין אַ הוֹיכֶער מֶענְשׁ , אַ בּוּרְלַאק מִיט אַ בּוֹיךְ , הוֹיךְ אוּנ גְרוֹיס וִויא גוֹג־מָגוֹג . וִויא אִיךְ הָאבּ אִיהְם נָאר דֶערְזֶעהְן הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פָּאר אוֹיגֶען אוּנ נָאךְ מַיין שְׁטַייגֶער נָאךְ אִיהְם אָנְגֶעקוּקְט שְׁטַארְק תַּמֶעוואַטֶע . דֶעם בּוּרְלַאק אִיז מַיין קוּקֶען נִישְׁט גֶעפֶעלֶען , עֶר הָאט מִיךְ דוּרְכְגֶעשְׁטָאכֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען אוּנ אוֹיף מִיר בֵּייז אַ הִיק גֶעטָאן : טְשְׁטָא טִי טַאק סְמָאטְרִישׁ בָּאלְוַואן ! אַזַא לָשׁוֹן הָאבּ אִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּנ הָאבּ גָאר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם פֵּירוּשׁ דֶערְפוּן . אוֹי , אוֹי ! הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צִיטֶערֶען , פְלַאטֶערֶען , גְלַייךְ וִויא עֶר ווָאלְט מִיךְ גֶעווָאלְט קוֹילֶען , אִיךְ הֵייס אִיצִיק אַבְרָהָמֶעל , הֵייס אִיךְ , אַבְּרַהַאמְקֶע ! . . . אִיךְ בִּין אַ יָתוֹם . . . דָא אַ מְשָׁרְתִיל בִּין אִיךְ דָא ! . . . „וויִדְנָא טְשְׁטָא טִי בַּאלְשָׁאִי דוּרַאק ! הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דֶער בּוּרְלַאק , נוּא־זְשֶׁע דוּא , פוּן הַיינְט אָן סְמָאטְרִי , אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען זָאלְסְט־דוּא פוּן מִיר גֶעשְׁווִינְד צוּנֶעהְמֶען דֶעם פֶּעלְץ. דִיא קַאלָאשֶׁען, סָלִישֶׁעם ?!״ אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַאר אִים עֶפִּיס אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען , אַז אִיךְ הָאבּ אִין גַאנְצֶען וִויא גְרוֹיס אִיךְ בִּין מִיךְ דֶערְלַאנְגְט אַ וָוארְף אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ שְׁטַארְק אַרוּמְגֶעהַאפְּט מִיט מַיינֶע הֶענְטְלִיךְ דֶעם בּוּרְלַאקְס גֶעזוּנְטֶע פִּיס , אוֹיסְצוּטָאן אִיהְם דִיא קַאלָאשֶׁען . גָאט הָאט מִיר גֶעהָאלְפֶען אִיבֶּערְצוּקוּמֶען בְּשָׁלוֹם דֶעם דָאזִיגֶען שְׁרֶעק אוּנ דֶער בּוּרְלַאק אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם זַאל . אִיךְ הָאבּ שְׁפֶּעטֶער אַבִּיסִיל אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט דֶעם סַאמָאוַואר אוּנ אַ גַאנְצֶען אָוֶענְט דֶעם שֵׁיינֶעם פַּארְשׁוֹין מִיט דֶער מַאדַאם בֶּעדִינְט . בַּייא דֶער נַאכְט הָאבּ אִיךְ אוֹיף מַיין גֶעלֶעגֶער אַלְץ גֶעטְרַאכְט , וֶוער זָאל עֶס זַיין אָט דֶער דָאזִיגֶער בּוּרְלַאק , אָט־אָ דֶער פֶּעמְפִּיק ? אַ גַאנְצֶע נַאכְט זִיטְצְט עֶר עֶפִּיס אַלֵיין מִיט דֶער מַאדַאם אוּנ מַאכְט מִיט אִיהְר קוֹטְצִיוּנְיוּא־מוּצוּנְיוּא , עֶר זִיא — לְיוּבֶּענְיוּא , אוּנ זִיא אִיהְם צוּרִיק — קֶעטְצֶעלֶע . וָואס אִיז דָאס עֶפִּיס פַאר אַ מִין קֶעטְצֶעלֶע ? אוּנ וואוּ אִיז עֶרְגִיץ דֶער דָאקְטָאר אַלֵיין — אַזוֹי הָאט אַ פָּאר טֶעג כְּסֵדֶר דֶער פֶּעמְפִּיק גֶעמַאכְט זַיינֶע לַאנְגֶע וִויזִיטֶען . וִויא עֶר אִיז נָאר אַרוֹיס אָדֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען אוֹיף דֶער עֶרְד , אָנְצוּטָאן אָדֶער אוֹיסְצוּטָאן אִיהְם דִיא קַאלָאשֶׁען, עֶר פְלֶעגְט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה

זיךְ

זיך האלטען ביא דיא זייטען אונ קוקען מיט גדלות אויף דער שטעליע, ס'איז איהם קיין פיטצעל אפילו נישט אנגעגאנגען, אז ער האט מיט זיינע גראבע פיס וויא דיא קאפיטעס מיר צוגעקלעהמט דיא פינגער. איך האב טאקי לעת עתה נאך אלץ נישט געוואוסט ווער זאל עס אזוינס דער פעמפיק זיין, אט־א דער געזונטער עשו? אפגעפארטיגט זיך איינמאל אין אוועגט פון מיין ארבייט אונ איבערגעלאזט דאס קעטצעלע שפילענדיג זיך מיט דער ליובעניוא בין איך מיר ארונטערגעגאנגען אונטען אין דער קעך, אביסעל בעסער בעקאנט צו ווערען מיט דער קעכנע אונ האב זיא דארט אגב עפים מיט א רחמנות־פנימעל געטאן א פרעג:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז עס אט־א דער, וואס קומט אפט צו גאסט, איז עפים א גאנצער שמעלקע מיט דער מאדאם אונ שלאפט אין דער ספאלניע?

— הא, וואס?! האט דיא קעכנע געמאכט אונ מיך אנגעקוקט פארוואונדערט, וואס זאגסטדוא? סטייטש, עמיצער שלאפט אין דער ספאלניע! וואס הייסט עמיצער?

— וויא איך בין א יוד! האב איך מיך אנגעהויבען צושווערען, זאל איך אזוי אויפגעריכט ווערען! זאל איך אזוי הערען שופר של משיח, וויא איך אליין מיט מיינע אייגענע אויגען אונ אויערען האב איהם געזעהן אונ געהערט אריינגעהן אהין! סטייטש, אוודאי, איך זאל מיט אייך טאקי אזוי געזונט אונ גליקליך זיין! וויא הייסט ער עפים דארט ביים שפיטץ־נאמען, קעטצעלע, צי קאטעריל? ווייסט איהם דער שווארץ יאהר!

— נוא, אונ דער בעל־הבית? האט דיא קעכנע געפרעגט מיט א פרעהליך פנימעל אונ דיא אייגעליך האבען איהר זיך צופלאקערט אזוי וויא אין אויוועז בשעת חלה באקען.

— דער בעל־הבית! האב איך געענטפערט אונ ביא דעם נאמען עפים אביסיל געשטאמעלט, וויא איינער וואס ווערגט זיך אונ וויל פאר יענעם עפים נישט ארויסריידען. דער בעל־בעל־הבית נעכטיגט א פנים נישט אין דער היים. ער האט געמוזט ערגיץ אוועקפאהרען ארבייטען אין זיין עסק . . .

— נוא, אז ס'איז יא אזוי דיא מעשה, האט דיא קעכנע געזאגט מיט עפים א ווילד געלעכטעריל, בין איך טאקי א באלען אליין ארויפצוגעהן זעהן. איך וועל מיר אויסזוכען עפים איין אויסרייד. ס'איז כדאי חלעבין צוזעהן, אז דיא דאמעס זענין נישט בעסער פון דיא דינסטען . . . . זאלען זיא נישט מאכען אזוי קיין חן!

אין עטליכע מינוט ארום איז דיא קעכנע צוריק אראפגעקומען פארפלאמט

פארפלאמט , רויט אנגעצונדען וויא א העליש פייער און האט אויף מיר נעביך געעפענט א פיסק מיט טויטע קללות :

— א דוא עבבראש, יונגאטש איינער ! ביסט דאך ווערטה מען זאל דיך דא צעררייסען וויא א הערינג , ס'איז דאך א העזה פון אזא סמארקאטש , פון אזא פארשטונקענע נשמה , פון אזא שטיק פלייש א ווערעמדיג בחוריל ! אברהם עזות פנים צו דיין קאפ צו דיין לייב און לעבען ! וואס עס האט געזאלט זיין מיר און כל ישראל , רבוני של עולם , טאקי צו דיין קאפ ! פארהאפט זאלסט דוא ווערען , רבוני של עולם ° א קיין תחית המתים זאלסט דוא נישט אויפשטעהן ! אזוי יונג און קען שוין צונויפפיהרען פלאטקעס לאקש בוידעם פאלעצע ! סטייטש אויף קיין גוט ארט זאלסט דוא נישט ליגען, דער הערר אליין סטייטש , זיטצט דאך עס מיט דער מאדאם דארט אין ספאלניע !

— גאט איז מיט אייך , וואס זאגט איהר ? בין איך ארויס מיט דער שפראכע — פאריכטען מיין מזל ביי דער קעכנע , בעטראכט זיך נאר וואס איהר רעדט . סטייטש אט־א דערהויכער בורלאק , אט־א דער גראבער פעמפיק ! . . . .

א רוח אין דיין טאטענס־טאטענס־טאטענס טאטען אריין שייגעץ ! האט די קעכנע זיך צושריגען אויף א קוויטש און א חאפ געטאן דיא קאטשערע , סטייטש שייגעץ , דעם בעל־הבית רופסט דוא בורלאק ! ארויס שייגעץ , ווארים איך וועל דיר דא פלעטען דעם קאפ !

איך האב מיך ארויסגעריקט געשווינד פון דער קעך און בין מיר ווידער ארופגעגאנגען אויבען שא קיטש . אז איך האב מיך אנידער געלייגט אין דער פערעדנע שלאפען האב איך נישט געקענט פאר גרויס וואונדער קיין אויג צומאכען און אלץ ביי מיר געטראכט : וואס הער איך און וואס זעה איך ? דער דאקטאר איז גאר א הויכער, א גרויסער א דיקער ! הייגט וואס־זשע האט גוטמאן געזאגט , ער איז א קליין מענשעלע ?! זאל גוטמאן זאגען א ליגען , אזא גראבען ליגען ? ניין , עס קען נישט זיין ! גוטמאן האט קיינמאל קיינעם נישט אפגענארט , וואס גוטמאן האט געזאגט איז תמיד אמת געוועזן . וואס טהוט זיך דא אזוינס ? דא מוז אודאי עפיס זיין . . . אפשר גאר שטעקט דרינען כשוף , אקאמעדיע ? וויא באלד אז מענשען קענען א מאל זיך פארוואנדלען אין א וואלף , אין א וואקעלאק און אננעהמען אלערליא געשטאלטען , וואס דאס איז דאך א געוויסע זאך, אזוי קלאהר וויא דער טאג און איך האב עס א סך מאל געהערט דערצעהלען פון אלטע יודען מיט גרייז גרויע בערד , מילא איז דאך גאנץ גרינג צוגלויבען , אז מענשען קענען אויך א מאל זיך פארוואנדלען אין קליינע מענשעליך און

דורכדעם

דורכדעם מאַכען אַ גליק! נאָך אַ מאָל, אַז אַ מענש קען ווערען אַ וואָלף — אַ חיה רעה, וואָס לויפט אַרום משוגענער ווייס און בילט, וואָס פרעסט און איז מזיק וועמען ער בעגעגענט, איז דאָך נאָך דעם פון אַ מענשען אין אַ קליין מענשעלע זיך צופאַרקעהרען עפיש גאָר נישט אַזוי שווער. מען בלייבט דאָך טאַקי ביי דעם פריהערדיגען מענשליכען געשטאַלט, מיט דעם אייגענעם פּנים וויא איטליכער, נאָר פון גרויס ווערד מען קליין.... יאָ, איך געה דאַנקען גאָט, דאַכט זיך, אויף אַ שטיקעל דרך. דיא מעשה דער פון איז אַ־פּנים טאַקי אַזוי. דאָ שטעקט הוקעס־פּוקעס! מען מוז דיא זאַך בעטראַכטען, גוט נאָכקוקען און דערגעהן דעם סוד, דיא וועלט זאָל אפילו זיך איבערקעהרען!

מיט דעם דאָזיגען נייעם געדאַנק מיינעם, האָט מיין קינדערשער שכל, וויא איהר זעהט, געשטעלט פעסטער אַ פּיסעל און שוין געמאַכט אַ טריט ווייטער. אַנשטאַט וואָס פריהער איז מיין גלויבען אין דעם קליינעם מענשעלע געווען מגושם גראָב, שטאַרק קינדעריש, גלאַט בפשטות עס קומען אויף דער וועלט אַראָפּ פאַרטיגע קליינע מענשעליך, איז ער איצט שוין אויסגעפיינטער, אויסגעאיידעלטער, עס ליגט שוין אין איהם אַ כּוונה, עפּיס אַ כּח, אַ רוחניות זאַך מיט אַ דרך הטבע, דאָס הייסט: קומען אויף דער וועלט קומען מענשען טאַקי אַלע גלייך וויא זייא זענען, נאָר אַ טהייל מענשען קענען זיך פאַרוואַרפען און ווערען אַ מאָל קליינע מענשליך דורך שמות, דורך רוחות. דרינען ליגט שוין גאָר עפּיס איין איבערהסברא!...

אַז איך בין אין עטליכע טעג אַרום געשטאַנען הינטער דער טהיר, וואָס געהט אַריין פון דער פערעדנע אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט איז מיר אויסגעקומען צוהאָרכען אַזאַ מין שמועס צווישען דעם דאָקטאָר און זיין רופא.

— היינטיגע וואָך, דאָקטאָר, האָט איהר געהאַט אָהן עין־הרע זעהר אַ גוטע. איך האָב אייך נישקשה אַ סך צוגעשאַרט. איך טהוא פאַר אייך דאָס מייניגע בשלמות. צופּויק אומעטום אייער גרויסקייט, וואָס נאָר עפּיס זאָג איך, מען בעדאַרף האָבען אייך, אייך, נאָר אייך, און איהר פאַר מיר מאַכט זיך נישט וויסענדיג.

— וואָס זאָגסט־דוא געטצעל? סטייטש און נעכטען, ערסט נעכטען?

— וואָס דאָקטאָר נעכטען? וואָס איז אַזוינס געווען נעכטען?

— ער האָט אַ קורצען זכרון! וויא הייסט, דוא האָסט פאַרגעסען געטצעל? צוליב וועמען האָב איך נעכטיגען קראַנקען געהייסען שטעלען אַ דרייסיג פּיאַווקעס? צווישען אונז גערעדט, ער האָט אַזוי בעדאַרפט דיינע פּיאַווקעס ווא איך מיט דיר, אַ נאַס טיכעל צום קאָפּ וואָלט גאַנץ

נענוג

געניג געוועזן . פּע , מעגסט זיך חלעבין שעהמען געטצעל ! נאָר צוליב דיר , וואַרהאַפטיג בין איך נעבעכטען געוועזן אַ קליין מענשעלע ! . . .

— איהר , דאָקטאָר , זענט געוועזן נעבעכטען ? אַ קליין מענשעלע , וויא איהר זאָגט , און איך בין געוועזן צו ליב אייך אַ קליין מענשעלע תמיד , אי איירנעכטען , אי נעכטען אי היינט . צווישען אונז גערעדט , האָט דער היינטיגער חולה בעדאַרפט אַ דאָקטאָר ? ער האָט פראַסט דעם קאַטער . אויף מיר קוקענדיג נאָר האָט ער אייך גערופען און איצונד איז שוין דאָ אַ האָפענונג , אַז ער וועט אייך טאַקי שוין בעדאַרפען אָקעגען אַ פּאָר וואָכען רופען און נאָך צווייא מאָל אין טאָג . . . .

— נוא , נוא , וואָס־זשע ווילשט־דוא געטצעל ?

— פּיאַווקעס , דאָקטאָר ! איך האָב אַ סך פּיאַווקעס ! . . .

— זייא רוהיג געטצעל ! דוא וועסט שוין שטעלען פּיאַווקעס . שאַ ! האָסט־דוא נאָר גוטע סחורה געטצעל ? דוא ווייסט דאָך , איך בין אַ מקפּיד אין אַזעלכע זאַכען .

— עכט פרישע פּיאַווקעליך דאָקטאָר, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען ! איך אַליין האָב אויך פּיינט יענעם צונאַרען . . . .

העע־העע ! אַזוי איז גאָר דיא מעשה ?! האָב איך געטראַכט ביי מיר אין האַרץ נאָכדעם וויא איך האָב געהערט אַזאַ שמועס און דיא זאַך אַביסיל בעסער צונומען ליגענדיג ביי דער נאַכט אויף מיין געלעגער . אַ־פּנים וויא איך הער דאָ און זעה הייסט אַ קליין מענשעלע נישט פּשוט זיין אַ קליינעמשקער , וויא איך נאַרעלע האָב פריהער געמיינט . מען קען גאָר זיין אַ גרויסער, אפילו אַ גאַנץ גרויסער און פּאַרט אַ קליין מענשעלע . מען קען דר ביי טאַקי אפילו בלייבען אַגרויסער, תמיד טאַקי אַגרויסער. . . . איך בין מיר משער, אַז אַ קליין מענשעלע הייסט גאָר צאַפּען פרעמד בלוט און אויסנאַרען געלד . אָט וואו דער הונד ליגט בעגראָבען ! איצט־אָ האָב איך אַביסיל שוין אָנגעהויבען רעכט צופאַרשטעהן און קומען צום אמתן שכל . אָט וואָס הייסט רייבען זיך אין דער וועלט , צווישען לייט ! נאָר וואָס העלפט עס אָבער וואָס איך ווייס שוין פון דעם סוד אַז איך בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר , קיין רופא און קען נישט שטעלען קיין פּיאַווקעס ? מען מוז זוכען עפּיס אַנדערע מיטעל , עפּיס כמו אַזוי וויא אַזאַ וועג נאָר אויף איין אַנדער אופן , עפּיס צאַפּען און פּאַרט נישט צאַפּען פּשוט בלוט . דערצו מוז אַודאי זיין נאָך אַ סך אַנדערע מיני תחבולות , וואָס מען מוז זייא דערגעהן . דאָ האָב איך שוין פּשוט מעהר נישט וואָס צוטאָן . וואָס־זשע טהוט מען ווייטער ? האַ ! חלעבין דאָס איז גאָר נישט קרום , דאָס איז חלעבין גאַנץ גלייך . טאַקי איטער וואַרגער ! מען בעדאַרף זיך אַריינדרעהן צו איטער וואַרגער . וויא איך

בין

בין א יוד צו איסר וואַרגער! דאס הארץ זאגט מיר עפּיס צו איהם, צו איסר וואַרגער! איסר וואַרגער איז דאך אויך א קליין מענשעלע אונ זעהר א גרויסער פאַרנעהם. הא?! . . .

אט אזעלכע געדאַנקען האבען מיר זיך געדרעהט אין דעם קאפּ אונ מיך נישט געלאזען שלאפען כמעט דיא גאַנצע נאַכט. איך בין דיא נאַכט עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאהר מעהר אונ געפיהלט אין מיר עפּיס א פאַרענדערונג. אויף מאָרגען האב איך נישט געמאַכט לאַנג שיהות, אויפגעזוכט מיין בעקאַנטען מעקלער, איהם צוגעזאגט נאך א בעסער מעקלעריי וויא פריהער אונ נאך אין עטליכע טעג אַרום האט ער מיך אַריינגעשלייערט צו איסר וואַרגער

יא.

איסר וואַרגער איז געוועזען איינער פון דיא פאַרנעמסטע בעל־הבתים אין צוויאַטשיץ, אַלע האבען פאַר איהם געהאַט דאס ניינעהריגע קדחת אונ עס האט מיט איטליכען געוואָרפען אַז ער האט אַרויסגערעדט א וואָרט. וואס טייטש איסר, עפּיס אַ קליינגקייט איסר! איסר אַליין האט נישט געהאַנדעלט, נישט אַריינגעטאָן קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער אונ פון דעסטוועגען האט ביי איהם אין שטוב תּמיד געקאַכט וויא אין א קעסעל, דער אַריין יענער אַרויס, קינד אונ קייט אַלע ביי רב איסרן. מיינט איהר אפשר, איסר איז געוועזען א גרויסער למדן, אַ גרויסער יחסן? חלילה! אפילו נישט קיין קליינער. ער האט קוים קוים געקענט דאַוונען אונ איז געוועזען וויא מען זאגט „המכה בעברתו" דאס הייסט שטומפּיג אויף דער עברי. פון דעסטוועגען האט ער געהאַט א טלית־אונ תּפילין זאק זעהר אַ גרויסען, זעהר אַ גראָבען פון עטליכע בני־פקועהליך, אַרומגעלאַמעוועט מיט רויטע קרייקעס. דאָרט אינוועניג האט זיך געפונען אַי אַ סידור „דרך החיים" מיט אַלע נייטיגע דינים, אַי אַ תּהלים מיט מעמדות, אַי אַ „חוקיל" אונ אַ „שערי ציון". אַ האַנד צום שרייבען האט ער געהאַט זעהר אַ שווערע, דיא פען האט וויא אויף צו־להכעיס בשום אופן נישט געוואָלט ביי איהם געהן אין זיינע שליחות, ער האט זיא געשטופּט אַהין אונ זיא איז גאר פאַרקראָכען קיין בויבעריק, זיא האט געשפּריצט, געמאַכט קלעקען, געקריצט, געדריגעט אונ זיך געשטעלט דיבאָם. ער האט איהם נעביך גענוג צרות געקאסט איטליכס וואָרט אונ איידער ער האט ביי איהר אַרויסבעקומען שוואַרץ אויף וויים זיין חתימה „איסר" זענין איהם דיא אויגען פונם קאפּ שיער נישט אַרויסגעקראָכען אונ איז פּשוט אָפּגעגאַנגען מיט שווייס.

ער פלעגט דערנאך זיך ווישען דעם שטערען מיט דעם ארבעל פונם
העמד אדער פון דער קאפאטע און קאפען גלייך וויא ער וואלט געהאקט
האלץ. דיא מעלה קען מען אויף איהם זאגען, אז אין דעם אויסלייגען
איז ער נישט געווען וויא אנדערע א שטארקער מחמיר, איין אות האט
בייא איהם נישט געשפילט אזא וויכטיגע ראליע שטעה פארענט צי
הינטען אדער שטעה אפילו גאר ניט מאכט אויך נישט אזוי אויס, מען
וועט זיך אנשטויסען נישקשה, און ווען ער פלעגט דרינען א מאל עפיס
מסופק זיין, דא איז איהם דיא פען דוקא ביגעשטאנען אין דיא נויטען;
זיא פלעגט זיך טאן א יאג מאכען א צוק מיט א קלעק און דערמיט האט
ער שוין געקענט יוצא זיין לכל הדעות, פון זיינע אלע זאכען שטעל איך
דא אייך ארויס זיין "וויאב" מיט זיבען גרייזען און זיין עברי זעטצען אין
דער הגדה: "תרח אבי, אברהם ואבי, נחור ויעבדו" וועלכם דערפון
וועט אייך בעסער געפעלען ווייס איך נישט, מיר אבער זענין ביידע
גלייך זעהר געפעלען. מילא דאס האט איהר זיין לומדות, און וואס
אנבעלאנגט זיין יחוס איז נישט געווען מיט וואס זיך איבערצונעהמען.
ער האט נישט געשטאמט פון דער גילדענער פאן און האט אין דער
יוגענט קיין פלעצעליך מיט פוטער נישט געגעסען, דער אמת טאקי איז,
אזוי וויא איך בין עס שפעטער דערגאנגען, ער איז געווען א קליין
מענשעלע און דער מיט האט ער א ים בעסער געמאכט וויא איין אנדערער
מיט זיין תורה אדער מיט זיין סחורה. בייא דעם צוויאטשער גביר איז
ער באמת טאקי געווען גאר דיא נשמה, נאר עפיס — איסר. הכלל איסר,
איסר, נאר איסר! איסר איז געווען זיין נשמה, זיין פוס זיין האנד, זיין
אלץ מיט אנאנדער און דורכדעם ממילא א גרויסער חשוב דער גאנצער
כל־וולך אין דער שטאדט. אט פון דעם רב איסרן האב איך א סך זאכען
מיך אויסגעלערענט. ער, טאקי נאר ער איז מיין אמתער רבי. ער
האט מיר געעפענט דיא אויגען; ער האט מיר אין דעם מויל א פינגער
אריינגעלייגט און מיר געגעבען צופארשטעהן זעהר פיל זאכען, וואס
געהן אין דער וועלט פיר, מיר פארענטפערט הארבע קשיות, דערקלעהרט
גוזמות רעטענישען בייא אונז אין דער פיהרונג; ער האט מיך געשטעלט
אויף א שטייגער, מיך אויסגעריבען, אויסגעשליפען און געמאכט פון
מיר א כלי, קורץ, ער האט מיר געוויזען א וועג און ענטפלעקט דעם סוד
וויא צו־ווערען א קליין מענשעלע.

בטבע איז איסר געווען א פארביסענער, זעהר א באהאלטענער
מענש, מען האט בייא איהם קיינמאל נישט געקענט וויסען דאס מינדעסטע
וואס ער דיינקט און וויא מען האלט מיט איהם. וואס ער האט געמיינט
האט ער נישט גערעדט און וואס ער האט גערעדט האט ער נישט געמיינט.

אפילו

אפילו דאס ווייב זיינס האט בשא איהם גארנישט געוואוסט, ער האט פון איהר אונ פון זיינע קינדער זיך געהאלטען תמיד ווייט, אלע אין שטוב האבען פאר איהם געהאט דרך ארץ, ער האט נישט גערעדט, נישט געטענהט קיין סך אונ קוים האט ער עפיס ארויסגערעדט א ווארט האט עס געמוזט בעשאפען ווערען טאקי גיך אין דער הייסער רגע. זיין פנים איז שטענדיג געווען אלין איינס, תמיד ערענסט אונ וויא עפיס פארטראכט. קיין הויך געלעכטער האט מען פון איהם קיינמאל נישט געהערט זעלטען נאר פלעגט ער מיט א פארמאכט מויל טאן עפיס א שמייכעל, נאר דאס זויערע שמייכעלע איז אבער געווען נישט מעהר וויא א ציה מיט איין זייט פון דיא דינע ליפען, דער איבעריגער טהייל פנים האט דערפון אפילו נישט געהאט קיין רמז דרמיזה, איז געבליבען אייז־קאלט, דיא אויגען גלעזערנע אזוי וויא פריהער. א גוטען ברודער אבער האט ער געהאט, אין וועלכען ער האט געקלעפט מיט לייב אונ לעבען, מיט איהם איז ער שוין געווען בעריידעוודיג זיך נישט פארשטעלט אויף קיין האר, מיט איהם האט ער ליב געהאט צופארברייגגען אפט דיא צייט ביא א גלעזיל וויין אונ אריינצולאזען זיך אין א שמיעס, מיט איהם איז איסר עפיס וויא איבערגעביטען געווארען אונ איז נישט געווען גאר דער איסר. פאר איהם איז געווען זיין הארץ אפען אויף ביידע טויערען אונ ער האט אהין געקענט אלע צייט פראנק אונ פרייא אריינגעהן, איבערלייענען דארט אונ וויסען איסר'ס אלע סודות. ווער שמיעסט אז איסר איז נאך געווען א קאפ פארלעקט, דענסמאל פלעגט ער שוין גאר אוועקנעהמען דיא האנד פונם הארצען אונ וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג. ער פלעגט געווענטליך מיט זיין גוטען ברודער זיך פארקלייבען אין זיין בעזונדער חדר, אוועקשמיעסין אונ אויסריידען זיך פרייא דאס הארץ. איך האב שוין לאנג בעקומען דיא נאטור צושטעהן הינטער דר טהיר אונ זיך צו הערן צו דעם וואס מען רעדט. איך וויל דא אייך איבערגעבען א מקצת פון איסר'ס שמיעסין מיט זיין גוטען ברודער צו וועלכע איך האב מיך אונטערגעהערט, וואס דאס וועט אייך אביסיל חאטש דערקלערען איסר'ס גאנג, איסר'ס שיטה אין דעם לעבען אונ איסר'ס בליק אויף דער וועלט, אונ וועלכע איך האב אייזענ־פעסט מיך געהאלטען.

— הער נאר אוים גוטער ברודער! האב איסר ווארגער איינמאל זיך אנגערופען אז ער איז געקומען מיט זיין גוטען ברודער עפיס פרעהליך, אביסיל פארקנאקט אונ מיט אים זיך אנידערגעזעצט ביא זיך אין חדר. הער נאר, דוא, טפוש איינער! איך זאג דיר, אז אזא טהייער, אזא גוט פאלק וויא יודען זענין איז אויף דער גאנצער וועלט נישטא, טאקי

זעהר אַ גוט פָאלְק, אַ גָאלְדֶענְס, בֶּנֶאֱמָנוּת, מֶען קֶען פוּן זֵייא הָאבֶּען — אַ גְרָאשֶׁען! ....

— זָאג בֶּעסֶער, אִיסֶר, אַ נַארֶעשׁ פָאלְק. סְ'אִיז נָאךְ אַזֶעלְכֶע נַארָאנִים וִויא יוּדֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט גָאר נִישְׁטָא!

— גֶערֶעדְט, גוּטֶער בְּרוּדֶער! וָואס אֱמֶת אִיז טַאקִי אֱמֶת, סְ'אִיז נָאךְ אַזַא טֶהַייעֶר, אַזַא גוּט, אַזַא נִיטְצְלִיךְ אַזַא גָאלְדֶען אוּנ אַזַא נַארֶעשׁ פָאלְק וִויא אוּנְזֶערֶע אַתָּה־בְחַרְתָּנִיקֶעס גָאר נִישְׁטָא, נִישְׁטָא, נִישְׁטָא!

— וָואס הָאסְט־דוּא עֶפִּיס אַזוֹי זִיךְ צוּרֶעדְט, אִיסֶר, אִין דִיא שְׁבָחִים פוּן דִיא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל? גֶענוּג גֶערֶעדְט! דֶערְצֶעל נָאר בֶּעסֶער מִיט וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזֶען דֶער סוֹף פוּן דֶער הַיינְטִיגֶער אֲסִיפָה?

— וָואס פַאר אַיין אֲסִיפָה?! וָואס פְלוֹידֶערְסְט־דוּא מִיר עֶפִּיס גוּטֶער בְּרוּדֶער!

— רֶעדְט דִבּוּרִים, אִיסֶר! וָואס הֵייסְט, דוּא הָאסְט פַארְגֶעסֶען דִיא אֲסִיפָה? הַיינְטִיגֶע אֲסִיפָה מַכֵּה דֶעם פְלֵייש!

— וַויים אִיךְ פוּן וָואס דוּא רֶעדְסְט, טִפּוּשׁ אֵיינֶער! אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ אַבִּיסִיל דִיא אֲסִיפָה! זִיא הָאט גֶעהַאט אַזַא מַמְשׁוּת, מִישְׁטֶערְנֶעס גֶעזָאגְט, וִויא אַלֶע אַנְדֶערֶע זַייעֶרֶע אֲסִיפוֹת, דוּא הָאסְט בֶּעדַארְפְט שְׁטֶעהְן דָארְט אוּנ זֶעהְן עֶפִּיס שֵׁיינְס. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אַהִינְצוּ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַ גֶערִידֶער. דֶער עוֹלָם הָאט עֶפִּיס גֶעזוּשֶׁעט גֶעזוּשֶׁעט וִוי דִיא פְלִיגֶען. אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען, וָואס וֶועל אִיךְ דָא מִיךְ שְׁטֶעלֶען אַ יַם בְּרַייעֶן מִיט דֶעם גַאנְצֶען פֶּעקִיל, אוּנ נִישְׁט לַאנְג גֶעטְרַאכְט הָאבּ אִיךְ הוֹיךְ אַ זָאג גֶעטָאן, גְלַאט אַזוֹי אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין: מַה רַעַשׁ אַז מֶעהְר מִיט עֶטְלִיכֶע גְרָאשֶׁען? סְ'אִיז נָאךְ נִישְׁט גָאר אַזַא אוּמְגְלִיק. גְלוֹיבְּט מִיר יוּדֶען, אַ סַךְ אַ גְרֶעסֶער אוּמְגְלִיק וֶועט זַיין, אַז דֶער בַּעַל טַאקְסֶע וֶועט אִין כַּעַס וֶוערֶען אוּנ חָלִילָה זִיךְ וֶועלֶען אָפְּזָאגֶען! גְלוֹיבְּט מִיר יוּדֶען סְ'אִיז אַזוֹי. — טָאמִיר מֵיינְסְט־דוּא, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פַאר וָואס סְ'אִיז אַזוֹי? אָסוּר! נוּא, הָאסְט־דוּא בֶּעדַארְפְט זֶעהְן וִויא עֶטְלִיכֶע שֵׁיינֶע בַּעֲלֵי־הַבָּתִּים, וָואס הַאלְטֶען זִיךְ פַאר קְלוּגֶע, גֶענִיטֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעמַאכְט עֶרֶענְסְטֶע פְּנִימְלִיךְ, זִיךְ גֶענוּמֶען פַאר דִיא בֶּערְדְלִיךְ אוּנ מִיט אַ נַארֶעשׁ קְנֵייטְשֶׁעלֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען: טַאקִי אֱמֶת סְ'אִיז אַזוֹי. מֶען הָאט גָאר נִישְׁט צוּרֵיידֶען, סְ'אִיז גֶעוִויס אַזוֹי .... דֶער אִיבֶּערִיגֶער עוֹלָם הָאט אַקֶעגֶען דֶעם נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּעֶנְטְפֶערֶען גְלַייךְ וִויא אַקֶעגֶען אַ גֶעוִוויסֶער, שׁוֹין אַיין אוֹיסְגֶעמַאכְטֶער זַאךְ אוּנ זֶענֶען אַלֶע כִּמְעַט גֶעבְּלִיבֶּען עֶפִּיס וִויא דֶערְוָוארְגֶען, עֶמִיצֶער זָאל עֶס זִיךְ בֶּערֶעכֶענֶען, חָאטְשׁ זִיךְ אַלֵיין פְרֶעגֶען: פַאר וָואס אִיז עֶס אַזוֹי? אֵיינֶער נָאר, עֶפִּיס אַ שֵׁייגֶעץ, אַ מַמְזֵר בֶּן־הַנִּדָּה, אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג אַיין אוֹיג, הָאט

נִישְׁט

נישט געוואָלט נאָכגעבען און אַלץ געטענהט . ס'איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק , אַדרבּה , אַדרבּה . . . . אָהן אַ בעל טאַקסע קענען מענשען אויף דער וועלט אויך לעבען . נאָר דיא קלוגע , געניטע בעלי הבּתּים , וואָס פאַרשטעהן אַין עסק האָבען אויף איהם געקוקט וויא אויף אַ יונגעל , נישט קיין געניטען מענשען , מיט וועמען ס'איז גאָר נישט כּדאי צוריידען און האָבען איהם אפילו נישט מזכּה געווען מיט אַ וואָרט . פון דעסטוועגען וויל איך דעם דאָזיגען שייגעץ פערזאָרגען , דוא ווייסט מיר מוזען , גוטער ברודער , אויף איהם אָנשרייבען אַ שיר המעלה צולייגען איהם אַ גוט קנייטעל עס זאָל גוט אָנרייסען . . . . דוא ווייסט דאָך איך האָב דערצו אַ שווערע האַנד .

— דאָס , איסר , איז אַ שפּעטערדיגע זאַך . מסתּמא וועט שוין זיין רעכט . לאָם איך שוין נאָר דערלעבען הערען מיט וואָס דיא אַסיפה האָט היינט זיך אויסגעלאָזען .

— וואָס פאַרשטעהסט־דוא דאָ נישט טפּוש איינער ! ס'איז דען נאָך אַזאַ גוט , אַזאַ גאָלדען פאָלק וויא יודען ערגיץ דאָ ? מען האָט אַלסדינג נאָכגעגעבען אַרויפגעצויגען נאָך עטליכע גראָשען , מעהר נאָך וויפיל מיר האָבען אַליין זיך געוואונשען , און מען איז זיך פאַנאַנדער= געגאַנגען שטאַרק צופרידען . איך בּין , טפּוש איינער , אַוודאי צופרידען .

— אַוודאי איסר מעגסט־דוא צופרידען זיין , אָבער . . . .

— וואָס אָבער ? טפּוש איינער ! וואָס אָבער ? אָבער אַ רחמנות ! ווילסט דוא אפשר זאָגען, אַ רחמנות אויף אַ שטאָדט אָרעמע לייט ! געה שוין געה נאַרעלע איינער מיט דיין נאַרעשען פּוסטען וואָרט רחמנות ! רחמנות , האָבען אויסגעטראַכט נאָר שלאָפע , שלימזלניקעס , שאָף , וואָס ווייל זייא פיהלען זייער שלאַפקייט , אַז זייא זענין טויגעניכטסען , אָהן כּח אָהן בריהשקייט צודערלאַנגען זייער וואונש , צונעהמען אַלסדינג וואָס זייא פאַרלאַנגען אַז זייא פעהלען אַי נעגעל אַי ציין זיך צוראַנגלען און וועהרען , דעריבער האָבען זייא אויסגעטראַכט דאָס וואָרט רחמנות , עס גינומען פאַר אַ כּלי־זיין , שרייען מוסרען בעטען רחמים , מאַכען רחמנות־פּנימליך און מיינען דערמיט צופועלין . ס'איז אָבער שווינדעל , גוטער ברודער , לויטער שווינדעל ! מען פאַרשטעהט נישקשה אַזעלכע אָנשטעלען , אַזאַ מוסר מיט אַזעלכע מוסר־זאָגער , איך בּין שוין בּרודער אַיין אָנגעלערענטער , אַיין אויסגערייבערט לולקעלע , אַ שטיקעל מבין בּרוך־השם אין דעם סדר העולם חאָטשע נישט אַזאַ גרויסער למדן . מען בּרויכט גאָר דערצו נישט קיין גרויסע לומדות , גענוג חלעבין נאָר אַ גלייכען שכל , אַ שטיקעל תּפיסה קען מען שוין תּופס זיין אין וואָס דיא

גאַנצע

גאנצע וועלט בעשטעהט . זיא בעשטעהט פון צוויא צדדים : פון שטארקע און פון שלאפע , פון וועלף , חיות רעות און פון שאף , בהמות טהורות , דיא נעהמען און יענע גיבען דאס הייטעל . אנדערש קען עס גאר נישט זיין , בייט איבער דיא יוצרות וועט אויסקומען פונקט דאס אייגענע . לאז דער שלאפער נאר בעקומען כח , שווימט ער ארויף פון אויבען , ווערד ער דער פריין און צופיהרט זיך דיא העכטליך ; לאז דאס שעפעלע דערטאפען נעגעל און ציין , וועט ער שטארק קראטצען , שארפען דיא ציין און אראפציהען דיא הויט . פריוו א שטייגער איינעם פון דיא רחמנות־שרייער , פון דיא שלימזלניקעס און מוסר־זאגער געבען עפיס א התמנות אין קהל אויף איין אנדערעגם א שטעלע, אבי ער וועט נאר דערשמעקען זיין כח , אז ער האלט דיא בייטש , הייבט ער שוין אן צושמייסען און צוגעוועלטיקען ביד רמה . נעהם איינעם א נעבעכיל און גיב דיא טאקסע איהם איבער , הייבט ער דאס אייגענע אן , לערגען בלק מיט דעם עולם — צופען , רייסען און ארויסציהען דיא קלייא פון דיא בייגער . "ני דאי באך איז איוואנא פאנא !" איז דא א ווערטיל . זעהר א גלייך , אמתדיג ווערטיל ! משוגע צי חסר דעה האט פאן בעדארפט זיין איוואנען איבערגעבען דיא לייצען . בלייב דיר ביא דיין ורחמנות־פנימעל דוא גוטע כשרה נשמה , דוא פרים שעפעלע , זאג דיר מוסר וויפיל דוא ווילסט , פון דיינע נעגעל און ציין , ווען דוא זאלסט זייא נאר בעקומען , וואלט חלעבין טויזענטער מאל נאך ערגער געווען ! . . . .

— חלילה , איסר ! וואס פאלט דיר איין ? איך מיין גאר נישט קיין רחמנות , נאט אייך גאר רחמנות ! עפיס אנדערש גאר מיין איך , דוא איסר , זאג איך , מעגסט אודאי זיין צופרידען , מהיכא־תיתי . אבער . . . . איך !

— רעדט־זשע , טפוש איינער, ווערטער ! אזוי דוא ווילסט אויך צופרידען זיין ! געה זשע , זייא מוחל , צו אלדע שווארצעיאהר אהין . . . . שטעק ארייין דיא לאפע , וועסט־דוא אויך האפען א לעק . ביסט נישט קראנק חלעבין אליין צובעשטעהן דיין שטעטיל . דער רוח נישקשה האט דיך אויך נישט גענומען . מארגען , ברודער , געהט א נייע כדרא פון קהלשע ענינים , מען וועט מוזען אביסיל צוקנעלען . היינטיגע וואך געהט ביא אונז תרומה , ווען , זאגסט־דוא טפוש איינער , האגען מיר פרשה שקלים ? . . . .

— זעהר קלוג, טפוש איינער , האסט־דוא געטאן,וואס דוא ביסט אציגד געקומען,האט איינמאל איסר אין איין אנדער שמיעס געזאגט צו זיין גוטען ברודער . איך געה ארום מיט א פול האר'ן מחשבות , וויא א קיה

מיט

מיט פולע אייטער , און קען אין מיר שוין מעהר נישט איינהאלטען . איך מוז שטילערהייט א מאל האטש דאס הארץ אפרייידען , אזוי פיל הערען און זעהן וויא איך און שטענדיג שווייגען , טראגען אין זיך איז איבער אלע מענשליכע כחות . זאל איך נישט האבען צו אלדע שווארץ יאהר אזא יוועריע האנד וואלט איך אויף פאפיר מיך א מאל אויסגעגאסען און אנגעשריבען א שיין טריאטער חלעבין . פארזיך נאר דעם ווין . הא , וואס זאגם דוא אויף איהם ? דאס האב איך היינט בעקומען א מתנה פאר עפים א געשעפטיל .

— זעהר א גוט גלעזיל וויין איסר . נאר דערצעהל מיר , וואס איז דאס געוועזן פאר א געשעפט .

— עט , א געשעפטיל , לעמילם עפים א דיעלע . ער האט מיך שוין לאנג געבעטען איך זאל אים דרינגען א טובה טאן , גלייך וויא איך וואלט געוועזן א זאקאנטשיק, נאר דיא נאראנים אבער ביא אונז אין שטאט מיינען , אז אלסדינג איז אנבעלאנגט אין מיר , אבי איך וויל נאר , קען איך העלפען , אז עטליכע שרייבערליך עסען ביא מיר א מאל שבת פיש , ווייל דאס חיות געהט זייא אוים נאך יודישע פיש , מיינען זייא שוין , אז איך בין מיט אלע טשינאווניקעס פון גרויס ביז קליין איין לעבען און אלסדינג געווענדט זיך אין מיר . נאר זאל זיין אזוי טיפוש איינער זאלען זייא, דיא נאראנים, טאקי אזוי זיך מיינען און מיך קומען אלין בעטען טובות. ביא מיר איז פאר זייא תמיד איין ענטפער : מיר וועלען זעהן , מיר וועלען זעהן. מיט א ממה נפשך זאג איך עס , שפילט יענער אוים , הייסט עס איך האב געזעהן , האטש איך האב אזוי פיל געזעהן וויא איך זעה מיינע אויערען און נעהם דערפאר אראפ פון אויבען א מנה יפה . אי וואס יענער פארשפילט , פארליהר איך דאך נישט מיין ווערטה , מיינע תקיפות. יענער דיינק זיך ער האט פארשפילט נאר ווייל איך האב נישט געוואלט זעהן , אבער ווען איך וואלט טאקי באמת געוואלט זעהן , וואלט איך גאנץ זיכער טאקי אויסגעפירט . נוא האט יענער אויף מיר אביסיל תרעומות , לאז ער מיך קומען ווארגען , לאז ער מיך רופען קנאקניסעל, אבער איך האב מיין שם "תקיף" נישט פארלוירען. עט , ער וועט זיך איבערברוגזען , נאך א מאל טאקי קומען בעטען מיין לאסקע און איך וועל איהם ווידער נאך א מאל טאקי ענטפערען : מיר וועלען זעהן , מיר וועלען זעהן . פארשטעהסט־דוא ? — לעמלין האב איך אויך אזוי געענטפערט : מיר וועלען זעהן און איהם דערביא טאקי בתורת עצה אנצוהערעניש געגעבען , אפצושטעקען דארט עפים , פארשטעהסט־דוא ? דארט וואו מען בעדארף . . . . איך האב זעהר גוט געזעהן , אז מיין זעהן אליין קען איהם אזוי פיל העלפען וויא א טויטען באנקעס .

לעמיל

לעמיל אבער איז בייא זיך געווען גאנץ זיכער, אז איך זעה אונ בעט דעם גביר ער זאל אויך זעהן. היינט בייא טאג געהענדיג אין דער גאס האסט־דוא בעדארפט זעהן, וויא לעמיל מיטן ווייב זענין ביידע מיך בעפאלען פאר איין עדה יודען מיט א שמחה אונ מיט טרערען אויף דיא אויגען: "רב איסר, טאטעניא, נשמהניא! טאקי פריהער גאט דערנאך אייך, נשמהניא, האבען מיר צופארדאנקען מיט אונזער עסק וואס מיר האבען היינט אויסגעשפילט, ווען איהר רב איסר זאלט זיך דא נישט געווען אריינלייגען וואלטען מיר נעביך געקענט געהן מיט דיא האר. מיר וועלען עס טאקי דער גאנצער וועלט זאגען, רב איסר!" פארשטאנען האב איך, אז דא האט געהאלפען מיין אנצוהערעניש, לעמיל האט א־פנים גוט אויסגעפאלגט מיין עצה. האסט בעדארפט זעהן בשעת מעשה וויא זייא האבען מיר דא אזוי געדאנקט וואס פאר א קרים איך האב זיך געטאן, גלייך וויא איינער רעדט: וויפיל געזונט אונ לעבען האט מיך אייער עסק געקאסט! וויפיל מיה האב איך דערבייא געהאט ביז איך האב געפועלט! — לעמיל האט מיר שפעטער אביסיל אפגעשיקט א היים מיין רח"ש אונ דערצו נאך עטליכע פלעשליך גוטען וויין. נוא, טיפוש איינער, וואס זאגסט־דוא אויף דעם וויין?

— הלוואי איסר, לאז מען אזוי האבען צוזאגען אויף דיר, אויף דיינע נארונים אונ אויף דעם גאנצען שווינדעל.... לחיים!

— ווער דער ווארגען טיפוש איינער! שווינדעל, זאגט ער, שווינדעל! פאר וואס הייסט דאס בייא דיר שווינדעל? וואס זענין דען דיא אלע עסקים, אלע מסחרים, האק־און־פאק פון אויבען ביז אראפ, נישט קיין שווינדעל? איך זאג דיר אלע עסקים, אלע אפילו אין עולם־הבא זאכען. פארשטעסט־דוא? אויף וואס בעשטעהען דיא אלע מסחרים נאך גאר פון דער התחלה, וויא אזוי ווערען זייא געפיהרט אונ מיט וואס לאזען זייא זיך אויס לסוף? אפשר אויף דעם אמת מוזט־דוא זיכער מיינען? ניין, ברודער! אמת איז נאר א ווערטיל, וואס איטליכער פארשטעהט עס אויף זיין גאנג, אויף איין אנדער אופן וויא עס פאסט צום ענין. דער אמתר אמת איז גאר נישטא אונ קען טאקי גאר נישט זיין, ווייל אונזער שכל קען איהם נישט משיג זיין אונ ער וואלט אויך פאר אונזערע מסחרים גאר נישט געווען קיין גוט ארטיקעל. טויזענטער קאנטארען, טויזענטער קלייטען אונ טויזענטער אנדערע מסחרים, וועלכע דוא זעהסט היינט בייא אונז וואלטען וויא פויטיגע זיך פאנאנדער געפליגען אונ עס וואלט פון זייא קיין זכר, קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליבען. א סך נגידים אונזערע וואלטען מיט דיא טארבעס זיך ארומגעשלעפט. — אפשר אויף ארבייטען, מיינסט דוא, בעשטעהט עס אלסדינג! חלילה!

ארבייטען

ארבייטען ארבייט א האלץ־העקער, א וואסערפיהרער, א טרעגער, א בעל מלאכה וכדומה, מיט ארבייט וועסט־דוא קיין סך נישט פארדינגען, דוא זאלסט אפילו צוזעצטערהייט ארבייטען וועסט־דוא פארט זעהן מאל אין טאג פגרען פאר הונגער. געה גיב זיך טאקי אפ, א שטייגער, מיט לעמילס א דיעלע, וועסט־דוא דארויף פארברייגגען א סך צייט וועסט האבען דאס לויפעניש, זיך אפשרייבען דיא פינגער אונ לסוף, אז וועט דיר שוין געראטען אויסצופיהרען עס, וואס וועט דיר קלעקען דאס פארדינסט? דיא חלה וועט דיר נישט קלעקען אויף דער המוציא. חלילה אבער אז געראטה דיר נישט, איז פארלוירען דיין מיה אונ בלייבסט נאך ביא דער וועלט א קאילעקע, א טויגעניכט, וואס פארשטעהט נישט מאי דקא־אמרי רביצען אונ קען א קאמץ איין עק נישט צובינדען, דוא האסט פוילע פיש אונ פארשטונקענעם הערינג.... קניימש ברודער נישט אזוי דעם שטערען! איך זאג דא דיר גאר נישט אזא פילוסופיא, נאר פראסטע, ריינע ווערטער. פילוסופיא טויג אויך אויף כפרות. צוגרויסע חכמות איז דוקא א גרויסער חסרון, דיא וועלט האט עס פיינט אונ היט זיך דערפאר וויא פאר פייער. גרויסע בריות, געלערענטע מענשען געהן ארום אין צעריסענע שטיוועל אהן פאדעשוועס. א סך, גאר נישט דער ערך בעסער געהט עס אין דער וועלט דעם קליינעם מענשעלע. מען בעדארף גאר אזוי נישט טויגען זיין א בריה, דער עיקר וואס מען מוז אבער קענען איז: חנפהנען, צוויאטשען, ליגנערען, ווארפען זיך אהין אונ אהער וויא עס קומט אויס צום עסק. וואס זאל מען טאן? געלד מוז מען האבען, אהן געלד ביסט־דוא דאך אודאי גארניש, נאך טויזענט מאל קליינער וויא דאס קליינסטע קליינע מענשעלע. דוא ביסט אי קליין אי געמיין. וואס איז, ברודער, אין דער וועלט א קבצן? דוא קענסט דען דיר גאר אזוי משער זיין א־פנים וויא נגידים האבען פיינט א קבצן! דאכט זיך זייא ריידען א מאל מיט אים אונ האבען אויף איהם א מאל קלאמפערשט רחמנות, אין אמת'ן אבער קענען זייא איהם נישט ליידען, ער איז זייא גרויס אין דיא אויגען אונ טראכטען צו־וואס דרעהט זיך גאר ארום אזא נפש אויף דער וועלט. עפיס קומט ער זייא פיר וויא א קאלטען, איין איבעריג ביינדעל, א שטיק ווילדפלייש, אפגע, איין אנשיקעניש אונ עס גיט זייא עפיס א שטאך אין הארץ אז זייא דערזעהן איהם. זייא דאכט זיך אלץ, אז ער איז אויסען אויף זייער לעבען — אויף זייער ביטעל, אז ער איז להוט נאך זייער נשמה — נאך זייער געלד. איך האב אסור נישט קיין ווערטער איך זאל דיר עס אזוי ווייט ארויסזאגען. ביסט דוא ברודער א קבצן, ביסט דוא אפגעשטארבען פון דער וועלט. דיינע פריהערדיגע פריינד, באם זייא זעניג

רייך

רייך, האלטען זיך פון דיר ווייט, מאכען זייא דיר אמאל א וויזיט, האט עס נאר א פנים וויא איין אויפגעקומענע גבירה חאפט זיך אמאל אראפ ערגיין אין א קליין שטעטיל אויף קבר אבות צו א געשטארבענעם טאטען א קבצן און פוצט זיך דער בייא אויס אין פעריל אין דימענטען, דאס ארעמע קליינע שטעטיל זאל פון איהר הנאה האבען .... אין חומש צי אין שיר השירים דאכט זיך שטעהט אויך וויא זאגט מען עפים: העגי חסיע נחמעס (עני חשוב כמת) דאס הייסט: א קבצן שמעקט מיט קברות-בלעטליך. אין געלד ברודער בעשטעהט דיא גאנצע חכמה, אלסדינג .... האסט-דוא געלד האסט-דוא דיא און יענע וועלט. נאר בייא דער צייט געלד צוהאבען הייסט, צוזיין א קליין מענשעלע און א קליין מענשעלע הייסט חנפהנען צוויאטשען, וואס אין דער קארט ... לחיים גוטער ברודער!

— לאמיר זיין געזונד, איסר, און האבען תמיד אזעלכע לעמליך: נוא איסר, דיין גביר, בייא וועלכען דוא בישט דיא נשמה, וואס איז ער אזוינס?

— אט פון איהם ברודער וויל איך נישט ריידען. פארשטעסט-דוא? איך וויל פון איהם נישט ריידען, פון דער צייט, וואס איך האלט איהם אויף דער ארענדע וויל איך פון איהם נישט ריידען.

— וואס הייסט, איסר, אויף דער ארענדע? נאט אייך נאר א נייס! וואס הייסט דוא האלסט דיין גביר אויף דער ארענדע? א מיהל איז ער, צי אלדע שווארץ-יאהר, אדער א קרעטשמע, וואס דוא האלטסט איהם אויף דער ארענדע?

— וואס מאכט עס אויס, טיפוש איינער? וואס איז דיא נפקא-מינא א גביר, א מיהל, א קרעטשמע, א רוח, א טייפעל און דער שווארץ-יאהר ווייסט וואס נאך אזעלכעס? אבי איין ארענדע! ... העט-עט-עט, ברודער! דוא ביסט נאך גאר א מלמד, א פריץ. מען מוז דיר נאך אלסדינג אויסטייטשען. נוא איך וועל עס דיר איצט דער וייל וויא ס'איז דערקלעהרען. לאמיר טאקי אנהויבען פון א מיהל: א וואסער אדער א ווינט איז אויף דער וועלט א גרויסער כח, קומט דאס מענשעלע וואס וויל מיט אלסדינג זיך בענוטצען, שטעלט אנידער א געבייא מיט רעדער אי שטיינער און מאכט אז דאס וואסער אדער דער ווינט זאל דרעהן דיא רעדער. דיא רעדער דרעהן דיא שטיינער און עס מאהלט זיך. פארשטעסט-דוא? היינט טיפושיל מיינער לאמיר געהן ווייטער. ראשית חכמה איז כח, דארויף שטעהט דיא וועלט מיט אלע זאכען. א נגיד איז אין דער וועלט אויך א גרויסער כח. אלע ווערען פאר דעם נגיד בטל. אלע קריכען און שאפקעווען פאר דעם רייכען אי אזעלכע

אפילו

אפילו , וואס זייא קומט פון איהם לחלוטין גאר נישט ארויס , וואס זייא האבען פון איהם נישט געהאט א מאל , האבען פון איהם נישט אצינד און וועלען קיינמאל פון איהם נישט האבען אי שפעטער אפילו א טרונק וואסער , גלאט ווייל א רייכען קומט כבוד , ווייל א נגיד קומט אלסדינג. חאטש איך איסר זאג : דער עיקר וואס אין א נגיד בעדארף מען שעטצען איז נאר זיין געלד . פארשטעהסט־דוא ? זיין געלד איז נומער 1 אונ ער אליין איז נומער 2 אזא נגיד , וואס ניטצט דיר כלל נישט , ער זאל בייא דיר אזא ארט פארנעהמען וויא גארנישט , וויא באלד אז נישט דער עיקר וואס־זשע איז מיט איהם דער יחוס ? קוק זיך אויף איהם אפילו נישט אום אונ הער איהם אזוי וויא אין טשערניוויטץ דיא מגילה . . . . היינט בעדארפסט־דוא וויסען ווייטער , אז א קלוגער בעדארף מיט אלסדינג אין דער וועלט זיך בענוטצען . פארשטעהסט־דוא? אצינד וועל איך דיר עס איבערחזרען נאך א מאל , זאג־זשע טיפושיל איינער זאג : אויף כח בעשטעהט אלסדינג , א נגיד מיט געלד איז אין דער וועלט א גרויסער כח , אונ א קלוגער בעדארף מיט אלסדינג אין דער וועלט זיך בענוטצען , בכן בעדארף מען פונם רייכען קענען מאכען א נוטצען . וואס מיינסט־דוא , מען זאל בייא איהם נעהמען נאר געלד ? ניין ! מען בעדארף אויך לעבין איהם קענען שטעלען א ווינטמיל , ער זאל מיט זיין ווילדען כח טרייבען אונ דרעהן אייערע רעדער . עס זאל זיך מאהלען . אדער לעבין איהם זיין אזוי וויא א קאמעדיאנט לעבין דער קאמעדיא , אדער וויא א ציגאנער לעבען זיין בער . האסט דוא מיר אפגעמאסטען א גוט מעסטיל מיט א ווערך , נוא , געה מאהל דיר געזונטערהייט אין מיין ווינטמיהל. האסט דוא בעצאהלט פאר א בילעט , געה־זשע דיר אריין אין דער קאמעדיע אונ זעה דיא שיינע אנשטעלען , אדער האסט־דוא מיר געגעבען עטליכע גראשען וועל איך דיר הייסען מיין בער טאנצען . פארשטעהסט־דוא ? איך האלט מיין גביר אויף דער ארענדע . דוא ווילסט צום גביר — צו מיין ווינטמיהל , גיב זשע מיר מעסטעל , איך בין דער ארענדאר . דוא ווילס מען זאל פאר דיר מאכען דיא קאמעדיע , דיך "אונטערהאלטען" אביסיל מיט אנשטעלען, בעצאהל מיר פריהער פאר א בילעט , איך בין דער קאמעדיאנט , אדער ווילסט דוא אפשר מיין גביר זאל זיך פאר דיר שטעלען אויף דיא לאפעס , לייגען זיך פאר דיר אין דער לייגג אין דער ברייט אונ ברומען , ארויס פריהער מיט עטליכע גראשען אונ גיב מיר זייא מוחל וואס מיין גוטער ווילען וועט זיין , איך בין זיין ציגאנער ! . . . היינט פארשטעהסט־דוא טיפושיל ? גענוג פאר היינטיגעס מאל געלערענט ! . . . לחיים , גוטער ברודער !

לחיים

— לְחַיִּים , אִיסֶר , פַאר דַיין ווינְטְמִיהְל , פַאר דַיין קָאמֶעדְיֶע אוּנ פַאר דַיין בֶּער ! דַיינֶע רֶעדֶער זָאלֶען זִיךְ דְרֶעהְן , דַיין קָאמֶעדְיֶע זָאל אָנְגֶעהְן אוּנ דַיין בֶּער זָאל טַאנְצֶען . . . . . .

יב.

עֶס פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ אִיסֶר'ס דֶרֶךְ , אִיסֶר'ס בְּלִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פַאר מִיר תְּחִלַּת גֶעוֶוען צוּהוֹיךְ אוּנ אַ סַךְ וֶוערְטֶער גָאר תַּרְגוּם. אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט מִיט וָואס מֶען עֶסְט עֶס . נָאר דָאס אָבֶּער הָאבּ אִיךְ בַּאלְד אִין דֶער רֶגַע אוֹיפְגֶעחַאפְּט: „בַּייא דֶער צַייט גֶעלְט צוּהָאבֶּען הֵייסְט , צוּ זַיין אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע , אוּנ אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע הֵייסְט חַנְפְנֶען, צְווִישַׁאטְשֶׁען , וָואס אִין דֶער קָארְט“. אַט-אָ דָא בִּין אִיךְ שׁוֹין דֶערְגַאנְגֶען דֶעם רֶעכְטֶען סוֹד . אָבֶּער וָואס הֵייסְט אַזוֹינְס חַנְפְנֶען צְווִישַׁאטְשֶׁען הָאבּ אִיךְ נָאךְ לְעֵת-עַתָּה נִישְׁט רֶעכְט פַארְשְׁטַאנֶען . אִיךְ מוּז אַייךְ דָא בֶּעמֶערְקֶען , אַז דֶענְסְמָאל הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט גוּט גֶעוואוּסְט בִּכְלָל צְווִאוּנְטֶערְשֵׁיידֶען וָואס מֶען מֶעג אוּנ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט . אַיין עֲבֵירָה הָאט בַּייא מִיר גֶעהֵייסֶען : קוּקֶען אוֹיף דִיא כֹּהֲנִים בְּשַׁעַת דוּכֶנֶען ; נִישְׁט שְׁלָאגֶען קֵיין כַּפָּרוֹת , נִישְׁט גֶעהְן צוּם תַּשְׁלִיךְ , שְׁנֵיידֶען דִיא נֶעגֶעל כְּסֵדֶר , נִישְׁט אִיבֶּערְהִיפֶּערֶען אַ פִינְגֶער אִיבֶּער אַ פִינְגֶער , אוּנ נִישְׁט צוּלֵייגֶען צוּ דִיא אָפְּגֶעשְׁנִיטֶענֶע נֶעגֶעל דְרַייא פִּיטְצְלִיךְ שְׁטִיקְלִיךְ הָאלְץ , אָפְּגֶעשְׁנִיצְט פוּן אַ שְׁטֶענְדֶער צִי פוּן אַ טִישׁ , זַייא זָאלֶען דִינֶען פַאר כְּשֵׁרָה עֵדוּת , נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אִין אַ בַּעַל שֵׁם , נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אִין אַ לֵץ , נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אַז אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּל דַאוְונֶען בַּייא דֶער נַאכְט מֵתִים , נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אִין עוֹלָם-הַתּוֹהוּ , דָאס הֵייסְט נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אַז אַ סַךְ מֶענְשֶׁען גֶעהְן אַרוּם צְווִישֶׁען אוּנְז , זַייא הַאנְדְלֶען דַאכְט זִיךְ , זַייא מַאכֶען גֶעשֶׁעפְטֶען , זַייא פָאהְרֶען אוֹיף יְרִידִין , קוֹיפֶען אוּנ פַארְקוֹיפֶען , הוּא-הַא-הוּא ! אוּנ בֶּאֱמֶת זֶענֶען זַייא גָאר מֵתִים , טוֹיטֶע-גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע נֶעבִּיךְ אוֹיף דֶעם עוֹלָם-הַתּוֹהוּ . . . . נִישְׁט גְלוֹיבֶּען , אַז צוּם בֶּעזְלִיוּדֶעוֶוער רַב פְלֶעגֶען קוּמֶען מֵתִים צוּם מִשְׁפָּט אוּנ דֶער מַלְאַךְ-הַדּוּמָה הָאט זַייא אַהִין גֶעפִירְט וִויא אַ פַארְטֶיע רֶעקְרוּטֶען , אָדֶער נִישְׁט צוּ גְלוֹיבֶּען אַז דֶער דָאזִיגֶער רַב טַאקִי הָאט גֶעהַאט קְפִיצַת הָאָרֶץ , גֶעוֶוען אַ חָשׁוּב אִין הִימֶעל אוּנ גֶעהַאט אִין דֶער הַאנְד דֶעם שְׁלִיסִיל פוּן קִינְדֶער , פוּן שְׁנֵייא אוּנ רֶעגֶען , נִישְׁט גְלוֹיבֶּען אִין אַ גִלְגּוּל, דָאס הֵייסְט נִישְׁט גְלוֹיבֶּען , אַז דֶעם מֶענְשֶׁענְס הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וֶוערְד מְגוּלְגָּל אִין בְּהֵמוֹת , חַיּוֹת אוּנ עוֹפוֹת , אַז אַ גֶעוִויסֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוָוארֶען אַ מָאל אַ חֲזִיר ; אֵיינֶער , עֶפִּיס אַ פֵיינֶע-בְּרִיָּה — אַ קֶעלְבִּיל , נִישְׁט פַאר אוּנְז גֶעדַאכְט ; נָאךְ אֵיינֶער , עֶפִּיס

א גרויסער

א גרויסער פאדראטשיק — א פויגעל, וואס האט שטארק אנגעפייפט, נישט פאר יודישע קינדער געדאכט; ווייטער איינער, עפיס א גלאסנע איז געווארען א פיש געביך, פונקט מיט אזא גאלאס, אזא שטימע וויא פון א שלייען, און נאך איינער א בעל טובה עפיס גאר א קאטיץ, רחמנא ליצלן.... קורץ, אט אזעלכע זאכען האבען בייא מיר געהייסען עבירות, אבער חנפהנען, צוויאטשען און זיין א קליין מענשעלע דאס איז אין מיין צעטיל נישט געשטאנען. מהיכא־תיתי פאר וואס נישט זיין א קליין מענשעלע? מען איז דאך רייך און גליקליך. א קליין מענשעלע האט מען נישט דיא העזה, צוהרגנען, צושלאגען און אז מען שלאגט טהוט דאך עפיס אזוי וועה! א שניידער, א שניידערקע אז דערלאנגט א טעלעמעטשע ווערד דאך אזש פינסטער אין דיא אויגען. ווער שמיעסט אז א חזן דרעהט ביים אויער קען מען טאקי יאהרצייט פארגעסען, און אויסציהען זיך אויף דער ערד אנצוטאן אדער אויסצוטאן יענעם קאלאשען בשעת יענער האלט זיך בייא דיא זייטען און קוקט אויף דער סטעליע דאס איז חלעבין אויך עפיס נישט קיין געשמאקע זאך. אודאי האט מיר זיך געגלוסט זיין א קליין מענשעלע מיט דיא אלע פישטשעוקעס, פטור ווערען מיט א מאל פון אלע צרות און לעבען גליקליך אין עושר און אין כבוד. דעריבער טאקי פלעג איך בעסטענדיג מיט גרויס חשק מיך אונטערהערען הינטער דער טהיר בשעת איסר ווארגער פלעגט שמיעסין מיט זיין גוטען ברודער. איך האב זיך אנגעהערט זעהר פיל זאכען און דערנאך טאקי זוכה געווען צופארשטעהן זיינע ווערטער. איך האב איהם מיט דער צייט א סך בעסער פארשטאנען וויא דעם תלמוד־תורה מלמד.

אמת טאקי א לעקיש בין איך געווען אין דער יוגענד, זעהר נארעשעוואטע, נאר וויא שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען בין איך נישט געווען א נאר פון דער נאטור, וואס דען־זשע? דיא מעשה דערפון איז גאר געווען וואס תמיד פון דער קינדהייט אן בין איך געווען פארוויסט, פארוואגעלט און דער שלאגען. מען האט מיך אויפגעהאדעוועט מיט שמיץ מיט קלעפ, מיט קולאקעס און מיט טויטשלעגק. ווער עס האט נאר געוואלט האט אין מיר אריינגעלייגט און געבראכען מיר דיא דארע ביינער. נוא וויא זאגט מען עפיס · פון על חטא ווערד מען נישט פעט. פון א סך שלאגען ווערט מען טאקי דערשלאגען. א קאטעוועס עפיס וואס מיין לייב, דאס אויסגעמארעטע, אויסגעדעווערטע לייב מיינס האט אין זיך נעביך אריינגענומען! איך נעביך לייד הונגער, קעלט, פיהל אז געהן מיר אוים דיא כחות עס שטעכט מיך אין אלע גלידער ס'איז מיר נישט גוט, אנשטאט מען זאל זאגין ארחכנות, אקינד נעביך געהט אוים, א מענש, אדער לאז זיך זיין אפילו גאטס א געשעפעניש צאנקט נעביך וויא

אליכם

אליבט , ער איז הויט אונ ביין , נעהמט מען נאך אונ מען רייסט מיר מיין דארע קוואַרע שטיקעל פלייש , נעהמט מען נאך אונ מען גיט מיר נאך וועהטיג אי שטעכעניש , נעהמט מען נאך אונ מען צופט מיר דאס איבעריגע שטיקעל הויט אויס ! . . . . איך בין פשוט געוועזן דערטשמעלעט, פארטומעלט אונ פארמאראטשעט . היינט דערצו נאך בין איך געבוירען געוואָרען אין בעזליודעוו , וואס אין תוך אריין איז זיא א קליין שטעטיל , אונ א קליינשטעטילדיגער בלייבט טאקי א קליינשטעטילדיגער . דיא קליינשטעטילדיגע לייט זענין הלעבין עפּיס גאר אנדערע מיני מענשען מיט אנדערע חושים, מיט איין אנדער טעם, איין אנדער ריח, איין אנדער מוח, זייא שטינקען נישט, זייא שמעקען נישט, ני מע, ני מו , ני קאקיריקוא, נישט פיש נישט פלייש , עפּיס מיני ברואים . . . . איך וויל דערמיט אייך נישט מער אויסברייען , אז איהר זאלט זיך נישט וואונדערען וויא אזוי א נאר וויא איך פלעג אמאל פארט פאלען גלייך אונ דיינקען מיט א גאנג . אמת טאקי , א נאר בין איך געוועזן אונ בין מיט מיין נארעשקייט געפאלען איטליכען אין דיא אויגען , אבער פון דעסטוועגען נישט קיין נאטורליכער, נאר גלאט אפארדולטער אפארלאזטער , א דערהארגעטער . עס האט מיר אין קאפ נישט געפעהלט קיין קלעפקע , נאר דיא קלעפקע איז נאך נישט געוועזן אפגעטעסיעט . אט-א דאס בין איך געוועזן . דעריבער האב איך מיך נאך געקענט עפּיס אויסלערנען , מיך עפּיס אנשטויסען אונ דעריבער האב איך געקענט איבערנעהמען רב איסר וואַרגערס תורות .

בייא איסר וואַרגער האב איך אוועקגעדינט א סך יאהרען , אין דער צייט האב איך מיך אויסגעשליפען , האב גוט פארשטאנען אונ געקענט אלסדינג וואס א קליין מענשעלע בעדארף צוקענען , ווארים איך פלעג זיך שטארק צוהערען מיט קאפ אונ בין געוועזן א מתמיד . איך האב שוין געקענט אין מיין גראד אפארבייטען מעשים, מאכען פוילע תנועות אונ געהן אלץ מיט שפיטצליך . דיא גרעסטע הנאה האב איך געהאט אפצוטאן איינעם אויף טערקיש , גלייך וויא איך וואלט מיך אין איהם נוקם געווען , אונ זיך אויסדרעהן גלאט וויא אויף א טעלער . דאס געפיהל פון יושר , פון רחמנות האט בייא מיר נישט דערלעבט רעכט אויסצוואקסען . יושר האט רב איסר וואַרגער געזאגט , איז א שטיקעל גומילאסטיק , וואס לאזט זיך ציהען וויא מען וויל , דאס איז א כי הנה כחומר . פון וועלכען דר מענש האט ביד צומאכען עפּיס , נאך זיין פארלאנגען אונ צובייגען עס אזוי צי אזוי ; רחמנות — דאס איז איין אויסגעטראכט , פוסט ווארט , אין גאנצען נאך א שווינדעל ! איך אז איך בין שטארקער פון דיר איז בייא מיר דער יושר אונ דוא אז דו ביסט שלאפער פון מיר ווילסט-דוא מיך איינריידען עפּיס רחמנות . אזוי איז געוועזן בייא זיך

איסרס א ווערטיל. איך בין געווען איסרס איין אמתער תלמיד, האב מיר אלץ געגעבען מיה מיין רבין צופרידען צושטעלען, טאן אלסדינג נאך זיין געשמאק, איהם אין אלץ צופאטראפען, איך בין איהם שטארק געפעלען אז ער וואלט פאר מיר וויא מען זאגט קיין זאך בארשטש נישט גענומען. אז איך בין עלטער געווארען האב איך אנגעהויבען מיך אלץ צובעטראכ־טען און זיך אליין צופרעגען: "מתי אעשה לביתי?" דאס הייסט, ווען וועל איך שוין אנהויבין עפיס צוטאן, איך זאל אויפגעריכט ווערען? "ואני באתי בימים" און איך בין דאך שוין א בחוריל! אמת טאקי, איסר'ס תורה קען איך גוט מיט אלע פשטליך, נאר "לא המדרש עקר" נישט דאס לערנען איז דיא קונץ, דער עקר איז דאך דיא מלאכה. איך האב אלץ זיך מישב געווען אזוי לאנג אזוי ברייט ביז איך בין געפאלען אויף אזא הסברה. סטייטש, האב איך צו מיר אליין געזאגט, וואס פאר א נאר איך בין! איסר אליין זאגט: "א קלוגער בעדארף מיט אלסדינג אויף דער וועלט זיך בענוטצען און דעם נגיד בעדארף מען נעהמען אויף דער ארענדע מיט איהם צושפילען דיא קאמעדיע און צומאכען דיא קאפעקע" איסר אליין איז דאך אויך א נגיד, סטייטש, איך וועל איהם נעהמען אויף דער ארענדע און וועל ווערען איסר'ס ארענדאר, איסר'ס נשמה! איסר אליין איז דאך אויך א כח, נוא, וועל איך מיר שטעלען אוינטמיהל, איסר זאל דרעהען מיינע רעדער! סטייטש, געבראטענע טויבען פליהען מיר אין מויל, און דער האנט האלט איך איין אפגעשיילט אייעלע און שרייא עסען!... איך וויל אייך דא נישט אים בריען, איך האב אנגעהויבען צוויאטשען און איסר'ן חנפהנען, מיר אויסגעזוכט טויזענטער וועגען וויא צו איהם זיך צו־צושמייכלען, וויא אריינצוקריכען אינוועניג איהם אין הארץ ביז איך האב איהם למזל דער טאפט און אנגעהויבען אין א גוטער שעה ווערען זיין נשמה! איסר איז דאך נישט מעהר געווען וויא א מענש, ער האט אויך ליב געהאט מען זאל איהם חנפהנען, קעטשקען, איהם בעוואונדערען און פון איהם שטארק הנאה האבען; הגם ער האט זייער גוט געוואוסט וואס פאר א האפט, פאר א משות דאס חנפהנען האט. ער אליין אשטייגער אז ער זאגט איינעם: איהר זענט דאך א חכם, א גוטער, א פרומער, א בעל־צדקה, א כשרער, עהרליכער מאן, הייסט עס גאר קאפויר: איהר זענט א פראסטער נאר, איין אכזר, א צוויאק, א קארגער הונד און א גנב שבגנבים, דאס שווארצאפעלע פונם אויג! אזוי איז שוין א־פנים אויף דער וועלט, אז איטליכער לאזט זיך איינריידען, איטליכער האט ליב זיך צונארען..... נאר נישט אזוי גיך טוט זיך וויא עס רעדט זיך. עס האט לאנג געדויערט ביז מיר איז געראטען צו־ווערען איסר'ס

חשוב.

חָשׁוּב . אַייךְ װעט אֶפְשַׁר קָשֶׁה זַיין װיא אַזױ װעֶרד עֶס פוּן אַ מְשָׁרֵת אַ חָשׁוּב ? אַי , הָאט מִיר קַיין פַּארְאִיבֶּעל נִישְׁט , אוֹיב אַזױ, קֶענְט אִיהְר דָאךְ נִישְׁט דִיא װעֶלְט ! כִּמְעַט אַלֶע מְשָׁרְתִים זֶענִין חֲשׁוּבִים אוּנ כִּמְעַט אַלֶע חֲשׁוּבִים זֶענִין מְשָׁרְתִים . . . . אַז דֶער עוֹלָם הָאט דָא אַרױסְגֶעזֶעהֶן מַיין חֲשִׁיבוּת , אַז אִיךְ בִּין אִיסֶר׳ס נְשָׁמָה , זַיין חָשׁוּבֶער מְשָׁרֵת , הָאט מֶען מִיךְ אָנְגֶעהױבֶּען צוּגְלֶעטְעֶן , אָפְּצוּגֶעבֶּען מִיר אַבְרֵייטֶען גוּט מָארְגֶען , װִיא אוּמֶעטוּם אִין דֶער װעֶלְט פִּיהְרְט זִיךְ, אַז מֶען בֶּעדַארְף עֶפִּיס הָאבֶּען צוּ דֶעם פְּרִיץ זֶעהְט מֶען פְרִיהֶער זִיךְ צוּ-צוּשַׁארֶען צוּ זַיינֶע חָשׁוּבֶע מְשָׁרְתִים , זַייא צוּגְעֶפֶּעלֶען , אַרַיינְצוּלָאזֶען זִיךְ מִיט זֵייא אִין עֶפִּיס אַשְׁמוּעֶס מִיט זִיסֶע רֵיידֶעלִיךְ , װעֶרֶען קְלָאמְפֶּערְשְׁט מִיט זֵייא נָאהֶענְטֶע שְׁמֶעלְקֶעס אוּנ אַגַב טַאקִי אַרַיינְשְׁטוּפֶּען זֵייא עֶפִּיס אִין הֶענְטִיל , מֶען טְרַאכְט זִיךְ דֶערְבַּייא , לָאמִיךְ זֵייא פַּארְשְׁטוּפֶּען דָאס מוֹיל , לָאזֶען זֵייא זִיךְ נִישְׁט קְרִימֶען , נִישְׁט בִּילֶען . אָדֶער גָאר אַזױ : נִישְׁקָשֶׁה , לָאזֶען זֵייא דֶעם פָּרִיץ בַּיים װעֶג גֶעהֶענְדִיג אַרַיינְלָאזֶען אִין אוֹיעֶר אַ גוּט װָארְט , אַ מְשָׁרֵת קֶען בַּייא זַיין אָדוֹן אַ מָאל זֶעהְר פִיהְל הֶעלְפֶען , דָאס װָאס אַ מְשָׁרֵת פּוּעֶלְט אַ מָאל קֶענֶען עֶס גְרוֹיסֶע לַייט נִישְׁט פּוֹעֶלִין . דֶער מְשָׁרֵת װַייסְט בַּיים אָדוֹן דָאס הַארְץ אוּנ פַּארְזֶעהְט אִיהְם מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכֶען , װָאס מֶען טָאר נִישְׁט זָאגֶען . . . . הָאט אֵיינֶער בֶּעדַארְפְט עֶפִּיס צוּ אִיסֶר׳ן (אוּנ װעֶר הָאט דֶען נִישְׁט בֶּעדַארְפְט צוּ אִיסֶר׳ן ?) דָא הָאט עֶר שׁוֹין פְרִיהֶער אָפְּגֶענִיטְצְט מַיין לַאפְּקֶע , אִיךְ זָאל בֶּעטֶען פַאר אִיהְם סְטַאנְצְיֶע אוּנ דֶערְמָאהְנֶען אִיהְם צוּם גוּטֶען בַּייא אַ שְׁמוּעֶס . פוּן גֶעלְט אוּנ מַתָּנוֹת אִיז שׁוֹין קַיין רֵיידֶע נִישְׁט גֶעװעֶן . יֶענֶער הָאט גֶעמֵיינְט , אַבִּי בַּייא מִיר הָאט עֶר גֶעפּוּעֶלְט , אַז אִיךְ זָאל בַּייא מַיין רֶב אִיסֶרְן פַּארְװַארְפֶּען פַאר אִיהְם אַ װָארְט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעהָאלְפֶען , חָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעװוּאוּסְט מֵיינְס , אַז אִיסֶר אַלֵיין קֶען אִיהְם אַזױ-פִּיל הֶעלְפֶען , טַאקִי אוֹיף אִיסֶר׳ס רֵייד , װִיא אַ טױטֶען בַּאנְקֶעס . װָאס אַרְט עֶס מִיךְ ? לָאז עֶר מֵיינֶען אוּנ גֶעבֶּען גֶעלְד . אוּנ װעֶן אֲפִילוּ ס׳אִיז אַ מֶעגְלִיכְקַייט גֶעװעֶן צוּהֶעלְפֶען , װעֶט דָאךְ אִיסֶר נֶעהְמֶען גֶעלְד אוּנ טָאן זַיינְס גָאר אָן מַיין שְׁתַּדְלָנוּת . יִהְיֶה-אֵיךְ-שֶׁיִּהְיֶה אַזױ צִי אַזױ , װעֶט דָאךְ אִיסֶר אַלֵין נֶעהְמֶען גֶעלְד אוּנ מַאכֶען װִיא דֶער שְׁטַייגֶער זַיינֶער : מִיר װעֶלֶען זֶעהֶען , מִיר װעֶלֶען זֶעהְן ! הַיינְט צוּ-װָאס טױג אִיךְ נָאךְ דָא אִין דֶערְמִיט ? נָאר װַייטֶער טַאקִי , װָאס אַרְט עֶס מִיךְ ? לָאז יֶענֶער מֵיינֶען אוּנ גֶעבֶּען גֶעלְד . אָט אוֹיף אַזַא אוֹפֶן הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגֶעהױבֶּען בִּיסְלִיכְוַויס נִתְגַדֵל צוּ-װעֶרֶען , צוּנֶעהְמֶען אוֹיף זִיךְ לַייבּ אוּנ טַאקִי צוּנױפְגֶעקְלִיבֶּען שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע גִילְדֶען .

י״ג.

— נָאר אֵיין וָוארְט, נִישְׁקְשָׁה. נִישְׁט מֶעהְר ווִיא אֵיין וָוארְט! הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט הִינְטֶער דֶער טְהִיר עֶפִּיס אַ גְרָאבּ קוֹל אוּנ בַּאלְד טַאקִי אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטִיבֶּעל אַ גֶעשְׁפִּיקְעוֶועט יוּדִיל אָהְן אַקַאפָּאטֶע נָאר אִין אַ פֶערְלַאטֶעט לַייבֶּעל, פוּן וֶועלְכֶען עֶס הָאבִּין אַרוֹיס גֶעקוּקְט שְׁטִיקְלִיךְ פַארְשְׁמִירְטֶע צִיצִית, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעבַּאמְבֶּעלְט אוֹיף דִיא קְנִיע, אוּנ אִין גְרָאבֶּע תַּחְתּוֹנִים מְחִילָה מִיט גְרוֹיסֶע מְגוּשְׁמְדִיגֶע שְׁטִיוֶועל, אוֹיף וֶועלְכֶע סְ'אִיז גֶעלֶעגֶען אֶפְשַׁר אַפוּד בְּלָאטֶע אוּנ וָואס הָאבֶּען פוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ שְׁטַארְקֶען רֵיחַ עֶפִּיס פוּן שְׁווַייס אִין-אֵיינֶעם מִיט דְיָאד.

— אַ, בֶּענִי! הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט אַ קוּק גֶעבֶּענְדִיג אוֹיף דֶעם דָאזִיגִין פָּארְשׁוֹין. וָואס וֶועסְט-דוּא עֶפִּיס זָאגֶען בֶּענִי?

— וָואס זָאל אִיךְ זָאגֶען? הָאט בֶּענִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּנ זִיךְ אַ קְרַאטְץ גֶעגֶעבֶּען אִין דֶער פַּאטִילִיצֶע. עֶט, גָארְנִישְׁט זָאג אִיךְ. גֶעלְד פַאר הַיינְטִיגִין חֹדֶשׁ, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בַּייא אַייךְ אָפְּגֶענוּמֶען, וַואסֶער הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעכְטִין בַּייא דֶער נַאכְט אָפְּגֶעגֶעבֶּען. אִיךְ הָאבּ נֶעכְטִין דִיא גַאנְצֶע נַאכְט כִּמְעַט גֶעהַאט דָאס פִיהְרֶענִישׁ. יִצְחָק אַבְרָהָם'ס שְׁטַארְבּ הָאט מִיךְ גוּט אָפְּגֶעפִיהְרְט. מַיינֶע בַּעֲלֵי-הַבָּתִּים, וָואס לֶעבִּין אִיהְם אִין שְׁכֵנוּת, הָאבֶּען דָאס וַואסֶער אוֹיסְגֶעגָאסֶען, גֶעבְּלִיבֶּען אַ גַאנְצֶען טָאג אָהְן וַואסֶער. נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּקָאכֶען. וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג? דֶער וַואסֶערְפִיהְרֶער. יֶענֶעם גְלוּסְט זִיךְ שְׁטַארְבֶּען אוּנ אוֹיסְגֶעהְן גֶעהְט עֶס אוֹיס צוּם וַואסֶערְפִיהְרֶערְס קָאפּ. גֶעה פִיהְר זַייא דִיא גַאנְצֶע נַאכְט וַואסֶער! אַז אִיךְ הָאבּ אַקֶעגֶען טָאג צוּגֶעמַאכְט אַיין אוֹיג קוּמְט דִיא מַאמֶע זָאל לֶעבֶּען אוּנ וֶועקְט מִיךְ: בֶּענִי, בֶּענִי! שְׁטֶעה אוֹיף, פַארְקְייטֶעל דִיא טְהִיר, אִיךְ גֶעה צוּם עֶרְשְׁטִין מִנְיָן הֶערֶען קְדוּשָׁה, פוּן דֶער שׁוּל גֶעה אִיךְ אוֹיפִין הַיילִיגֶען אָרְט, הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָאהְרְצַייט. גִיבּ דָא אַכְטוּנְג צוּם טֶעפִּיל קַאלִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפִן פְּרִיפֶּעטְשִׁיק. אִיךְ פַּטֶר אַרוֹיס דִיא מַאמֶע אוּנ לֵייג מִיךְ ווִידֶער צוּ. קוֹים וָואס אִיךְ חַאפּ אַ דְרֶעמִיל הֶער אִיךְ פִּיק, פִּיק, פִּיק. דֶער הָאהְן מִיט דִיא הִיהְנֶער זֶענִין אַרָאפּ פוּן דֶער סִידֶעלְיֶע. שְׁטֶעהְן אוּנ פִּיקֶען גֶעשְׁמַאק אַ רִיפְּטֶעל בְּרוֹיט אוֹיפִן טִישׁ. אַ קִישׁ, אַ קִישׁ! שְׁרַייא אִיךְ. אַ קִישׁ אַהִין, אַ קִישׁ אַהֶער זַייא פִּיקֶען טַאקִי אַלְץ. לֶעבִּין מִיר אִיז גְרָאד גֶעלֶעגֶען אַ הִילְצֶערְן לֶעפִּיל, אַ פְלֵיישִׁיגְס, חַאפּ אִיךְ דָאס לֶעפֶּעל אוּנ לָאז מִיךְ צוּ דִיא הִיהְנֶער. פְּלוּצְלִים הָארְךְ אִיךְ, אוֹיפִן פְּרִיפֶּעטְשֶׁעק לוֹיפְט דָאס טֶעפִּיל, מַיינֶער חַאפְּט אִין אַיילֶענִישׁ אוּנ שְׁטֶעקְט אַרַיין אִין דֶעם מִילְכִיגֶען טֶעפִּיל דָאס פְלֵיישִׁיגֶע לֶעפֶּעל אוּנ מַאךְ אָן אַ שְׁאֵלָה! דֶער לֶעפֶּעל אִיז פְלֵיישִׁיג, נָאר

וַייל ס'אִיז נִישְׁט גֶעקַארְבְּט מִיט דְרַייא קַארְבֶּען . חָלִילָה נִישְׁט וַייל מֶען עֶסְט דֶערְמִיט פְלֵיישִׁיגְס . אִיךְ זָאל אַזוֹי בֶּעהִיט וֶוערֶען פוּן קְרֵיינְק ! דָאס טֶעפִּיל ווִידֶער אִיז מִילְכִיג , נָאר וַייל מֶען הָאט דְרִינֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקָאכְט קֵיין פְלֵייש . זִינְט מַיין צִיג אִיז מִיר גֶעפֶּגֶרְט קוּמְט אֲפִילוּ אִין מַיין גְבוּל קֵיין מִילְךְ נִישְׁט אַריין . אִיהְר מֶעגְט מִיר גְלוֹיבֶּען אוֹיף מַיין יוּדֶעשְׁקַייט . . . הַיינְט , רֶבִּי , פַּסְקֶעט מִיר אַ שְׁאֵלָה !

— עֶפִּיס אַ גְרוֹיס טֶעפִּיל ? הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט .

— גְרֶעסֶער פוּן מַיין קָאפּ , הָאט בֶּענִי גֶעעֶנְטְפֶערְט , אֶפְשַׁר אַקְעגֶען אַיין אֵיימֶער . אִיךְ זוּפּ מִיךְ דֶערְמִיט אָן פוֹל ווִיא אַ פֶּעסֶעל אוּן אַרְבַּייט אַוֶועק דֶעם גַאנְצֶען טָאג אָהְן אַ פָּאפַּאס .

— כָּשֵׁר . הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט , אוּן אֵיידֶער בֶּענִי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִיז אַרַיינְגֶעלָאפֶען עֶפִּיס אַוַייבֶּעל מִיט אַ יָאמֶער , אַ קְלָאג :

— רֶבִּי , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מֶער קֵיין כֹּחַ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטֶען ! אִיהְר הָאט אַוַדַאי זֶעהְר גוּט גֶעמֵיינְט , וָואס אִיהְר הָאט צְווִישֶׁען אוּנְז גֶעמַאכְט אַ לֶעבֶּען אוּן נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט קֵיין גֵט , נָאר אַזַא לֶעבֶּען אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שׂוֹנְאִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען . אַייעֶרֶע טְהַייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען צוּא אִיהְם אַזוֹי פִיל צוּגֶעשְׁטַאנֶען ווִיא אַיין אַרְבֶּעס צוּ דֶער וַואנְד . עֶר טְהוּט זִיךְ טַאקִי זַיינְס אוּן מַאכְט מִיר אַלְץ דֶעם טוֹיט . אִיךְ שְׁווַארְץ דָאס פָּנִים לַייא , בָּארְג קוֹיף-אַיין אוֹיפְן מַארְק אֵייעֶר , הִיהְנֶער , ווִיא ס'אִיז עֶפִּיס צוּפַארְדִינֶען אַבִּי צוּדֶערְהַאלְטִין דִיא נְשָׁמָה פוּן דִיא הוּנְגֶעריקֶע , אָפְגֶערִיסֶענֶע , אָפְגֶעשְׁלִיסֶענֶע קִינְדֶערְלִיךְ , אוּן עֶר וַוייסְט נִישְׁט מֶעהְר ווִיא דִיא חַסִידַארְנִיֶע , וואוּ עֶר פַארְבְּרֵיינְגְט דִיא גַאנְצֶענֶע טֶעג מִיט זַיינֶע לַייט אוּנְטֶערְן אוֹיוֶוען , טְרִינְקֶען , שְׁמִיעֶסִין פַּאטְשְׁטֶען , אוּן אַז עֶר קוּמְט אַ הֵיים מוּז אִיהְם אַלְסְדִינְג זַיין . עֶר זָאל עֶם חָאטְשׁ אַ קוּק טָאן אוֹיף דִיא קִינְדֶער . זֵייא גֶעהְן אִיהְם כְּלַל נִישְׁט אָן , ווִיא זֵייא וָואלְטֶען גֶעוֶוען פְרֶעמְדֶע . צוּא מִיר רֶעדְט עֶר נִישְׁט קֵיין גוּט וָוארְט , גְלַייךְ ווִיא אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען צוּ אִיהְם פַארְקוֹיפְט , זַיינְס אַ דִינְסְט , וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְטְה צוּ-וַואשֶׁען אִיהְם דִיא פִּיס אוּן טְרִינְקֶען דָאס וַואסֶער , אִיךְ הֶער נִישְׁט מֶעהְר פוּן אִיהְם אַלְץ שׁוֹטֶה , טִפּוּשְׁטֶע , שִׁפְלָה ! אוּנְטֶער עֶפִּיס אַ יוֹם-טוֹב פָאהְרְט עֶר זִיךְ אַוֶועק צוּ זַיין רֶבִּין , נֶעהְמְט בַּייא מִיר צוּ דָאס לֶעצְטֶע אוּן לִיגְט דָארְט אֶפּ אַצַייט מִיט זַיין קוּמְפַּאנְיֶע , אַזֶעלְכֶע ווִיא עֶר . עֶס זָאל עֶם אִיהְם אָנְהוֹיבִּין אַרֶען אַ הֵיים , עֶפִּיס אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער , וָואס זֶענִין זְשֶׁעדְנֶע אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אוּן קוּמֶען נֶעבִּיךְ אָפּ . רוּף אִיךְ אַ מָאל מִיךְ אָן אַקֶעגֶען דֶעם עֶפִּיס אַ וָוארְט כְּטְרַאשֶׁעט עֶר מִיךְ , עֶר מוּז מִיךְ נָאר אַוֶועקְוַוארְפֶען מִיךְ מַאכֶען פַאר אַוויסְטֶע עֲגוּנָה , אוּן וַוייזֶען מִיר וֶוער עֶלְטֶער אִיז , וָואס אַ יוּדֶענֶע אִיז אַזוֹינְס . הַיינְט אִין דֶער פְרִיא

קוּמְט

קומט ער פון קלייזעל, אין שטוב איז קאלט, חאטש וועלף צוטרייבען, שוין מער פון צווייא טעג איז קיין רויך פון מיין קוימען נישט געגאנגען, די קינדער דראזשען, ציטערען און בעטען עסען. דאס קליינע קינד אין וויג איז שוין הייזעריג שרייענדיג, וויל נעביך זייגען און ביי מיר איז נישטא קיין קאפ מילך. פון וואנען זאל עס זיך נעהמען אז איך דארב און צווייא טעג איז אין מיין מויל קיין לעפעל געקעכטץ נישט געקומען. שטיא, מאכט ער מיט א קאלט געמיטה, לייג מיר אריין אין קלומעקיל אהעמד מיט דער שבתדיגער קאפאטע. איך האב פארשטאנען אז ער קלייבט זיך פאהרען אהין מיט זיין כנופיא. עס געהט דאך אחנוכה. דאס הארץ איז מיר געווען זעהר פארביטערט נעהם איך און רוף מיך אן: גזלן איינער! וואס טראכסט דוא זיך? קוק חאטש אן דיינע קינדער, וויא זייא בידעווען, ליידען און דוא האסט אין זינען פוסטע, נארעשע זאכען! מילא דאס ווייב איז א גארנישט, א שטיא, א יודענע, א צויג, אבער די קינדער, גוואלד דיינע קינדער!.... וויא איך האב עס איהם נאר ארויסגערעדט אז ער פאלט עס אויף מיר אן מיט א כעס, מיט א געפילדער: אזוי שטיא! דוא וועסט עס מיך אזוי זידלען און אנרופען נארעשקייטען אזעלכע הויכע זאכען, וואס זענין נישט פאר דיין ווייבערשען מוח! אזוי דוא שפלה איינע! נוא היינטיגס מאל איז איין עק, איך מוז דיך אויף אייביג, טאקי אויף אייביג אוועקווארפען, אז דוא זאלסט בלייבען אוויסטע עגונה. נישקשה איך וועל מיר דארט ערגיץ חתונה האבען, איך מעג נישקשה, און דיך מוז איך אנלעהרנען, דוא זאלסט וויסען וואס איז אזוינס א יודענע.... ער האט זיך נישט געקיהלט מיט די רייד און מיך נאך אנגעהויבען צוקנייפען. נאט, זעהט זייט מוחל וויא ער האט מיר צוקניפען די הענד. ברוין און בלויא מיר געמאכט דאס לייב! גוואלד רבי, ראטעוועט מיך! לאז ער מיר געבען גט. איך האב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאלטען!...

— געה שוין, געה א היים! האט דער רב געזאגט. איך וועל נאך היינט שיקען דעם שמש, ער זאל איהם צו מיר ברייגען.

— קוים איז דאס ווייבעל ארויסגעגאנגען האט די שמשטע זיך אריין געחאפט, אנגעטאן די יפע אויף איין ארבעל מיט אליילעך אונטערן ארם.

— גאט העלף! האט זיא געזאגט צום רב נאכדעם וויא זיא האט פריהער מיט דער האנד אנגעריהרט די מזוזה און א קיש געטאן די פינגער. איך האב אייך געוואלט אויף א רגע מטריח זיין מיט א "שאלת נשים". נאט אייך זייט מוחל דעם ליילעך.

אין דער צייט ווען דער רב איז בעשעפטיגט געווען מיט זיינע

רבנישע

רבנישע זאכען איז דער עולם אין שטיבעל געזעסען עפּיס משונה פאר טראכט. די נגידים האבען זיך געבלאזען, געקוקט מיט פארדראס אונ זענען געווען עפּיס שטארק צוקאכט, גלייך וויא איינער וואלט פלוצלים פון דער העלער הויט אויף זייא אנגעפאלען אונ זייא גערופען שווינדלער פאר א וועלט מענשען.

— וואס זיפצט איהר אזוי ר' חנא? האט איין נגיד זיך אנגערופען אונ אליין אויך עפּיס וויא א קרעכץ געטאן.

— עט, ר' בעריש, האט ר' חנא געמאכט מיט א קנייטשעל. איך ווייס חלעבין נישט, וואס יצחק אברהם וויל האבען מיט זיין מעשה. עפּיס קומט דא פיר אזעלכע ווערטער, וואס פאסען כלל נישט פאר איהם! וואס זאגט איהר ר' בעריש צו דיא שטעכווערטליך? איהר זענט א מבין וואהין זייא דערלאנגען? ווער ווייסט ביז וואנען דאס לייענען וועט נאך געדויערען, איך האב היינט אסור נישט קיין צייט. איך זיץ דא וויא אויף שפּילקעס.

— איך זיטץ אויך חלעבין וויא אויף שפּילקעס, האט ר' בעריש געענטפערט. אויב איך בין א מבין, פרעגט איהר, וואהין דיא שטעכ=ווערטליך געהן, וואהין זייא דערלאנגען? אי-אי בין איך א מבין ר' חנא! פע, פע. איך וואלט מיך אזוינס פון יצחק אברהם קיינמאל נישט געריכט! ער איז, דאכט זיך נישט געווען קיין נארעשער מענש אונ פארשטאנען איין עסק.... אפשר וואלט א סברא געווען מיר זאלען איצט טאקי אוועקגעהן. מיר זענין דאך בעשעפטיגטע מענשען. אט חלעבין, פאלגט מיך לאמיר אוועקגעהן.

— חלילה, חלילה! האבען זיך עטליכע נגידים אנגערופען, עס וועט אויסזעהן אז מיר האבען זיך געפונען געטראפען. אדרבה, דווקא זיטצען אונ אויסהערען ביז אין סוף אריין.

ר' חנא האט ווייטער א זיפץ געטאן אונ ר' בעריש האט מיט דער האנד זיך אנגענומען בייא דער נאז אונ געברומט עפּיס אונטער זיך וויא איינער וואס איז שטארק ברוגז.

— א, גוט מארגען, גוט מארגען! האט ר' פייבוש געזאגט אריינ=קומענדיג אין שטיבעל זעהר פרעהליך אונ דאס פנים האט איהם געפלאמט וויא בייא איינעם, וואס איז אביסיל פארלעקט. איך בין ביז איצט טרוד געוועזען אונ נישט געקענט מיך אויסרייסען אהער. וואס איז דיא מעשה? האט ער געמאכט א קוק געבענדיג אויף דיא נגידים, וואס זיצט איהר עפּיס אזוי אומעטיג?

— וואס איז דיא מעשה, ר' פייבוש, וואס איהר זענט אזוי פרעהליך? האבען דיא נגידים צו איהם זיך אנגערופען.

מען

— מען האט שוין א-פנים דערווייל אפגעלייענט אהן מיר, האט ר׳ פייבוש געזאגט, א שאד חלעבין, וואס איך האב נישט געהערט. עס האט געמוזט זיין זעהר שיין.

„אזא יאהר זאלט איהר האבען" האט ר׳ בעריש געברומט אונטער זיך.

— נישקשה ר׳ פייבוש ס׳איז פאר אייך נאך אויך גענוג איבערגעבלי- בען. האט איינער פון דיא נגידים זיך אנגערופען.

א, גוט מארגען רבי! האט ר׳ פייבוש געזאגט צום רב, וואס איז צוגעקומען צום טיש. זייט מיר מוחל, וואס איך האב מיך פארזאמט, איך בין ביז אצינד פארטראגען געווען אלץ וועגען יצחק אברהם׳ן. חברה האט ערסט זיך אויסגעגלייכט וועגען דעם קבורה געלד. ביידע צדדים האבען אביסיל זיך איינגעשפארט, פארעקשהנט. חברה איז אבער געווען גערעכט און האט טאקי אויסגעפיהרט. פון וועמען דען זאל חברה אפלעקען א ביינדעל אז נישט פון אזא פעטען בר-מינן? א שאד חלעבין רבי, וואס איהר האט דער ווייל געלייענט און נישט געהערט. אזא מעשה חלעבין מעג מען הערען, זיא איז מתוק מדבש. איך האב מיך נעכטען פשוט מחיה געווען זיא הערענדיג פון אייער כשר׳ן מויל. דער סוף מוז זיין גאר אנטיק א-ווא, א שאד חלעבין וואס איך האב נישט געהערט!

אוודאי ר׳ פייבוש, האט דער רב געזאגט, האבען מיר דערווייל אהן אייך דא היבש אפגעלייענט, נאר ס׳איז נאך געבליבען שירים. אט וועל איך מיך טאקי נעהמען לייענען ביז אין דעם סוף אריין.

יד.

דער רב האט נישט געמאכט לאנג קיין שיהות און אנגעהויבען ווייטער לייענען אזוי:

פוצען און קליידען זיך דאס איז געווען מיין בעסט פארגניגען וויא דער שטייגער איז פון אלע אויפגעקומענע משרתים, וואס האבען ליב ארויפצוציהען אויף זיך אלכדינג וואס נור זייא קענען, צוגעהן בעהאנגען מיט בלישטשענדיגע קייטעליך און פינגערליך און זייערע שטיוועל זאלען גלאנצען וויא דיא שפיגעליך, בכדי דיא וועלט זאל זיך אויף זייא וואונדערין און חדושין. שבת פלעג איך געוועהנטליך מיך אויספוטצען וויא א טאק און דורכגעהן זיך מיט מיינע חברים צו-ווייזען זיך אויף חדושים פאר דער וועלט און צובעטראכטען דיא אלע ווייבליך און מיידליך, וואס געהן קומפאניעסווייס שפאצירען. איך האב געקענט אין

דער

דער שטאט כמעט אלע דינסטען און געוואוסט היסטאריעס פון א בך ווייבליך , צווישען וועלכע איך האב געהאט זעהר פיל בעקאנטע . אז איך האב איינמאל שבת נחמו געשפאצירט מיט חברה אין דער שטאדט, וואו עס האבען זיך געשאטען יודישע טעכטער אין זיידענע און סאמעטענע מלבושים , בעהאנגען מיט פערעל און מיט אלערליא מיני צירונג איז מיר אקעגען געקומען עפיס א מיידעל , אנגעטאן זעהר פראכט אין א ציטצען קליידעל , ריין וויא זילבער , איהר פנים האט געשיינט וויא דער ליכטיגער מארגענשטערען און פארטונקעלט אלע אנדערע מיט זייערע פערעל און דימענטען , זיא האבען אקעגען איהר זיך אנגעזעהן וויא א ליכט אקעגען דער זון . ביא דער זייט איז איהר געגאנגען א יונגער מאן א סטאטעטשנער זעהר שיין געוואקסען , איהר שיינקייט האט מיר פארנומען דיא אויגען , איך בין געבליבען א היבשע צייט שטעהן וויא צוקאכט און נישט געהערט נישט געזעהן וואס ארום מיר טהוט זיך . אז איך האב שפעטער אביסיל מיך פאמיטעטנט האב איך זיא מעהר שוין נישט געזעהן, זיא איז דורכגעגאנגען צווישען דעם עולם און פארשוואונדען געווארען אזוי וויא א פליהענדיגער שטערען אין דיא זומער־נעכט נאר איהר בילד אבער איז מיר געבליבען איינגעבאקען טיף אין הארצען און פון יענער צייט אן האב איך זיא נישט געקענט אויף א רגע ארויס־שלאגען פונם קאפ . עס האט תמיד פאר מיר זיך אויסגעמאהלט איהר פנים איהר געשטאלט און ביא דער נאכט אין דער פינסטער האבען אקעגען מיר געפינקעלט געלויכטען איהרע ברענענדיגע אויגען וויא צוויא אנגעצונדענע סטעארינאווע ליכט . עס האט מיר זיך אלין געדאכט , אז זיא איז מיר שוין לאנג בעקאנט , איך האב זיא אין מיין לעבען שוין א מאל געזעהן , נאר ווען און וואו האב איך נישט געקענט מיך דערמאהנען . איך האב מיר פירגענומען , אז איך מוז מיך דערגעהן ווער זיא איז און אויפזוכען זיא וואו זיא זיטצט .

א מאל בין איך צווישען טאג און נאכט גראד געגאנגען ערגיץ אין א פארלעגען געסעל . דער בלויער לויטערער הימעל האט ביא דיא ברעגען זיך בעדעקט מיט שווארצע פאסען חמארע , אין וועלכע עס האבען ציטענווייס זיך דורכגעווארפען בליטצען וויא לאנגע פייערדיגע שטרייפע־ליך . אין דעם געסיל איז געווען שטיל , נישט קיין פוס פון א מענשען און איך בין מיר געגאנגען זעהר פארטראכט , עפיס שטארק מרה־שחורהדיג . פלוצלים דערהער איך א ביטער געשריא , וואס האט מיך אנגעהאפט ביים הארץ . איך גיב א בליק , אקעגען מיר לויפט איינער מיט א פעקיל גיך און געשווינד וויא א גנב , וואס וויל אנטריגען ווערען . שטעה ! האב איך א געשריא געטאן , זיך געשטעלט בעהארצט איהם

אכצען

אַקעגֶען אוּנ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיף אִיהְם מַיין גְרָאבֶּען שְׁטֶעקֶען. יֶענֶער הָאט זִיךְ שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקֶען, אַרוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן דִיא הֶענְד דֶעם פֶּעקִיל אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר אַנְטְלוֹיפֶען, גִיךְ פַארְשְׁווִינְדֶען גֶעוָוארֶען. נִישְׁט וַוייט פוּן מִיר לֶעבִּין אַ פְּלֵייט אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיף דֶער עֶרְד עֶפִּיס אַ מֶענְשׁ. אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעלָאפֶען צוּ אִיהְם מִיט דֶעם פֶּעקִיל הָאט עֶר אֲפִילוּ קֵיין רִיהְר זִיךְ נִישְׁט גֶעטָאן. אִין דְרוֹיסֶען אִיז טוּנְקֶעל גֶעוָוארֶען פוּן אַ שְׁטִיק שְׁוַוארְצֶע חְמַארֶע וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אוֹיבֶּען אִין הִימֶעל. אִיךְ חַאפּ אִין אֵיילֶענִישׁ אָן דֶעם מֶענְשֶׁען בַּיים קָאפּ אוּנ מִינְטֶער אִיהְם. פְּלוּצְלִים הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּבְּלִיטְצֶען, אֵיין בְּלִיטְץ נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנ אִיךְ דֶערְזֶעה אַקעגֶען מִיר אַ פָּאר אָפֶּענֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע אוֹיגֶען. עֶס הָאט מִיר אַ קְלַאפּ גֶעגֶעבֶּען אִין הַארְץ, דֶער קָאפּ הָאט מִיר זִיךְ פַארְדְרֶעהְט אוּנ אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן שְׁטַארְק פַאר מִישְׁט, אִיךְ הָאבּ דֶערְקֶענְט זִיא דָאס אִיז גֶעוֶוען זִיא . . . . .

זִיא הָאט מִיר דֶערְצֶעהְלְט, אַז בִּשְׁעַת זִיא אִיז פְרִיהֶער אַבִּיסִיל גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין דָא אִין דֶעם גֶעסִיל אִיז אוּנְטֶערְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען עֶפִּיס אַ מֶענְשׁ, עֶר הָאט אִיהְר דֶערְלַאנְגְט אַ שְׁטַארְקֶען זֶעטְץ אִיבֶּער דֶער הַאנְד אוּנ גֶעשְׁווִינְד אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט בַּייא אִיהְר דָאס פֶּעקֶעל מִיט הֶעמְדֶער, וָואס זִיא הָאט אָנְגֶענוּמֶען עֶרְגִיץ אִין אֵיין אָרְט צוּנֶעהֶען. וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוּנְטֶערְקוּמֶען, הָאט זִיא גֶעזָאגְט מִיט טְרֶעהְרֶען אִין דִיא אוֹיגֶען, אוּנ אָפְּגֶענֶעהְמֶען בַּיים גַנָב דִיא זַאכֶען וָואלְט זִיא גֶעבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען פוּן בְּרוֹיט אוּנ נָאךְ אַרַיין אִין אַ מִיאוּסִין רוּף בַּייא לַייט, קֵיינֶער וָואלְט אִיהְר מֶעהְר נִישְׁט גֶעגֶעבֶּען קֵיין שְׁטָאךְ אַרְבַּייט. זִיא הָאט מִיר גִידַאנְקְט פוּנֶם גַאנְצֶען הַארְץ, דָאס פָּנִים הָאט אִיהְר דֶערְבַּייא גֶעפְלַאמְט אוּנ אִיטְלִיכֶער בְּלִיק פוּן אִיהְרֶע פַייעֶרְדִיגֶע אוֹיגֶען הָאט מִיךְ גֶעסְמַאלְיֶעט, גֶעבְּרִיהְט, אִיךְ הָאבּ גֶעפִיהְלְט, אַז דָאס הַארְץ וֶוערְד מִיר אִינְוֶוענִיג צוּשְׁמָאלְצֶען וִויא וַואקְס. גָאט זָאל אַייךְ בֶּעצָאהְלֶען! הָאט זִיא צוּלֶעצְט גֶעזָאגְט מִיט אַ צִיטֶערְדִיג קוֹל אוּנ גֶעוָואלְט גֶעהְן אִיהְר וֶועג. — נֵיין, נֵיין! הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּקָאכְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט לָאזֶען גֶעהְן אִיצְט אֵיינֶע אַלֵיין, אִיךְ מוּז אַייךְ אוּנְטֶערְפִיהְרֶען בִּיז צוּ אַייעֶר הֵיים. זִיא הָאט זִיךְ עֶפִּיס וִויא גֶעקְוֵויינְקֶעלְט, דָאס פָּנִים אִיהְרֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז אִיהְר אִיז עֶפִּיס פְרִיקְרֶע צוּגֶעהְן אִין דֶער צַייט מִיט אַ פְרֶעמְדֶען יוּנְגֶען מַאן, נָאר אִיךְ הָאבּ זִיא נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען צוּם וָוארְט, גֶעשְׁווִינְד גֶענוּמֶען צוּ מִיר אִין הַאנְד אִיהְר פֶּעקִיל הֶעמְדֶער אוּנ בִּין מִיט אִיהְר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער דוּרְךְ גֶעסְלִיךְ, וָואהִין זִיא הָאט מִיךְ גֶעפִיהְרְט. דֶעם גַאנְצֶען וֶועג הָאבֶּען מִיר נִישְׁט גֶערֶעדְט כִּמְעַט קֵיין וָוארְט. אִיךְ הָאבּ נָאר הִינְטֶערְוַויילֶעכְּס אוֹיף אִיהְר גֶעקוּקְט אוּנ גֶעצִיטֶערְט וִויא אִין אַ קַדַחַת,

אוּנ

אוּנ װֶען זִיא הָאט מִיךְ אָנְגֶערִיהְרְט בַּייא דֶער הַאנְד בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה, אַז זִיא פְּלֶעגְט אַלֶץ װעלֶען צוּנֶעהְמֶען בַּייא מִיר דֶעם פֶּעקִיל, אִיז מִיר דוּרְךְ דֶעם גַאנְצֶען לַייבּ דוּרְכְגֶעלָאפֶען עֶפִּים אַ דְרָאזְשׁ, דָאס בְּלוּט אִיז מִיר גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן פַארְגְלִיװֶערְט אִין דִיא אָדֶערֶען אוּנ עֶס הָאט מִיר פַארְנוּמֶען דֶער אָטְהֶעם. אַזוֹי זֶענִין מִיר בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען בִּיז זִיא הָאט מִיךְ צוּגֶעפִיהְרְט צוּ אַ שְׁטוּבּ, װָאס אוֹיף דֶעם טְהִירִיל אִין הוֹיף אַרַיין אִיז גֶעהַאנְגֶען אַ קְלֵיינֶע װַייסֶע װִיװֶעסְקֶע מִיט שְׁװַארְצֶע כְּתִיבְהְטֶע אוֹתִיּוֹת: „דָא זִיטְצְט גָאלְדֶע יַאקַאבְּזָאהְן דִיא נֶעהְטָארִין״. יַאקַאבְּזָאהְן! הָאבּ אִיךְ אַ זָאג גֶעטָאן פַארְװאוּנְדֶערְט אוּנ הָאבּ מִיךְ דֶערְמָאהְנְט אִין יַאקַאבְּזָאהְן, װָאס הָאט מִיךְ אַ מָאל אַרוֹיסְגֶעהָאלְפֶען אִין דֶער נוֹיט. יָא, הָאט זִיא זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען, אִיךְ הֵייס גָאלְדֶע יַאקַאבְּזָאהְן, װָאס אִיז עֶס עֶפִּים אֵייךְ אַזַא װאוּנְדֶער? — אַייעֶר טַאטֶע אִיז מִיר פוּן גַאנְץ לַאנְג בֶּעקַאנְט, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט מִיר אַ מָאל גֶעהָאלְפֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע צַייט. — מַיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאהְר טוֹיט, הָאט זִיא גֶעזָאגְט מִיט אַ זִיפְץ. אוּנ אֵיידֶער מִיר הָאבֶּען זִיךְ גֶעזֶעגֶענְט הָאט אַ שְׁטַארְקֶער דוּנֶער גֶעטָאן אוּנ אַ שְׁלַאקְס רֶעגֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּפְלֵייצֶען װִיא אַ מַבּוּל. זִיא הָאט מִיךְ גֶעבֶּעטֶען אַרַיינְצוּגֶעהְן מִיט אִיהְר צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אִיבֶּערְװַארְטֶען דָארְט דֶעם רֶעגֶען. עֶס פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטָאן בְּשִׂמְחָה אוּנ בִּין פוּן דֶעם רֶעגֶען זֶעהְר שְׁטַארְק צוּפְרִידֶען גֶעװֶען. פוּן מַיינֶעטְװֶעגֶען הָאט גֶעמֶעגְט גִיסֶען אַ מַבּוּל, גָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערֶען אוּנ אִיךְ זָאל בְּלַייבֶּען מִיט אִיהְר אִין אֵיינֶם אִין שְׁטוּבּ װִיא אִין נֹחַ'ס תֵּבָה.

דִיא שְׁטוּבּ, אִין װֶעלְכֶער אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן אֵיין חֶדֶר אִיבֶּערְגֶעטְהֵיילְט אִין דֶערְמִיט מִיט שְׁפָּאנִישֶׁע װֶענְטְלִיךְ. אֵיין הֶעלְפְט אִיז גֶעװֶען אַ סְפַּאלְנִיע אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט — אַ חֶדֶר אוֹיף צוּזִיטְצֶען. בַּיים עֶרְשְׁטֶען אָנְבְּלִיק הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶעהְר גְרִינְג אַרוֹיסְזֶעהְן, אַז דָארְט װאוֹינֶען מֶענְשֶׁען אָרֶעמֶע אָבֶּער נִישְׁט קֵיין פוֹילֶע, אָפְּגֶעלָאזֶענֶע. דָארְט הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען עֶטְלִיכֶע אַלְטֶע בֵּיינְקְלִיךְ מִיט אַ קַאנַאפְּקֶעלֶע אִיבֶּערְגֶעצוֹיגֶען מִיט אַ גֶעלְבְּלִיכֶען, אָפְּגֶעבְּלַאקֶעװֶעטֶען סִיטְץ. לֶעבִּין װַאנְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ קָאמָאדֶע אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט אַ טִישְׁטוּךְ, װַיים װִיא שְׁנֵייא אוּנ דַארוֹיף אִיז גֶעװֶען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט: שְׁמָאכְטֶעלַייעֶן: אַ פָּאר קְלֵיינֶע פַּארְצֶעלַאנֶענֶע שֶׁעלְכְלִיךְ מִיט רוֹיטֶע קְװִייטֶען, אַ צְװֵייא בְּלוֹיֶע גֶעשְׁלִיפֶענֶע קֶעלִישְׁקֶעלִיךְ אוּנ אַ פוּשְׁקֶעלֶע פוּן טְשֶׁערֶעפַּאשְׁקֶעס, אַ שְׁפִּיגֶעלֶע מִיט קְלֵיינֶע פַּארְפִּימֶע־פְלֶעשְׁלִיךְ וּכְדוֹמֶה נָאךְ אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען, װָאס זֶענִין גֶעװֶען דָאס גַאנְצֶע צִיהְרוּנְג, דָאס שֵׁיינְדֶעל אִין דֶער שְׁטוּבּ, דֶערְצוּ הָאט מֶען נָאךְ גֶעקֶענְט צוּרֶעכֶענֶען

דיא

דיא עטליכע בלומענטעפליך אויף דיא פענסטער אונ דעם אויסגעשטריקטען פארטרעט פון משה רבינו מיט דיא לוחות אין דער האנד. לעבין פענסטער איז געשטאנען א טיש, אנגעלייגט מיט ליינוואנד, מיט פאסמעס פעדעמליך אונ מיט אלע אנדערע זאכען וואס צו דער ארבייט. אריינקומענדיג אין שטוב האט גאלדע מיך פארגעשטעלט פאר איהר מוטער, א דארע, א שלאפע יודענע פון א יאהר פופציג, אונ אין קורצען איהר דערצעהלט דאס גאנצע בעגעגענים איהרם, ערשט נישט לאנג. דיא מוטער האט מיר געמאכט א שיינעם ברוך־הבא אונ מיך געבעטען זיטצען. לעבין עק טיש אויף א ביינקל איז געזעסען א קליין מיידעלע פון א יאר אכט, זיא האט קלאמפערשט עפיס וויא גענעהט אונ הינטערווייל׳עכם אויף מיר געקוקט מיט חיטרע אייגעליך. גאלדע האט זיך אויך געזעצט לעבין טיש אונ פאנאנדערגענומען דאס פעקיל, וואס זיא האט געבראכט. עטליכע מינוט בין איך געזעסען שטיל וויא א חתן־בחור אונ נישט גערעדט קיין ווארט. אויפן הארץ איז מיר געוועןעפיס פרעהליך, איך האב געקוקט וויא גאלדע ארבייט מיט איהר ווייסע פוהקע הענדליך אונ עס האט מיר עפיס שטארק הנאה געטאן. דערנאך איז געווארען א רייד איבער דער פאגאדע, וויא נייטיג דער רעגען איז. דיא אלטע האט אפשר א מאל צעהן איבערגעחזרט, אז דאס געהט נישט קיין רעגען נאר ברויט אונ האט געמאכט האפנונגען, אז נאך דעם רעגען וועט מיט עטליכע גראשען זיכער וועלוועלער ווערען דער מקח פונם פוד מעהל. גאלדע האט עפיס זיך איבערגעוויינקען מיט דער מוטער אונ איז ארויסגעגאנגען. דיא אלטע איז געבליבען לעבין מיר, האט אלץ גערעדט אונ ארופגעקומען אין שמיעס דארויף, וויא דער מאן איהרער האט א צייט נעביך געקריינקט אונ פארקריינקט דעם לעצטען גראשען ביז ער איז געשטארבען אונ איבערגעלאזט זיא, וויסטע אלמנה, מיט צווייא קינדער וויא אויף דעם וואסער. נאר גאט אבער האט זיא געבענטש מיט א טאכטער, וואס איז ווייט אין דער וועלט צוזוכען איהר גלייכען, איהר גאלדעניוא איז גוט אי פרום מיט אלע מעלות. זיא ארבייט נעביך טאג וויא נאכט, געהט, שטיקט אונ נעהמט זיך דיא אויגען ארויס איבער דער נאדעל וויא ס׳איז ארויסצוברייגען דאס שטיקעל פרנסה.

מען לעבט טאקי אין דחקות אין צרות, איהר ביטערע, שווערע ארבייט קלעקט קוים קוים אויף דיא נייטיגסטע בעדערפעניש, נאר נישט צו פארזינדיגען, מען לעבט דאך פארט, גאט ווייסט וואס פון אונז וואלט געווארען ווען נישט גאלדעניוא. אודאי מעג איך מיך פרייען, זיך שעטצען גליקליך מיט אזא מתנה פון זיין ליבען נאמען, נאר וויא ווייגט אין מיר אבער דאס הארץ, האט זיא געזאגט מיט א שטארקען זיפץ

און טרעהרין האבען איהר זיך געשטעלט אין די אויגען, קוקענדיג וויא גאלדעניוא ארבייט אויף אונז אלע מיט נויט-שווייס נעביך, שטעלט איין דאס געזונט, דאס לעבען און פארגינט נישט אויף זיך אליין אויסצוגעבען א מאל, איהר זאלט זאגען אפילו א צובראכענעם שילינגער. וואס איך בעט זיא א מאל: גאלדעניוא סערצע! האב רחמנות אויף דיין לעבען, קויף דיר עפיס אויף צודערקוויקען זיך און רוה זיך אביסיל אוים, נשמה מיינע, ענטפערט זיא אלץ מיט א געלעכטער: איך בעדארף מיך נישט קוויקען, מאמע, עס נידעט מיך חלילה נישט ביים הארץ. לאזען זיך קוויקען יענע וואס זיטצען פארלייגט די הענד און ווייסען אליין נישט וואס געהט זייא אפ. אויף אויסרוהען זיך איז דא ביי אונז א גרויסער טאג שבת. אזוי ענטפערט זיא אפ תמיד מיט א ווערטיל און טהוט טאקי ווייטער דאס איהריגע שטיל, פיין וויא א שטילע טויב, לאז מיר זיין פאר איהר קאפ!...

אין מיטען שמועס איז אריינגעקומען גאלדע און אנידערגעשטעלט אויפען טיש א טאץ מיט פיער גלעזער טהעע.

אז מיר האבען אפגעטרונקען טהעע האט דער רעגען אויפגעהערט, גאלדע האט געהייסען איהר שוועסטעריל זיך געהן לייגען שלאפען. גאלדע שיינדעלע, האט זיא צו איהר געזאגט און זיא א גלעט געטאן איבער דעם קעפעלע, דיר איז שוין צייט צושלאפען. דוא ועסט בעסער פריהער אויפשטעהן. דיין לעהרער וועט שוין היינט נישט קומען. — שיינדעלע האט א קיש געטאן די מוטער אי די שוועסטער, געזאגט איטליכען א גוטע נאכט און געגאנגען שלאפען. מיר איז שוין אויך צייט געווען צוגעהן, איך האב מיך אויפגעהייבען פונם ביינקעל זיך געזעגענט און אוועקגעגאנגען.

די האלבע לבנה האט געשיינט און איז וויא א גילדען שיפעלע זיך געשווימען אין דעם גרויסען, בלויען ים פון דער לופט. — וואס איז געווען רוהיג, שטיל אהן א שום ווינטעלע. דער הימעל האט מיט טויזענטער ליכטיגע שטערען אראפגעקוקט וויא א פארליבטער חתן אויף דער געליבטער ערד, וואס איז געווען אנגעטאן אין א גרין קלייד פון גראז, פארפוטצט מיט אלערלייא שיינע בלומען, פון וועלכע עס האבען געשמעקט זיסע, געשמאקע ריחות וויא פון די טהייערסטע פארפימעס. זשאבעס האבען לוסטיג געקוואקעט אין די טייכליך און ערגיץ פון א גארטען האט זיך אנגערופען אויף זיין קול א סאלאוויא, איין בריה אויף דער וועלט. א כפרה אלע חזנים... מיר האט עפיס אויך זיך געזונגען אויפן הארץ. איך האב געהענדיג אונטערגעזונגען און אליין נישט געהערט וואס, נאר צוקומענדיג נאהענט לעבן דער היים

האב איך מיך עפיס וויא א חאפ געטאן אונ דערהערט אז איך זינג לייזער דעם שניידערס א ניגונדיל וויא מען בעזעטצט א כלה . א , אין דער ערד אריין פאלגע ! האב איך אין שפאס געשאלטען לייזערן אונ מיט א פרעהליך שמייכעלע איהם אפגעשיקט צו אלדע שווארץ־יאהר .

העריט א מעשה ! נאך אזא פרעהליך בעגעגעניש האט דיא גאנצע נאכט מיר זיך גאר געהלומט עפיס טרויערדיגע סצענעס , וויא מען ווייגט מיך אפ מיט טרעהרען אונ קולות פון מענשען שרייען עפיס ארוים וויא פון דער ערד , גוואלד וואס האט מען צו אונז געהאט ! . . . . . .

טו.

איך האב אנגעהויבען צו־ווערען בייא גאלדען אין שטוב איין אפטער גאסט , עס האט מיך געצויגען אהינצו עפיס וויא א מאגנעט . מיך האט געצויגען צו איהר נישט איהרע מעלות אונ מדות טובות וויא זיא דערנעהרט זיך כשר אונ האלט אוים שיין פיין איין אלטע מוטער אונ א שוועסטעריל מיט איהר ארבייט , ניין , אזעלכע זאכען האט איסר'ם א תלמיד נישט געקענט שעטצען . געלד , דאס איז געווען בייא מיר דער ארשין אויף־צומעסטען דעם מענשענס מעלות וויא אויך דאס עכטע געוויכט אפצו־ווייגען אלע מיני מדות טובות , א קלוגער א בריה , א מענש האט בייא מיר געהייסען דער וואס האט געלד אונ לעבט אין וואוילטיג , וויא אזוי ער האט עס בעקומען אונ אויף וועמענס הוצאות ער לעבט , דאס מאכט גאר נישט אוים , אין אזעלכע זאכען געהן אריין פאדראבנע נאר ארמעלייט , שלימזלניקעס מחמת קנאה אונ פארדראס , וויא אויך מחמת דעם , בכדי מיט זייער בערידען יענעם צופארגלעטען דערוויל זייערע אייגענע פעהלער , וואס זייא זענין שלימזלניקעס , טויגעניכטסען אונ צוקיהלען זיך אביסיל דאס הארץ , צוטרייסטען זיך קלאמפערשט פאר דער וועלט , אז זייער ארעמקייט איז נאר פאר זייער גוטען תאראקטער , דערפאר וואס זייא קענען נישט וויא אנדערע זיין פאלשע , נידעריגע מענשען . ניין , נישט גאלדעס שיינע גוטע מעלות זענין מיר געפעלען , מיר איז געפעלען געווען נאר איהר שיין פנים , מיך האט געצויגען צו איהר א מגושמדיגע ווילדע ליבשאפט . וואס איך האב מיט דער ליבשאפט געמיינט דאס האב איך מיר נאך אליין קיין חשבון נישט געקענט אפגעבען , איך בין דערוויל צו גאלדען געגאנגען , תחלת האב איך איהר געבראכט ארבייט , מיר געלאזט נעהן בייא איהר העמדער,

מאנישקעס

מאנישקעס און דערנאך פלעג איך מיר שוין אזוי קומען גלאט וויא א גוטער בעקאנטער.

אין דער גאנצער צייט וואס איך בין געגאנגען צו גאלדען פלעג איך דארט אלין טרעפען יענעם יונגען מאן, וועלכען איך האב דאס ערשטע מאל בעגעגענט שבת געהענדיג מיט איהר שפאצירען. ער איז געוועזן דארט זעהר היימעש וויא איין איינענער, א גאנצער בן־בית. ער פלעגט לעהרנען מיט שיינדעלען, העלפען אין שטוב, ברייגנען א מאל מיט זיך פונם מארק נייטיגע זאכען, אויך א מאל לייען און געבען אונטער איין איינגער צייט, קיינער אין שטוב האט איהם נישט געהירצט און איהם גערופען פראסט ביים נאמען מיכיל. מיכיל איז געוועזן א שרייבער, וואס פלעגט לערנען מיידליך און יונגליך שרייבען און ציהען דערפון זיין שטיקעל פרנסה. פון א שמועס א מאל מיט דער אלטער האב איך מיך דערגאנגען, אז מיכיל איז דער פאמיליא א גאנצע אנהאלטעניש, א גרויסע פאדפארע, אהן איהם וואלט אויסגעקומען א מאל זעהר שלעכט, ער איז איהרער א ווייטער קרוב און איז גאלדעניוס שוין כמעט א חתן. לעת־עתה איז דאס נאך פאר דער וועלט בסוד, נאר אין א קורצער צייט פארהאפט זיא אם־ירצה־השם מאכן תנאים און ברעכען טעפ. דיא דאזיגע ווערטער האבען מיך געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ, נאר איך האב מיר געמאכט נישט ווייסענדיג, גלייך וויא עס געהט מיך גאר נישט אן. פון יענער צייט האב איך געהאלטען מיכלען פאר מיין ערגסטען שונא, וואס שטעהט מיר אין וועג און האב אלין געטראכט וויא איהם ביא צוקומען. איך פלעג מיך וויא א קעטצעלע צושארען צו גאלדען אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע ריידעליך, שפילען זיך מיט שיינדעלען און ברייגען איהר אפט א צוקערקעלע אדער עפיס א שפילכען, אין דער האפענונג צו־ווערען דורכדעם א חשוב און אראפשטופען מיכלען, אוועקשטעלען איהם אין דער זייט. איינמאל האב איך מיך אפילו געפריפט צוגעבען עפיס געלד, אז איך האב בעמערקט, אין שטוב איז עפיס איינג, נאר גאלדע האט מיר געהייסען צוריקנעהמען דאס געלד עפיס מיט אזא שמייכעלע, וואס האט מיך געלעהרענט דרך ארץ און וואס איז א סך ערגער געוועזן פון א פאטש. דאס האט נאך טוויזענט מאל מעהר פארשטארקערט מיין שנאה צו מיכלען, עס האט מיך געברענט וויא א העלעש פייער, נאר וואס מער אבער דיא שנאה מיינע צו איהם איז געווארען אלין שטארקער, האב איך מיך אלין מעהר פארשטעלט, גערעדט מיט איהם זיס און געוויזען איהם תמיד א פרעהליך פנים. פארשטעלען זיך, דאס האב איך שוין אין יענער צייט זייער גוט געקענט, ווייל דאס איז דיא ערשטע זאך, וואס א קליין מענשעלע בעדארף קענען.

אז

אַז איסר האט שוין פֿירגענומען זיך, איינעם צובעגראבען פֿלעגט ער איהם אויפֿנעהמען זעהר פֿריינדליך, לויפֿען איהם אַקעגען מיט אַ שמחה און זיך קישען מיט איהם אין די פּיסקליך. מאכען יענעם די מיתה בנשיקה, דאס הייסט קושענדיג ביי יענעם די נשמה צונעהמען, איז אי פֿיל זיכערער אי מען איז נאך מקיים די מצוה פֿון "ואהבת לרעך כמוך" לויט איין חכם האט געזאגט, דערמיט, וואס מען קלייבט אויס פֿאר דעם חבר אַ שיינע מיתה, אַ שטילען טויט, אַז קיין האהן אפֿילו זאל נישט קרעהן... איך פֿלעג קומען צו גאלדען אויסגעפוטצט און אויסגעשמירט די האר מיט אַ סך פּאמאדע בכדי דערמיט צוגעפֿעלען און אַראפּוואַרפֿען אין איהרע אויגען מיכלען, וואס איז געגאנגען פּראסט געקליידט, נאר ביי גאלדען האבען קליידער גאר נישט אַזוי אויס־געמאַכט, זיא האט מיר גאר איינמאל דעליקאט אָנצוהערעניש געגעבען, אַז פֿון אויסגעפּריעטע פּאמאדע אויף יענעמס קאפּ בעקומט מען דעם קאטער. מיכל האט דערביי אַ שמייכעל געטאן און אינוועניג אין מיר האט געקאכט, געזאטען אויף איהם דאס בלוט. שיינדעלע האט אַ מאל זיך אָנגערופֿען: פֿע, מיכל, וויא דוא געהסט! ר' איציק אברהמיל שיינט טאקי, ער איז אויסגעפוטצט, אויסגעצוואגען מיט רויטע בעקעליך און פּאמסענע ליפּעליך וויא אַ שיין מיידעל. — נארעלע, האט מיכל איהר געענטפֿערט גאנץ רוהיג, וואס זאל איך טאן, אַז איך בין אָרעם און האב נישט אַזא דיענסט, וואס זאל מיר אויף אַלסדינג טראגען. — מיר האט זיך געדאַכט, אַז מיכל גיט מיר אַ שטעכווערטיל, אַז איך בין אַ משרת און וויל מיך דערמיט ביי איטליכען שטארק אַראָפּוואַרפֿען. איך האב עס אָבער אַראָפּגעשלונגען, פֿאַרביסען די ליפּען און נישט אָפּגעענטפֿערט קיין קרום וואָרט.

אויף אַזא אופֿן איז אַוועקגעגאנגען דער גאנצער זומער און אַ שטיק פֿונם אָסיען. איך בין שיער אויס דער הויט נישט געשפּרונגען פֿאר גרויס ליבשאַפֿט נאר ס'איז גאר נישט געווען צומאַכען. מיכל איז מיר געשטא־איילען דעם ביין אין האלז. איך האב געזעהען, אַז ווען איך וועל מיך נישט שוין געהאלטען, אַז אָט אָט ווערד מיכל אַ חתן פֿאר גאלדען. עס האט אַלטע האט איהם ליב געהאט וויא איין אייגען קינד און זיא האט געוואָלט דערלעבען דעם טאג צוזעהען איהם פֿאַרבונדען מיט איהר טאכטער אויף אייביגע יאהר. זיא האט אַ פּאר מאל געמאַכט אַ שמיעס זעניין געווען פֿרעהליך. שיינדעלע איז אַזש געשפּרונגען פֿאר פֿרייד, געשטיפּט, זיך גערייצט מיט מיכלען און געפֿאלען איהם דערנאך אויפֿן

האלז

האלז ארומנעהמענדיג איהם מיט ביידע הענטליך. גאלדע האט געקוקט אויף זיא מיט פייכטע ברענענדיגע אויגען, וואס האבען אויסגעדריקט זעהר פיל תענוג אונ איז רויט געווארען וויא פייער. ס'איז איהר דענסמאל אין פנים נישט געוועזען אריינצוקוקען וויא אין דער ליכטיגער זון, אזוי שיין איז זיא געוועזען. איך האב אויך געמאכט א פריינדליך פנים, וויא א היימעשער מענש וואס טהוט איהם הנאה אז אין הויז איז א שמחה, נאר אין הארץ אבער האט מיר געברענט א גיהנם. אוועקגעהענדיג פון דארט האב איך געקריצט מיט דיא ציין אונ געשווארען, אז איך מוז ווכען עפים א תחבולה וויא צום גיכסטען אפרוימען מיר דעם וועג צו גאלדען.

עס האט נישט לאנג געדויערט אונ דיא תחבולה איז מיר געקומען אין האנד אריין. אין יענער צייט גראד איז געוועזען א נאבאר. איך האב אפגעארבייט שטילערהייט דורך איסערען אונ מען האט מיכלען גענומען פאר א רעקרוט!......

אז איך בין געקומען צו גאלדען איז דארט אין הויז געוועזען תשעה-באב. דיא אלטע איז געלעגען אין בעט, קראנק, צובראכען אונ אויפן קאפ א נאס טיכעל מיט קאלט וואסער. גאלדע איז געוועזען בלייך וויא דיא וואנד מיט רויטע געשוואלענע אויגען אונ זיך ארומגעדרעהט לעבין דער מוטער צופאטעלט דיא האר, פארזארגט, פאראומערט וויא אדערשלא-גענע. שיינדעלען איז גאר נישט געוועזען צודערקענען, זיא איז איינ-גענורעט געזעסען אין א ווינקעלע, פארלייגט דיא הענטליך אונ געקוקט מיט אראפגעלאזענע אויגען אויף דער ערד. ביי מיין אריינקומען האבען אלע מיט א מאל זיך צו-וויינט מיט הייסע טרעהרען, אהן ווערטער, וויא אומגליקליכע בשעת זיא דערזעהן זייער בעסטען פריינד. — וואס איז אזוינס געשעהען? האב איך וויא א תם א פרעג געטאן אונ געבליבין שטעהן פארוואונדערט. אקעגען א פאר מינוט איז געוועזען שטיל, דערנאך האט דיא אלטע אויף א וויינענדיג קול ארויסגערעדט אונ זיך געווארגען מיט טרעהרען: אך וועה אונ וויינד איז מיר, מיכיל... נישטא מיכיל... דיא חאפערס האבען גענומען מיכלען!... עס האט איהר זיך געעפענט א פרישער קוואל טרעהרען, גאלדע איז לעבין איהר אויפן בעט געזעסען אנגעבייגען, מיט ביידע הענד אויפן פנים, דיא קראנקע מוטער האט איהר ארויפגעלייגט דיא האנד אויפן קאפ אונ אלע האבען געוויינט, געיאמערט וויא מען בעקלאגט א טויטען. איך האב געמאכט א טרויעריג פנים, געזיפצט, געקרעכצט אונ אין הארץ האט מיר הנאה געטאן קוקענדיג אויף גאלדען, וואס צו איהר פארשטעלט מיר איצט שוין קיינער נישט דעם וועג, איך האב זיא געגעסען מיט דיא אויגען, אנגעקוקט

זיא

זיא פון אויבען ביז אראפ וויא א וואלף קוקט אויף א שעפעלע, און בייא מיר אין הארץ געטראכט: נישקשה, דוא וועסט זיין מיינס, וועסט פון מיינע לאפעס זיך שוין נישט אויסדרעהן....

אפאר חדשים נאך דער דאזיגער סצענע זענין פארגאנגען. מיכלען האט מען אפגעגעבין און אוועקגעפיהרט וואהין מען בעדארף. ביא גאלדען אין שטוב איז געוועזן אחורבן, אלסדינג האט געטרויערט און פארלוירען זיין געשטאלט. דיא בלומענטעפליך זענין געשטאנען פארדארט, וויל ס'איז נישט געלעגען אין זינען זייא אין דער געהעריגער צייט צובעגיסען, דיא קליינגקייטען אויף דער קאמאדע זענין נישט אויסגעשטעלט געוועזן מיט א שיינעם סדר וויא פריהער און אויף „משה רבנו“ איז געלעגען א געדיכטער שטויב. ער האט אויסגעזעהען עפים מרה-שחורהדיג און ארויסגעקוקט פון אונטער דעם גלאז עפים וויא סטראגע, זעהר שטארק ברוגז. מיר ווייניגסטענס האט זיך אזוי געדאכט און איך פלעג מיך היטען אויף איהם א קוק צוגעבען. שיינדעלע האט אויפגעהערט צולעהרנען, נישט געהאט מעהר מיט וועמען זיך צושפילען, זיא איז אראפ פונם לייב אויסגעגאנגען וויא א לעכט און איז געווארען גאר אוים קינד. אויף גאלדען איז געלעגען דיא ערד, קיין פרעהליכע מינע האט מען פון איהר נישט געזעהן, ס'איז איהר עפים וויא נישט ניחא געוועזן דאס לעבען. דיא אלטע פלעגט קוקען אויף איהרע קינדער, שאקלען מיטן קאפ און זיך בעוואשען מיט טרעהרען. זיא פלעגט אלץ איינפאלען און צייטענווייז ליגען אין בעט. איך פלעג עפטערס אהין קומען זיטצען בשעת גאלדע פלעגט ארבייטען, פלעגט זיא שטארקען מיט גוטע, זיסע ריידעליך און מיט מיינע טרייסטווערטער געזוכט אלץ וואס ווייטער ווייטער זיך אריינצוגנבהנען אין איהר הארץ. אביסיל האב איך בעמערקט אין שטוב איין עלענד. גאלדעס האנד-ארבייט אליין, וויא זיא האט זיך געמוטשעט, געפלאגט און קריעה געריסען, האט נישט משפיק געוועזן אויף דיא אלע לעבענס-בעדערפנישע, וויל דיא בעלוינונג פאר איהר ארבייט איז געוועזן זעהר קליין, דרינגען האט בעשיינפערליך זיך ארויסגעוויזען וויא מיכיל געהט אפ, וויא שטארק ניטצליך ער איז פאר דער ארעמער פאמיליע געוועזן. זיין חלק הילף האט איצט געפעהלט. דערצו איז נאך גראד דענסמאל געוועזן ווייניג ארבייט מען האט בעדארפט געהן איינמאל אין דער אפטייק אריין נאך א רעצעפט פאר דער אלטער און דארויף איז נישט געוועזן קיין גראשען. איך האב מיך איינגעשטעלט און פארגעלייגט גאלדען צונעהמען בייא מיר עפים געלד. גאלדע איז רויט געווארען, האט אראפגעלאזט דיא אויגען און נישט געענטפערט קייןווארט. מען האט געזעהן, אז

בייא

בייא איהר אינוועניג אין הארץ איז נישט רוהיג , דארט רוישט א שרעקליכער שטורמווינד פון ביטערע געפיהלען . איך האב גאלדען געגעבען צופארשטעהן , אז איך לייא איהר עס נאר אויף א צייט אויס , זיא מוז עס נעהמען צוליב דער קראנקער מוטער , וואס זיא געניטיגט זיך אצינד אין דעם רעצעפט , וואס זעהר מעגליך דריגען הייגט אפ איהר לעבען . דיא אלטע האט בשעת מעשה בייא איהר אין בעט גראד א שטארקען קרעכץ געטאן , גאלדע איז פארצאפעלט געווארען , גענומען בייא מיר מיט א ציטערדיגער איין־קאלטער האנד דאס געלד , ארויפ־געהאפט אויף זיך א שאל אונ איז געשווינד ארויסגעלאפען פונם שטוב....

בייא מיר אין שטיבעל בין איך איינמאל שפעט בייא דער נאכט געלעגען אויף מיין געלעגער אונ נישט געקענט קיין אויג צוטאן . עס האט פון מיר זיך אפגעטאן דער שלאף . דיא ליבשאפט מיינע צו גאלדען האט מיך שרעקליך געמוטשעט , נישט געלאזט רוהען אונ איך האב מיך גענומען טראכטען וואס קען דערפון ווערען ? ביז וואנען נאך וועל איך מיך אזוי פייניגען אונ נישט ברייגען דיא זאך צו איין עק. נאר אויף וואס פאר איין אופן אבער ברייגט מען עס צו איין עק ? — חתונה האבען ? נאר דאס איז פאר מיר זעהר א שווערע זאך , דאס לוינט מיר נישט מכבה מעמים : ערשטענס , וועל איך דורכדעם מוזען אויסטרעטען פון דינסט בייא איסערען , אונ אוועקגעהן פון איסרען הייסט אזוי פיל וויא אויפהערען צוזיין א קליין מענשעלע , א חשוב , אפזאגען זיך פון פארדינען גרינג געלד , פון א גליקליך לעבען אהן צער אהן מיה אונ אויפגעבען אלע מיינע האפנונגען אויף שפעטער ; צווייטענס , וואס וועל איך בייא איהר נעהמען ? גארנישט ! זיא איז דאך הויל , נאקעט אזוי וויא דיא מאמע האט זיא געבוירען . זיא וועט מיר אנהאבען א סך קינדער , פופקעליך , וואס וועלען מיר פארדרעהן דעם קאפ , איך וועל אויפעסען דאס ביסעל געלד אונ וועל דערנאך בלייבען א קבצן , א טויגעניכטס , אלא יוצלה צו קיין זאך נישט אין דער וועלט , וועל ליידען , פארשווארצט ווערען וויא א מאל אין דער יוגענד איך בין פאר־שווארצט געווארען , אונ צוליב וואס ? צוליב א ליבשאפט !... וואס א שטייגער , האב איך געטראכט , וואלט דערצו געזאגט איסר ? איסר וואלט זיכער געמאכט דעם גרעסטען געלעכטער אונ געזאגט , אז ליבשאפט איז נישט מעהר וויא א שיין פנימיל , א זייפענבולבע , וואס שפילט פארן אויג אין אלערלייא וואונדער שיינע קאלירן אונ פלוצלים צושפרינגט עס , מען ווייסט נישט וואהין עס קומט אהין , דאס איז אשפילכען , א קלייניגקייט , וואס מען בעדארף עס טאקי נאר פאר א קלייניקייט בעקומען אונ וואס עס לאזט זיך זעהר גרינג איינהאנדלען

אבי

אַבּי מען איז נאָר קיין שוטה נישט. ליבּשאַפט דאָס איז אַ שווינדעל
זאַך, וואו דעם מענשענס האַרץ שווינדעלט אין די געפיהלען פונקט
אַזוי ווי דער קאָפּ שווינדעלט אין פּראַקטישע סוחרישע געשעפטען.
דער שפּיטץ איז, דאָס איז אַ מסחר, אַ דעליקאַטע, קונסטציג אויס-
געאַרבּייטע נעטץ, צופאַנגען דרינען נאַראָנים, שוואַכע מענשליך,
וואָס צוקריכען וויא אַ שנייא אונ צוגיסען זיך וויא באַלד מען גיט זייא
נאָר עפּיס אַ וואַרם.... וואָס דען-זשע, זאָל איך קיין נאַר נישט זיין
אונ דערגרייכען מיין וואונש נאָר פּראָסט, אויף איין אַנדער אופן? נאָר
דאָס איז אָבער אַ ריינע אוממעגליכקייט. וויא איך האָב געקענט נאַלדען
איז גאָר אוממעגליך געווען אַזעלכס אפילו צוטראַכטען. זיא האָט תמיד
געקענט עפּיס זיך אַזוי האַלטען, אַז מען האָט געמוזט האָבען פאַר
איהר דרך ארץ אונ דיא צונג האָט זיך נישט געליינט אַרויסריידען אין
איהרע אויגען עפּיס אַ מיאוס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך אַרויס-
געחאַפּט מיט עפּיס נישט אַזאַ שיין ווערטיל, וואָס בייא אַנדערע געהט
עס איין, נישט צומאַכען דאַרויס קיין שום פּרוש, האָט זיא דערבּייא
געמאַכט עפּיס אַזאַ מינע, אַז איך בין בטל געוואָרען אונ אַ קעלט איז
מיר דורכגעלאָפען אין אַלע אבריםִ. ניין, אַזעלכע וויא נאַלדע לאָזט
זיך נישט איינהאַנדלען מען זאָל אפילו קלוג זיין וויא צעהן רוחות.
וואָס-זשע דען, לאָס איך אין גאַנצען אַ שפּייא טאָן אונ זיא פאַרגעסען?
דאָס האָב איך געפיהלט איז איבער מיינע כחות, גיכער וואָלט איך מיך
אָפּגעזאָגט פון מיין לעבען איידער פון איהר. דיא ליבּשאַפט מעג זיך
זיין אין גאַנצען אַ שפּילכען, אָבער איך האָב אַזאַ שפּילכען בשום אופן
נישט געקענט אַוועקוואַרפען. איך האָב געטראַכט, געטראַכט אונ ווידער
געקומען צום ערשטען. אין ברירה טאַקי חתונה האָבען. אַ וואָס, דאָס
קען מיר דאָך שאַדטען? נוא, דערצו וועט מען מוזען געפינען עפּיס
אַ תחבולה, מאַכען עפּיס אַ פּשרה עס זאָל אי אַהין אי אַהער גוט זיין.
חתונה מוז מען האָבען אונ וואָס גיכער איז אַלץ בעסער, מעהר פלאָגען
זיך האָב איך שוין קיין כח נישט. עס מוז באַלד נעהמען איין עק.
נאַלדע בעדאַרף זיין מיינע. מיט דעם דאָזיגען געדאַנק בין איך אַנשלאָפען
געוואָרען אונ געהאַט זיסע גוטע חלומות.

איך בין אויפגעשטאַנען אַבּיסיל שפּעטליך אויפן טאָג אונ בייא
מיר אָפּגעמאַכט עס זאָל אפילו דונערען אונ בליטצען מוז איך היינט
פאַרנאַכט מיט נאַלדען מיך דערקלעהרען. דענסמאָל איז גראַד געווען
פאַר פּסח, נאַלדען איז זעהר איינג געווען, זיא האָט בעדאַרפט זעהר
פיל האָבען אונ נאָך נישט געהאַט קיין אָנהויב אויף יום טוב. צו מיין
זאַך איז דאָס געווען סאַמע דיא בעסטע צייט. אַז איך בין געקומען צו

גאלדען האב איך זיא געטראפען איינע אליין זיטצענדיג איבער דער ארבייט, דיא אלטע איז געלעגען אין בעט אונטער דיא ווענטליך אונ שיינדעלע לעבין איהר, מען האט פון דארט נישט מעהר געהערט וויא א היסטען, דאס האט געהיסט דיא אלטע אונ דאס שיינדעלע, ביידע האבען געקייכט אין איין אטהעם, גלייך וויא זייא האבען זיך פארהערט ווער פון זייא קייכט שטארקער, דערצו האט נאך צוגעשווישטשעט א גריל אונ אין איינעם איז ארויסגעקומען עפיס א שרעקליכער קאנצערט. גאלדע איז געווען פארזארגט, אלין גענעהט, געמאכט מיט דער נאדעל אונ נישט פארגינען זיך אפילו א רגע דעם קאפ אויפצוהייבען. איך האב מיר געמאכט א שמועס, זיא געמוסרט פאר וואס זיא הארעוועט אזוי איבער דיא קרעפטען, פארליהרט איהר געזונט אונ האט נישט קיין רחמנות נישט אויף זיך אליין, נישט אויף איהר פאמיליע, וואס האלט זיך אין גאנצען נאר אויף איהר, אונ נישט אויך אויף איהרע גוטע פריינד, וואס איהר געזונט איז זייא שטארק טהייער אונ וואלטען פאר איהר דאס לעבען אוועקגעגעבען... גאלדע האט ביא דיא דאזיגע ווערטער אויף מיר א בליק געטאן אונ אין דעם בליק איז געלעגען עפיס אזוינס וואס איז שווער איבערצוגעבען. איך האב גערעדט נאך מעהר בעהארצט, וואס ווייטער אלץ מיט מעהר פייער אונ ארויס לסוף מיט דער גאנצער שפראכע, אז זיא איז מיר ליב וויא דאס לעבען אונ איך וואלט מיך געשעטצט איבערגליקליך ווען איך זאל מיט איהר חתונה האבען. גאלדען איז דיא נאדעל פון דיא פינגער ארויסגעפאלען אונ געבליבען זיטצען צומישט אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענד. אויף א פאר מינוט לערך בין איך אנשוויגען געווארען, עס האט מיך בעשלאגען א שוייס אונ דאס הארץ האט מיר שטארק געקלאפט גלייך וויא איך וואלט איבערגעגאנגען א הויכען בארג. דאס היסטען אונ קייכען פון אונטער דיא ווענטליך איז אלץ געגאנגען שטארקער אונ שטארקער, א צובראכענע שויב אין דעם פענסטער האט זיך געשאקעלט אהין אונ אהער פונם ווינד אונ צוגעקלאפט צום טאקט עפיס זעהר מרה-שחורהדיג. מיר האט זיך געעפענט ווייטער א מויל, איך האב גערעדט מיט היטץ, גערעדט, גערעדט אונ אלץ איינגערעדט גאלדען. איך האב געשילדערט איהר איצטיגע לאגע וויא זיא איז געקוועטשט פון אלע זייטען, איך האב איהר אנגעוויזען אויף דער קראנקער, שלאפער מאמע מיט שיינדעלען וויא זייא ליידען נעביך אונ קומען אפ. נאר צוליב זייא אליין בעדארף זיא עס טאן. ביא מיר וועט דאך אלע אם ירצה השם זיין גוט, מיר וועלין לעבין גליקליך אונ צופרידען, אז נאט אונ לייט וועלען הנאה האבען. גאלדע האט מיר

אריינגעקוקט

אריינגעקוקט אין פנים און הייסע טרעהרען האבען אין גרויסע טראפּענס וויא פּערעל איהר געקאפּעט פון דיא אויגען. לאזט מיך צורוה א קורצע צייט, האט זיא זיך אנגערופען עפּיס מיט א קול פון געבעט, גלייך וויא איינער וואס אין דער קלעהם. איך וועל מיך אביסיל בעטראכטען, זיך מישב זיין מיט דער מאמע און אייך באלד געבען א קלאהרע תשובה.

אז איך בין געקומען אויף מארגען צו גאלדען האב איך זיא געטראפען זיטצענדיג אונטער דיא ווענטליך לעבין דער מאמע. דיא אלטע האט מיך אנגענומען ביא דער האנד און געזאנט, אנווייזענדיג מיר מיטין קאפּ אויף גאלדען, אז זיא איז מרוצה אפּצוגעבען מיר אין דיא הענד אריין איהר טהייערען ברילאנט, איהר שאטץ, איהר מתנה פון זיין ליבען נאמען, נאר איך זאל אבער וויסען חאטש א צעהנטחלק פון איהר וויא זיא טהייער צוהאלטען, וויא זיא צושאטצען. דערביא טאקי האט זיא צוגעשטעלט א פּונקט, אז איך זאל מיך אפּזאגען פון מיין שטעלע, ווארום וויא פאר א חשוב איך בין, בין איך דאך פּארט טאקי נאר א משרת. און איהר גאלדעניון אפּגעבען פאר א משרת איז איהר נישט לכבוד, אויך נישט איהר משפּחה. איך האב מיך אקעגען דעם געשטעלט, איהר אויסגעוויזען וויא ס'איז נישט גוט, נישט קלוג, אפּצוזאגען זיך פון אזא גילדענער שטעלע, וואס טראגט מיר פיל איין און קען דארט מיט דער צייט ווערען א מענש וואס א מענש הייסט. א סך מיוחסים חלעבין ליגען מיר א מאל צו דיא פּיס, זענין מיר מקנא און וועלען מיר ערשט שפּעטער אם ירצה השם נאך מעהר מקנא זיין. נישקשה איך בין שוין איצט אזא מיוחס וויא זייא אלע. נאר וויא דיא מעשה איז, אצינד אפּ זאגען זיך איז זעהר קרום, א גרויסע עברה. לעת-עתה איז פיל גלייבער אין אלע אופנים, איך זאל לעבין איסרין אי נאך דער חתונה טאקי ווייטער בלייבען. וואס מאכט עס אויס, זאל זיך דאכטען איך בין א קרעמער און זיטץ גאנצענע טעג אין קלייט, אדער איך בין א סוחר און פאהר דיא גאנצע וואך ארום. אין ליידיגע צייטען וויא אויך שבת און יום טוב וועל איך מיר צובריינגען ביא זיך אין דער היים. לעת-עתה מוז זיין אזוי און שפּעטער איז דאך גאט א טאטע. מסתמא וועט שוין זיין רעכט.... אי וואס, אייך קומט אלץ פיר פּארט עפּיס משרת, ס'איז אייך עפּיס פריקרע פאר דער וועלט, נוא וועלען מיר אפּמאכען דיא חתונה שטיל אהן רעש, אהן געפּילדער און זיך מוזען בעגעהן אהן דיא אלע מיוחסים. אויך מיר אוואזשנע זאך! פון וועמען מען האט דא צורידען!... דער שפּיטץ איז געווען מיינע רייד זענין אנגענומען געווארען און מיר האבען געמאכט א האנדשלאג. זעה-זשע דוא זאלסט אפּהיטען מיין ברילאנט און חשוב האלטען מיין קינד, מיין טהייערע

נשמה, האט דיא אלטע נאך א מאל מיך געבעטען אונ זיך צו-ווײנט, גאלדע מיט שײנדעלען האבען אויך געווײנט גחליפעט אונ איך בין דענסמאל געוועזען אויף דעם זיבעטען הימעל פאר פרײד, וואס מיר איז געראטען אפצומאכען דיא זאך גלאט וויא איך האב מיר געוואונשען.

ל"ג בעומר אין א שײנעם טאג בין איך מיט גאלדען אין אײנעם מיט דער מוטער אונ שײנדעלען זיך דורכגעפאהרען נישט ווײט אין א דערפעל אונ פאר א מנין יודען דארט שטיל אפגעשטעלט א חופה.

טז.

דיא ערשטע צײט נאך דער חתונה האב איך געהאט מיט גאלדען זעהר א גוט לעבען, אלע אין שטוב זענין צופרידען געוועזען. איך בין טאקי וויא פריהער געוועזען בײא איסרין אין הויז, האב מיך געהאלטען אין איהם אײזען-פעסט אונ געארבײט אין מײן זאך זעהר געשמאק, נאך א סך געשמאקער וויא א מאל. מיר איז קײן רגע נישט ארויס פונם זינען, אז איך בין א בעווײבטער אונ בעדארף האבען געלד. איך האב מיר גוט איבערגעחזערט אין קאפ דיא אלע הלכות קלײן-מענשעלע מיט אלע פרושים פון ר' איסרין, אויך מיט מײנע אײגענע הגהות, וואס איך האב דרינען וויא א למדן מופלג אויפגעטאן שטארק שכלדיג גאר א חריפות. לאז דיא וועלט פון איצט אן פיהלען וואס פאר א גרויסער למדן, וואס פאר א כלי-שלמה, א טשאצקעלע איך בין; לאז זיא גוט טאקי פיהלען אז איך האב א ווײב, אז איך בין א בעל-הוצאה אונ בעדארף הײנט א סך האבען; לאז זיא געבען געלד אונ אויסשטעהן מײנע הוצאות, נישקשה, דיא וועלט איז נישט קראנק, דער רוח וועט זיא נישט נעהמען! אזוי האב איך בײא מיר אין הארץ אפגעמאכט אונ ארויס־געצויגען דיא מקחים אויף מײנע אלע שטוקעס, וואס איך האב אנגעהויבען שטארק מיט חשק צומאכען. איסרס גביר, דער בער, האט געטאנצט בײא איסרין אין דער קאמעדיע, אונ איסר אלײן האט געטאנצט וויא א בער אין מײן קאמעדיע. מיר האבען בײדע געהאט גרויס שפע, דער נארעשער עולם איז צו אונז געגאנגען אונז געצאהלט געלד אין טאג ארײן, מיר האבען געמאכט גוטע געשעפטען אונ זענין בײדע צופרידען געוועזען. איך האב בעקומען א גרויסען חשק צו געלד, וויא פיל איך זאל נישט געוועזען פארדינען איז מיר אלץ געוועזען ווײניג אונ האב שטארק געציטערט איבער'ן קערביל. אין דער הײם בײא מיר האט מען געלעבט זעהר קארג, איך פלעג זעהן אײנשפארען, אײנקארגען וויא ווײט נאר מען קען אונ זעהר ברוגז זײן אז פלעגט אוועקגעהן אײן איבעריגער גראשען. דיא אלטע פלעגט

זיך

זיך דַארויף בְּלָאזֶען אוּנ אַ מָאל זָאגֶען , אַז אִיךְ צֶעהְל דִיא גְרוֹיפֶּען אִין דֶעם טָאפּ אוּנ פַּארְגִין ,קֵיינֶעם נִישְׁט דֶעם בִּיסֶען . אִיךְ פְּלֶעג מִיךְ צוּרִיק בְּלָאזֶען אוּנ אִיהְר גֶעבֶּען שְׁטֶעכְוֶוערְטְלִיךְ, אַז אוֹיף פְרֶעמְדֶס אִיז אִיטְלִיכֶער אַ וַותְּרָן , אַז מֶען זָאל מִיךְ אוּמְזִיסְט הָאדֶעוֶוען מֵהֵיכָא־תֵּיתֵי וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ קֵיין קַארְגֶער נִישְׁט גֶעוֶועןְ. גָאלְדֶען פְּלֶעגְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער קְרֵיינְקֶען, זִיא פְּלֶעגְט אַזְשׁ גֶעל אוּנ גְרִין וֶוערֶען אוּנ נִישְׁט אֵיינְמָאל נָאר אִיז מַחְמַת דֶעם צְווִישִׁין אוּנְז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ רוֹגֶז . ס'אִיז אַ מָאל גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַויִיט , אַז אִיךְ הָאבּ מִיאוּס מִיךְ צוּקְרִיגְט מִיט גָאלְדֶען , זִיא גְרָאבּ בֶּעלֵיידִיגְט , גֶעזִידֶעלְט וִויא אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט , בִּין אִין אֵיין כַּעַס אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען פוּנֶם שְׁטוּבּ , אַ שְׁטַארֶקֶען קְלַאפּ גֶעבֶּענְדִיג מִיט דֶער טְהִיר, אוּנ אַקֶעגֶען אַ וָואךְ נִישְׁט אַ הֵיים גֶעקוּמֶען . דִיא פְרִיהֶערְדִיגֶע הֵייסֶעס לִיבְּשַׁאפְט מַיינֶע הָאט אַלְץ וָואס וַוייטֶער וַוייטֶער זִיךְ אָפְּגֶעקִיהְלְט, גָאלְדֶעס שֵׁיין פָּנִים אִיז בַּייא מִיר גֶעוָוארֶען אַ גֶעוֶועהְנְטְלִיכֶע זַאךְ , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דְרִינֶען גָאר נִישְׁט עֶפֶּעס אַזוֹינְס אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן , אַ פָּנִים וִויא אַלֶע פָּנִימֶער מִיט אַ נָאז , מִיט אוֹיגֶען . גָאלְדֶע הָאט בַּייא מִיר פַארְלוֹירֶען דֶעם חֵן אוּנ אוֹיסְגֶעזֶעהְן פְּרָאסְט אַ וַוייבֶּעל וִויא אַלֶע וַוייבְּלִיךְ . אִיךְ הָאבּ אִין הַארְץ חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען שִׁידוּךְ , צוּ וָואס הָאט עֶס מִיר גֶעטוֹיגְט , הָאבּ אִיךְ בַּייא מִיר גֶעטְרַאכְט , צוּנֶעהְמֶען אוֹיף מִיר אַזַא שְׁוֶוערֶען יָאךְ , אַ גַאנְצֶע גֶעזִינְד , וָואס פְרֶעסֶען מִיר אָפּ דֶעם קָאפּ אוּנ בְּרֵיינְגֶען מִיךְ אוֹיס, נָאר אַ בֵּייזֶע שָׁעָה אִיז אוֹיף מִיר דֶעמָאלְט גֶעוֶוען , וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעלָאזְט פַארְפִיהְרֶען פוּן אַ שֵׁיין פָּנִימֶעל אוּנ אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט דַארוֹיף אַזוֹי פִיל גֶעלְד . אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעחִידוּשְׁט וואוּ אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען מַיין שֵׂכֶל , מַיין פַארְשְׁטַאנְד , וִויא קוּם אִיךְ צוּ אַזַא נַארֶעשְׁקֵייט ! הָאבּ בֶּערֶעכֶענְט וִויפִיל דִיא נַארֶעשְׁקֵייט הָאט מִיךְ אָפְּגֶעקָאסְט אוּנ מִיט וִויפִיל אִיךְ וָואלְט אִיצְט רֵייכֶער גֶעוֶוען , אַז אִיךְ זָאל זִיא נִישְׁט גֶעוֶוען טָאן . דָאס הָאט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעעֶרְגֶערְט אַזוֹי , אַז אִיךְ פְּלֶעג מַחְמַת דֶעם תָּמִיד זִיךְ קְרִימֶען , קוּקֶען אוֹיף אִיטְלִיכֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ פִינְצְטֶער פָּנִים אוּנ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט דָארְט מִיט קֵיינֶעם קֵיין גְלַייךְ וָוארְט . אִין אַ צַייט פוּן אַ יָאהְר צְווֵייא אִיז גָאלְדֶע פוּן מִיר גֶענוּג אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען , זִיא הָאט גֶעהַאט פוּן מִיר דִיא גַאל , נָאר זִיא הָאט אַלְסְדִינְג אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען אוּנ פְּלֶעגְט אֲפִילוּ נִישְׁט הוֹיךְ וַויינֶען , קֵיין פִּיפְּס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעטָאן .

אִין מִיטֶען דְרִינֶען בֶּעדַארְף זִיךְ גְרָאד טְרֶעפֶען, אַז דֶער גְבִיר , בַּייא וֶועלְכֶען אִיסֶר אִיז גֶעוֶוען דִיא נְשָׁמָה , זָאל גָאר פְּלוּצְלִים אַ שְׁטַארְבּ טָאן אוּנ דִיא וִוינְטְמִיהְל מוּז בְּלֵייבֶּען שְׁטֶעהְן, דִיא רֶעדֶער קֶענֶען מֶעהְר זִיךְ נִישְׁט דְרֶעהֶען ! מִיט דֶעם גְבִירְס טוֹיט וֶוערְד מַיין ר' אִיסֶר אוֹיס נְשָׁמָה, אוֹיס מַאכֶער, אוּנ מִיט ר' אִיסֶרְס אוֹיס-נְשָׁמָה וֶוערֶען וֶוער אִיךְ דָאךְ אוֹיךְ מִמֵּילָא אוֹיס נְשָׁמָה,

אוֹיס

אויס אַלְץ־מִיט־אַנאַנְדֶער. דֶער עוֹלָם הָאט מִיט דֶער צַייט שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט גֶעהְן מִיט בַּקָשׁוֹת צוּ אִיסֶרְן , וָוארים עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אַרֶענְדַאר , עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם בֶּער . דֶערְצוּ נָאךְ אִיז אִיהְם שׁוֹין טַאקִי שְׁטַארְק צוּגֶעטְרֶעטֶען דָאס עֶלְטֶער , עֶר אִיז אויסְגֶעוֶועפְּט גֶעוָוארֶען , עֶפִּיס גָאר עוֹבֵר בָּטֵל , גָאר נִישְׁט דָאס פָּנִים , נִישְׁט דֶער שֵׂכֶל , דִיא חָכְמָה , וָואס אַ מָאל . הַיינְט אַז אִיסֶר אִיז אויס חָשׁוּב גֶעוָוארֶען , פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ דָאךְ , בִּין אִיךְ אוֹיךְ אויס חָשׁוּב גֶעוָוארֶען אוּנ שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעגָאלְטֶען, אַקוּרַאט וִויא אַיין אָפְּגֶערוּפֶענֶע מַטְבֵּעַ . בַּייא אִיסֶרְן בִּין אִיךְ נָאךְ אֲפִילוּ אַלְץ טַאקִי גֶעבְּלִיבֶּען דֶער אֵייגֶענֶער חָשׁוּב אוּנ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט בַּייא אִיהְם צוּגֶילְטֶען , נָאר וִויא בַּאלְד אָבֶּער עֶר הָאט מִיר שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט גֶעקֶענְט נוּטְצֶען הָאבּ אִיךְ אִיהְם בֶּעדַארְפְט אוֹיף נַיינְצִיג טוֹיזֶענְט כַּפָּרוֹת, הָאבּ אִיךְ אִיהְם אַזוֹי גֶעהֶערְט וִויא אִין טְשֶׁערְנֶעוִויץ דִיא מְגִלָּה . אַזוֹי הָאט דָאךְ מִיךְ גֶעלֶערֶענְט טַאקִי ר׳ אִיסֶר אַלֵיין , אִיךְ הָאבּ דָאךְ דָאס בְּקַבָּלָה טַאקִי פוּן אִיהְם , דָאס זֶענֶען דָאךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער . אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ אָפְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן אִיסֶרְן , וָואס עֶר הָאט בַּייא מִיר אַ פָּנִים גֶעהַאט וִויא אַ נְבֵלָה .

אַ גֶעפֵּעֶרְט בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ מַאכְט אוֹיף . דֶעם מֶענְשֶׁען נִישְׁט אַזַא טְרוֹיעֶרְדִיגֶען , שְׁלֶעכְטֶען רוֹשֶׁם וִויא אַ בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ , וָואס אִיז וִויא גֶעפֵּגֶרְט אוּנ הָאט נָאךְ אִין זִיךְ פָּארְט אַ סִימָן לֶעבֶּען . אִיךְ זָאג עֶס אַקֶעגֶען מִיר אוּנ אַקֶעגֶען נָאךְ אַ סַךְ אַנְדֶערֶע נְפָשׁוֹת , וִויא אַ שְׁטֵייגֶער אַקֶעגֶען . אַיין אויסְגֶעוָוארֶענֶעם בַּעַל טַאקְסֶע, אַיין אָפְּגֶעזָאגְטֶען סְבָּארְשְׁטְשִׁיק, אַיין אויסְגֶעמַאכְטֶען כְּלֵי־קוֹדֶשׁ אוּנ אַלֶערְלֵייא מִינֵי אַרָאפְּגֶעוָוארְפֶענֶע קָהָל׳ס לַייט . מִילָא אַ פְּגִירָה אִיז הָאטְשׁ אַ פְּגִירָה , עֶס לֶעבְּט נִישְׁט אוּנ בֶּעדַארְף נִישְׁט קֵיין שׁוּם זַאךְ , יֶענֶע לַייט אָבֶּער , יֶענֶע נְפָשׁוֹת אַז זֵייא וֶוערֶען פְּלוּצְלִים אויס אוּנ פַארְלִיהְרֶען זֵייעֶר פַּרְנָסָה , אִין וֶועלְכֶער דָאס חִיּוּת זֵייעֶרֶע אִיז גֶעהַאנְגֶען אַ צַייט מִיט יָאהְרֶען , זֵייא גֶעבִּיךְ וֶוערֶען אֶמֶת טַאקִי פְּגִירוֹת , אָבֶּער לֶעבֶּעדִיגֶע, צַאפֶּעלְדִיגֶע פְּגִירוֹת , וָואס ווִילֶען עֶסֶען , טְרִינְקֶען , חָאטְשׁ אַבִּיסֶל מַשְׁקֶה , אוּנ בֶּעדַארְפֶען אַלְטְדִינְג טַאקִי הָאבֶּען , נָאר וָואס הֶעלְפְט עֶס אָבֶּער , אַז זֵייא קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט רִיהְרֶען אַז זֵייא זֶענִין , לֹא עֲלֵיכֶם , גְרוֹיסֶע בִּיטֶערֶע ־ קַאלֶעקֶעס , הָאבֶּען דַאכְט זִיךְ אַ מוֹיל , הֶענְט אוּנ פִיס אוּנ טוֹיגֶען נִישְׁט פוּן דַאנֶען אַהִין ! . . . . דָאס הַארְץ חָלֶעבֶּען רַייסְט קוּקֶענְדִיג אוֹיף אַזֶעלְכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע פְּגִירוֹת , אַזֶעלְכֶע שְׁלִימַמַזָלְדִיגֶע , מְחִילָה פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ !

אַט אַזַא מִין בֶּעשֶׁעפֶענִישׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען נָאכְדֶעם אַז אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן אִיסֶרְן . אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס מֶען טְהוּט ,

צוּ וואס

צו־וואס מען נעהמט זיך, ווארים חוץ מיין קליינמענשעלדיגע פרנסה האב איך דאך גארנישט געקענט און צו קיין שום זאך נישט געטויגט. די לאנגע מיינע איז דענסמאל געווען זעהר א שלעכטע, איך האב געלעבט פונם גרייטען, געביטען קערבליך און געגעסען, און ביי איטליכען קערביל וואס איך האב צוביטען איז מיר אפגעפאלען א שטיק פלייש, געשטארבען געווארען איין אבר. שטענדיג בין איך געווען אין בעט, האב קיינעם אין שטוב נישט פארגונען דאס לעבען און צו איטליכען בעזונדער זיך געזוכט. ביי איטליכען גראשען, וואס איך האב גאלדען געגעבען אויף דער הוצאה, פלעג איך איהר פארצאפען דאס בלוט, אלץ זאגען, וואס וויל מען פון מיר האבען? איך קען נישט אויסהאלטען אזא געזינד. די אלטע האט פון מיר געקייעט די ערד, זיא האט זיך פארעסען און האט פאר שברי לב מסוכן קראנק זיך אריינגעלייגט אין בעט אריין. מען האט געזעהן אז עס עקט איהר זיך דאס לעבען, זיא וועט נישט געדויערען לאנג. איך בין זיך מודה, אז איך האב איהר געוואונשען דעם טויט און עס האט מיר אין הארץ הנאה געטאן, וואס באלד וועל איך פטור ווערען פון א פרעסער און די הוצאה וועט קלענער ווערען. דעריבער האב איך מיך פארשטעלט, זיך געמאכט קלאמערשט וויא איהר קריינק ריהרט מיך אן ביי דער נשמה, איך בין גאר אוים מענש איך האב נישט געזשאלעוועט אויף קיין דאקטאר, אויף קיין אפטייק, אבי גיכער זיא זאל שוין זיך איבערפעקלען, האב זיא בעדינט וויא א געטרייא קינד, גאנצע נעכט נישט צוגעמאכט איין אויג, איהר איינגעגעבען די רפואות און געטראכט דערביי, ווען וועט דער מלאך המות דיך שוין צונעהמען. ביי איטליכען אין שטוב בין איך געהייבען געווארען פאר מיין געטריישאפט, דערפאר וואס איך לייג מיך דא אזוי אוועק און מען האט מיר פארגעסען אלע צרות, וועלכע מען איז פון מיר פריהער אויסגעשטאנען. גאלדע פלעגט מיך אפט טרייבען פון דער מוטערס בעט, איך זאל געהן אביסיל מיך אויסרוהען, נאר זיא האט עס ביי מיר נישט געקענט בשום אופן פועלין, געה דוא האב איך איהר דארויף געזאגט, דוא נעביך, געה חלעבין לייג זיך אביסיל צו און איך וועל מיר דא בלייבען אליין, נישקשה. איך דערמאהן מיך איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיגע נאכט ווען די אלטע איז געלעגען שטארק פארדולט מיט פארגלאצטע אויגען, גערעדט עפיס נישט צו דער זאך און אין הארץ האט ביי איהר שרעקליך געחריפעט אזוי, אז מען האט געהערט אויף דער גאנצער שטוב, גלייך וויא עמיצער וואלט געזעגען האלץ. גאלדע איז נישט טויט נישט לעבעדיג געזעסען לעבין בעט אויף ביינקעל מיט רויטע פארוויינטע אויגען און געבראכען די הענד, שיינדעלע

שיינדעלע, דיא אויסגעבלייכטע, אויסגעדארטע, אויסגעטריקענטע שיינדעלע לעבין איהר, האט מיט א פינשטער פנים געקוקט אויף דער נוטה-למותר מאמע, געקוקט אונ געהליפעט אונ חליפענדיג זיך שרעקליך פארהיסט. פלוצלים האט דיא אלטע זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף איהרע קינדער אונ טיף פונם הארץ דערלאנגט א זיפץ. איך בעט דיך, האט זיא אויף א שלאף קול צו מיר זיך אנגערופען, נאכדעם אז זיא האט פריהער אקעגען א מינוט שווייגענדיג מיך אנגעקוקט מיט אזא בליק, וואס האט מיך דורך-אונ-דורך גענומען אין אלע גלידער, איך בעט דיך האב רחמנות אויף מיינע קינדער! זייא בלייבען נעביך עלענט וויא א שטיין — יתומים אהן פאטער אונ מוטער, אהן א קרוב אהן א גואל... איך וועל רוהיגער געהן פון דער וועלט, רוהיגער ליגען אין קבר אז דוא וועסט מיר עם הייליג צוזאגען אונ טאקי מקיים זיין...

זיא האט ווידער א מאל א זיפץ געטאן, ארויפגעלייגט איין האנד צו גאלדען, דיא אנדערע צו שיינדעלען אויפן קאפ אונ זייא געבענשט שטילערהייט, קוים, קוים, וואס מען האט געהערט איהר קול. ביידע קינדער זענין צושמאלצען געווארען ווייגענדיג אונ צוגעפאלען צו דער מוטער, וואס האט זייא געהאלזט, געקושט, צוגעקוועטשט צו איהר הארץ. זיא איז באלד טאקי אהן כח אנידערגעפאלען ווידער אויף איהר געלעגער, זיך אומגעקעהרט מיט דעם פנים צו דער וואנד, א חראפע געטאן — אונ אנשלאפען געווארען אויף אייביג.... גאלדע מיט שיינדעלען האבען ארויסגעלאזט אזא יאמער אזא ביטער קלאג, אז א שטיין האט עס געקענט אפילו ריהרען. איך האב פארשטעלט דעם פנים מיט ביידע הענד אונ.... ס'איז א וועהטיג, א חרפה, א שרעק צוזאגען — אונ עפיס א שמייכעל געטאן צופרידען, וויא איך וואלט פון מיר א שווערע משא אראפגעווארפען.

דיא אלטע, דאס איז געוועזן לעת-עתה דער צווייטער קרבן, וואס איז דורך מיר געפאלען. שפעטער אביסיל האט בעדארפט געהן א גאנג אויך דער דריטער קרבן — **דיא דארע, אויסגעטריקענטע שיינדעלע!......**

יז.

מיר איז דערנאך שטארק נמאס געווארען צוזיצען אין דער היים מיט פארלייגטע הענד אונ לאזען שימלען דיא נוטע מתנה, דאס שטארקע געפיהל פון א קליין מענשעלע, וואס איך האב אין מיר געהאט. איין עבירה הלעבין, אז אזא געפיהל זאל פארפאלען ווערען, אזא נוטע

מַתָּנָה זָאל פוילען, ווערען אַ לעגער סחורה, אין דער צייט אַז איך בין נאָך יונג מיט אַלע קרעפטען און וואָלט דערמיט געקענט מאַכען דאָס בעסטע געשעפט, געהן אין נאַלד! איז דען נאַר, האָב איך געטראַכט, איין צוויאַטשיץ, אַ וועלט און ווייטער איז שוין מעהר נישטאָ קיין אַנדערע שטעדט מיט יודען, וואו מיין סחורה זאָל האָבען אַיין אָפּגאַנג? — די וועלט ברוך השם איז גרויס. עס זענין דאָ נאָך יודישע שטעדט, יודען זענין אומעטום יודען, מיט איין טבע, מיט איין חאַראַקטער און יודישע גבירים זענין אויך דאָ אָהן עין־הרע וויא מיסט, וואָס לאָזען זיך מסתּמא נעהמען אויף דער אַרענדע און וואָס מען קען מיט זייא מאַכען דיא שפּיל! צו וואָס־זשע זאָל איך פאַרוויסטען מיין לעבען, פוילען דאָ אין דער היים ביז איך וועל אויפעסען מיין ביסיל געלד און ליידען דערנאָך דחקות, צרות און לייד וויא אַ מאָל, וואָס אַז איך דערמאָהן מיך נאָך אַצינד ציטערט אויף מיר דיא הויט און עס שטעלען זיך מיר קאַפּויר דיא האָר? ניין, מען טאָהר דאָ מעהר אַזוי נישט בלייבען! כּל זמן איך בין נאָך יונג און האָב נאָך שיינע עטליכע גילדען מוז איך פּרובען דאָס גליק און אויף מזל זיך אַוועקלאָזען.

זייא געזונט! האָב איך אין איין שיינעם מאָרגען געזאָגט גאָלדען, וואָס איז דעמאָלט געווען מעוברת, און בין אַוועק אין דער וועלט אַריין.

גלופּסק איז דער בעסטער פּלאַטץ, וואָס איז מיר באַלד געפעלען, זיא איז אַ גרויסע יודישע שטאָדט מיט אַ סך נאַראָנים, וואָס לאָזען זיך פיהרען בייא דיא נעז פון איטליכען בעזונדער און איטליכער טראָגט נאָך דיא נאָז זיינע אַנטקעגען, שטופּט זיך מיט איהר פאָראויס, בכדי מען זאָל זיא אָננעהמען בייא איהם צום ערשטען, ווייל ער מיינט, אַז לאָזען זיך פיהרען בייא דער נאָז איז אַ חיוב, אַ יודישע זאַך, וואָס אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. גלופּסק איז אַ שטאָדט מיט זעהר פיל חברות, מיט אַלערהאַנד גבאים, מיט אַלע מיני כּלי קודש און מיט אַלערלייא שיינע יודען, און גאָט, וואָס ער שפּייזט פון דיא גרויסע בעשעפעניש, וויא דיא געהערנערטע בופלאַקסען ביז דיא אייער פון דיא כּנים, שיקט דאָרט דיא דאָזיגע מיני בעשעפעניש אויך צו זייער פּרנסה בכבוד. קורץ, גלופּסק איז מיר באַלד טאַקי זעהר געפעלען, אַקוראַט וויא געוואונשען, זיא איז פאַר מיר געוועזען דאָס, וואָס אַ שטעהנדיגע זומפּיגע בלאָטע איז פאַר אַ זשאַבע, וואו זיא קען זיך קוואַקען און צופיהרען אַביסיל דיא הענד. דעמאָלט בין איך אַלט געוועזען אַ יאָהר דרייא, פיער און אפשר פינף, זעקס, זיבען און צוואַנציג (איך האָב מיינע יאָהרען נישט געצעהלט און נישט געוואוסט ווען איך

בין געבוירען געוואָרען, וואָרים צו-וואָס האָט עס מיר געטויגט וויסען ?) , געלד האָב איך ביי מיר געהאט אונ דאַריבער איז מיר גרינג געוועזען בעקאַנט צו-ווערען מיט דיא גלופּסקער פיינע בריות. איך פלעג תחלת זאָגען קלאָמפּערשט אַז איך טראַכט דאָ מאַכען עפּיס אַ געשעפט, אָבער אין אמת אַריין האָב איך גאָר אַרויסגעקוקט אויף מיין אַרענדע, וואָרום חוץ דער אַרענדע האָב איך געטויגט אויף סים סאַט כפּרות. מיין גאַנצע כּוונה איז געוועזען צונעהמען דאָרט דעם גרעסטען גביר אויף דער אַרענדע אונ מאַכען מיט איהם דיא קאָמעדיע וויא ר׳ איסר וואָרגער אַ מאָל מיט זיין גביר. וויא איהר ווייסט דאָך איז דער גלופּסקער גביר ביי זיך זעהר פראָסט, ער האָט ליב זיך אָפּצוגעבען מיט אַלע נאַרעשקייטען אונ צו-וויסען אַלסדינג וואָס קאָכט זיך ביי איטליכען אין טאָפּ. אונ דאָס איז דאָך פאַר מיר געוועזען טאַקי אַזוי וויא אָנגעמאָסטען, אַזעלכען וויא ער האָב איך דאָך טאַקי וויא אין לעבען אַריין בעדאַרפט האָבען. נאָר וויא אַזוי אָבער קומט מען צו איהם? וויא אַזוי דערטאַפּט מען איהם אין דיא הענד אַריין אונ מען מאַכט פון איהם אַ בער? דערצו, האָב איך אַרויסגעזעהן, קען מען אַנדערש נישט קומען סיידען צו-ווערען איין עכטער גלופּסקער תּושב, אַריינצודרעהן זיך וויא איין אייגענער צווישען גלופּסקער כּלי-קודש אונ ווערען מיט זייא פאַרקניפּט אונ פאַרבונדען. איך האָב אָנגעהויבען מכּח דעם שטאַרק צוטראַכטען.

דערוויל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבּשע צייט אונ איך בין מיט דעם פּלאַטץ אַלץ וואָס ווייטער מעהר בעקאַנט געוואָרען. שדכנים האָבען מיך נישט געלאָזט רוהען אונ אַרום מיר זיך געדרעהט וויא דיא בינען. זייא איז געפעלען געוועזען, אַז איך בין איין אַלמן, פון וואַנען זייא האָבען דאָס גענומען ווייס איך אַליין נישט, פאַר זייא איז גענוג געוועזען דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנסביל אונ זיצט אַ צייט אָהן אַ ווייב, מסתּמא בעדאַרף איך אונ וויל חתונה האָבען, אַנדערש האָט זייא זיך גאָר נישט געלייגט אין קאָפּ. דעריבער פלעגען זייא מיך בעפאַלען וויא דיא היישרעקען אונ מיר אָנשלאָגען שידוכים. איך פלעג זייא צוהערען תּמיד מיט אַ שמייכעל אונ ביי מיר טראַכטען, וואָס אַרט עס מיך, לאָזען זייא זיך ריידען, ס׳איז דאָך דערוויל גלאַט גוט, אַ פאַרגניגען צושמייסען פון כּלות, צופאַרברייגגען דיא צייט אין אַ שמועס איבער שיינע מיידליך אונ נאָך דווקא מיט עהרליכע יודען, וואָס שטעלען אַרויס זייער שיינקייט, זייער פיינקייט, וואָס לויבען אָפּ אין טאָג אַריין זייערע מעלות אונ לעקען פון זייא דיא פינגער מיט גרויס חשק אונ התלהבות. מהיכא תּיתי, האָב איך געטראַכט, לאָזען יודען זיך ריידען, אפילו צוזעטצטערהייט, וועמען קען עס אַרען? ... דיא שדכנים האָבען

דערוויל

דערווייל מיך צוטראגען אויף טעלערליך און מיט זייערע רייד מיך אריינגעבראכט אין א גוטען שם ביי דער גאנצער שטאדט, אז איך בין שטארק רייך, אנגעשטאפט מיט געלד, א יחסן, א קלוגער, א בריה א מענש, איך זינג גאר מחיה, דערצו בין איך נאך א דימענט, א הן א גאל, מיט א יודעש הארץ און מיט גילדענע מעלות. — גאנץ גוט, האב איך מיר געטראכט, רעדט, רעדט יודישע קינדער, נאט אייך א טרונק בראנפען און רעדט וויא ווייט איהר קענט!... איינער פון דיא שדכנים האט מיר צולעצט אנגעשלאגען א שידוך, דווקא נישט מיט קיין געלד אבער מיט א גרויסען פיינע בריה, מיט א בעריהמטען יחסן, איינער אין דער וועלט.

דער גרויסער פיינע בריה, מיט וועלכען מען האט מיר גערעדט, האט געהייסען מיט אפיערגארענדיגען נאמען: ר׳ יוסף מארקיל ר׳ מאניש ליבעלעס. ער איז געווען איינגעטונקט אין גאלע יחוס, געשטאמט פונם פארצייטיגען גלופסקער רבי׳ם געזינד, כל ימיו האט ער קיין האנד אין קאלט וואסר נישט אריינגעטאן נאר פון דעם יחוס זיינעם תמיד זעהר שיין געלעבט און אויסגעגעבען קינדער. גאט האט איהם געלייטזעליגט מיט א סך דארע, שווארצע, מיאוסע מיידליך, צו אלע מעלות נאך גרויסע שלימזאלניצעס, נאר ער האט זייא אלע אויסגעבראכט, וויא מען זאגט, אויפין לויט. גרויסע נגידים וויא א שטייגער אויפגעקומענע משרתים, פלוצלים רייך געווארענע קליינע מענשעליך, פלעגען פשוט אויסגעהן מיט ר׳ יוסף מארקיל ר׳ מאניש ליבעלעס זיך משדך צוזיין און זיך איינקויפען דורכדעם אין יחוס. קוים האט זיינע א טאכטער דערלעבט אלט צו־ווערען פערצעהן, פופצעהן יאהר האט זיך שוין געפונען אויף איהר א בעלן, וואס ער איז געשווינד פארלאפען אנדערע דעם וועג, ארויסגעהאפט דיא טהייערע מציאה פון זיינע הענד און נאך איהם געגעבען אין ביטיל אריין. דאס מיידעל וועלכע מען האט מיר גערעדט איז נאך געווען שווארצער, מיאוסער פון איהרע אלע איבעריגע שוועסטער, מיט איין אויסגעווייקט פנימעל, קליין, דאר וויא א גרוגרת דר׳ צדוק, דאס הייסט, וויא ר׳ צדוקס איין אויסגעטריקענטע פייג. אין פארגלייך מיט גאלדען האט זיא א פנים געהאט וויא א מאלפע אקעגען א מענשען. דער שדכן אבער האט אין איהר קיין שום חסרון נישט געפונען, ביי איהם אין דיא אויגען האט זיא געהאט דעם יודישען חן. מילא, האט ער געזאגט, אז זיא איז אביסיל טונקעל, אדער ווייס איך נאך וואס אזוינס, נוא מילא וואס מאכט עס אויס? ווער קוקט אויף אזעלכע נארעשקייטען און וועמען בעדארפען אזעלכע קלייניגקייטען אנגעהן? מילא וואס מאכט עס א יודען אויס שווארצליך צו ווייסליך

אביסיל

אַבִּיסִיל, אַלְץ אֵיינְס חָלֶעבִּין! דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דֶער קֶרֶן אַלֵיין, אַז אוֹיף וָואס מֶען בֶּעדַארְף קוּקֶען. אוּנ אוֹיבּ דֶער קֶרֶן, וָואס אִיךְ גִיבּ אַיְיךְ דָא פִּיר אִיז גוּט, דָאס, דַאכְט זִיךְ, קֶען אַ בְּלִינְדֶער אֲפִילוּ אוֹיךְ אָנְטַאפֶּען. עֶס פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלַאכְט פוּן דֶעם שַׁדְכוֹנ׳ס דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער, פוּנ-דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט אִיהְם צוּהֶערֶען אוּנ דֶער שִׁידוּךְ. אִיז מִיר אַלְץ וָואס וַוייטֶער מֶעהְר אִין קָאפּ אַרַיין. עֶס הָאבֶּען מִיר זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהְן, אַז דֶער אֵיינְצִיגֶער וֶועג, אוֹיף וֶועלְכֶען אִיךְ קֶען קוּמֶען צוּ מַיין אַרֶענְדֶע אוּנ מַאכֶען אַ גְלִיק אִיז טַאקִי נָאר דוּרְךְ אַזַא מִין שִׁידוּךְ. ר׳ יוֹסֵף מַארְקִיל ר׳ מָאנִישׁ לֵיבֶּעלֶעס אִיז דָאךְ אַ כְּלִי-קֹדֶשׁ, אַ שְׁטִיקֶעל קָאכְלֶעפֶּעל אַ גַבַּאי אִין אַ סַךְ חֶבְרוֹת אוּנ אִיז זֶעהְר אַיינְגֶעזֶעהְן בַּייא דֶעם גְבִיר וָואס לֵייגְט אוֹיף אִיהְם גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ הַאלְט זִיךְ מִיט אִיהְם עֵצוֹת מִכֹּחַ יוּדִישֶׁע זַאכֶען, הַיינְט אַז אִיךְ זָאל וֶוערֶען זַיינֶער אַיין אֵיידֶעם וָואלְט אִיךְ דָאךְ גֶעוָוארֶען זֶעהְר גְרִינְג דֶעם גְבִירְס נְשָׁמָה, עֶר וָואלְט דָאךְ בַּייא מִיר גֶעטַאנְצְט נָאר אַ וואוּנְדֶער, אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט שֶׁפַע, אַרַיין אִין דִיא גְרוֹיסֶע אֲלָפִים אוּנ גֶעלֶעבְּט גְלִיקְלִיךְ נָאךְ אַ סַךְ בֶּעסֶער וִויא אִיךְ הָאבּ מִיר אַ מָאל פִירְגֶעשְׁטֶעלְט! נָאר אַי וָואס דֶער קֶרֶן? זִיא אִיז דָאךְ מִיאוּס? נוּא מֵילָא בֶּאֱמֶת טַאקִי וָואס מַאכְט עֶס אוֹיס! נוּא אַז גָאלְדֶע אִיז שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע, מֵילָא וָואס-זְשֶׁע קוּמְט מִיר פוּן אִיהְר שֵׁיינְקַייט אַרוֹיס? אַלְסְדִינְג אִיז גוּט מִיט בְּרוֹיט... אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְמָאהְנְט אִין גָאלְדֶען אוּנ גֶעהַאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת, וָואס זִיא הַיינְט מִיר וִויא אַ קָאלְטֶען אוּנ אִיז אוֹיסֶען אוֹיף מַיין נְשָׁמָה. אִיךְ הָאבּ זִיא אִין הַארְצֶען גֶעשָׁאלְטֶען אוּנ גֶעטְרַאכְט וִויא מֶען וֶוערְד אִיהְרֶער פָּטוּר. דֶער שַׁדְכָן הָאט דֶערְוַוייל טַאקִי גֶעטָאן זַיינְס, מִיר אַלְץ גֶעפִּיקְט, גֶעפִּיקְט דֶעם קָאפּ אוּנ גֶעזָאגְט, אַז בְּאָם אִיךְ וֶועל מִיךְ נִישְׁט אַיילֶען וֶועט אוּנְטֶערְשְׁפְּרִינְגֶען אַיין אַנְדֶער בַּעלָן אוּנ וֶועט אוֹיסְחַאפֶּען אַזַא גְלִיק, אַזַא כָּשֵׁרֶע מְצִיאָה בַּייא מִיר פוּן דִיא הֶענְד. עֶס וֶועט מִיר דֶערְנָאךְ מְשׁוּנֶה בַּאנְג טָאן. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְרֵיידֶען אוּנ דֶער שַׁדְכָן הָאט וִויא אַ בְּרִיָה מִיךְ פְּלוּצְלִים צוּנוֹיפְגֶעפִיהְרְט מִיט ר׳ יוֹסֵף מַארְקִיל ר׳ מָאנִישׁ לֵיבֶּעלֶעס, פַאר וֶועלְכֶען עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט אוֹיף מִיר הָרִים וּגְבָעוֹת אוּנ אוֹיסְדֶערְצֶעהְלְט שְׁבָחִים נָאךְ מֶעהְר וִויא אוֹיף אַ יוּדֶענְס אַ מַצֵבָה. אַלְץ גוּט, אַלְץ שֵׁיין, נָאר דֶער עִיקָר וָואס דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעפָאדֶערְט אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבֶּען פוּנֶם עֶרְשְׁטִין וַוייבּ קֵיין קִינְדֶער. פְרֶעמְדֶע קִינְדֶער אָנְהֵיינְגֶען זַיין טָאכְטֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן. אִיךְ הָאבּ אִיהְם פַארְזִיכֶערְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶער שַׁדְכָן הָאט אִיהְם פוּן זַיין זַייט אוֹיךְ וֶועגֶען דֶעם בֶּערוּהִיגְט אוּנ אִיהְם גֶעשְׁוָוארֶען בַּייא זַיינֶע

הײליגע נאמנות אי בײא זײן חלק עולם הבא וכדומה נאך אזעלכע סיני שבועות. מיר האבען למזל געמאכט א תקיעת-כף אונ אפגעלײגט דיא תנאים אין א קורצער צײט שפּעטער. איך האב מיך געשמאק גענומען טראכטען צוגעפינען עפּיס א מיטעל, װיא איך זאל דערװײל אין דער דאזיגער צײט לויז װערען פון גאלדען, שא, שטיל, קײן האהן זאל נישט קרעהן.

אקעגען א דרײא װאכען נאך דעם תקיעת-כף איז אין צװיאטשיץ אװענט-צײט ארײנגעפאהרען א בויד אונ זיך אפּגעשטעלט לעבין גאלדעס שטוב. א קאלטע אלולדיגע לופט האט געװעהט אונ אראפּגעבלאזען פון א טהײל בײמער דיא געלע בלעטליך, װאס האבען ליגענדיג אויף דער ערד זיך שטילערהײט געשושקעט צװישין זיך עפּיס זעהר אומעטיג אונ אנגעמאכט אויפין הארץ א מרה-שחורה. פונם בויד איז ארויסגעקראכען א מענש, װאס איז פאמעליך צוגעגאנגען צו דער טהיר אונ געבליבען דארט אביסיל שטעהן מיט אזא מינע, גלײך װיא איהם װאלט עפּיס פריקרע געװען אנצונעהמען בײא דער קליאמקע. דער דאזיגער פארשױן איז געװען טאקי איך מיט מײן כבוד אלײן. בײם ארײנקומען אין שטוב האט מיר א קלאפּ געטאן אין הארץ אונ איך בין געבליבען שטעהן לעבין דער טהיר אהן לשון. גאלדע איז אײנע אלײן געזעסען אויף דער ערד אין א װינקעל, אנגעשפּארט דעם קאפּ מיט דעם פּנים אראפּ אויף א בײנקעל, גלײך װיא זיא האט געדרעמעלט אונ נישט בעמערקט װיא איך בין ארײנגעגאנגען. אויפן פענסטער האט מיט ארויטען פלאם געברענט א חלבדיג לעכטיל, לעבין איהם איז געשטאנען א גלאז װאסער מיט א שטיקעל לײנװענט. איך האב באלד פארשטאנען װאס דאס אלסדינג בעטײט אונ אין מיר האבען געקאכט פארשידענע געפיהלען. איך האב מיך דערמאהנט אין מײן ערשטען ארײנקומען אהער, װיא פרעהליך, װיא שײן דא האט דענסמאל אלסדינג אויסגעזעהן, װיא שטארק צופרידען האט דא א מאל זיך געלעבט אײן ארמע פאמיליע, אלע האבען זיך ליב געהאט, האבען געהאט גוטע האפנונגען אויף שפּעטער אונ געלעבט מיט דער האפנונג דערװײל זעהר גליקליך, פלוצלים האב איך מיך אהער ארײנגעחאפּט װיא א קאטץ אין א נעסט פון גליקליכע, צופרידענע טויבען אונ האב פון איטליכען געמאכט אײן עק. מיכיל איז ערגיץ פארװאגעלט, דיא אלטע מוטער אונ שײנדעלען האב איך געטריבען אין דער ערד ארײן אונ אצינד װיל איך אין גאנצען אויך עקען מיט גאלדען, פארװיסטען איהר אויף אײביג דאס לעבען . .

איך האב געטאן א טריט װײטער. גאלדע האט װיא פון שלאף זיך אויפגעחאפּט אונ מיך אנגעקוקט א רגע, עפּיס װיא צומישט. מיט איהר

בלײך

בְּלֵייך פָּנִים , אויף וֶועלְכֶע ס'איז גֶעלֶעגֶען אויסְגֶעדְרוּקְט דיא גְרויסֶע
צָרוֹת , וָואס זיא איז אויסְגֶעשְׁטַאנֶען , אי מִיט אִיהְרֶע רויטֶע פַאר־
שְׁוָואלֶענֶע אויגֶען , אִין וֶועלְכֶע עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּיגֶעלְט אִיהְר
פִּינְצְטֶער גֶעמִיטְה , הָאט זִיא אִין מִיר אויף אַ וַויילֶע דֶער וֶועקְט
אַ מֶענְשְׁלִיךְ גֶעפִיהְל פוּן רַחֲמָנוּת אוּנ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וִוילֶענְדִיג אַ זָאג
גֶעטָאן : וָואס מַאכְסְט-דוּא גָאלְדֶע ? — אַ טְהַייעֶרֶער גַאסְט הָלֶעבִּין ! הָאט
גָאלְדֶע מִיט אַ טִיפֶען זִיפְץ זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אוּנ אַוֶועקְגֶעקֶעהְרְט דֶעם קָאפּ ,
נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט שְׁוַויינֶען הָאט עֶר זִיךְ פָּארְט דֶערְמָאנְט אוּנ אִיז
גֶעקוּמֶען מְנַחֵם-אָבֵל זַיין דֶעם וַוייבּ ! אָט וָואס אִיךְ מַאךְ . שִׁבְעָה זִיטְץ
אִיךְ . . . אַךְ , שֵׁיינְדֶעלֶע , שֵׁיינְדֶעלֶע ! . . . זִיא הָאט עֶס גֶעזָאגְט אַזַא
טְרוֹיעֶרְדִיג , אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט רִיהְרֶען אֲפִילוּ אַ שְׁטֵיין . גָאלְדֶע ! הָאבּ
אִיךְ וַוייטֶער אַ זָאג גֶעטָאן , גֶעמַאכְט עֶפִּיס מִיט דֶער צוּנְג אוּנ אַלֵיין
נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ רֶעדְט . — וַוייסְט אוּנ פִינְצְטֶער אִיז מִיר דָאס
לֶעבֶּען , הָאט גָאלְדֶע גֶערֶעדְט וִויא צוּ זִיךְ אַלֵיין , אִיךְ וָואלְט מִיר בֶּעסֶער
גֶעוואוּנְשֶׁען דֶעם טוֹיט וֶוען נִישְׁט עֶר . . . קוּם , הָאט גָאלְדֶע אויפ־
שְׁטֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער עֶרְד גֶעזָאגְט שׁוֹין וַוייכֶער אַבִּיסִיל , מִיךְ אַרַיינ־
גֶעפִיהְרְט בַּייא דֶער הַאנְד אִין סְפַּאלְנִיעֶ אוּנְטֶער דִיא וֶוענְטְלִיךְ אוּנ אִיז
מִיט מִיר צוּגֶעגַאנְגֶען דָארְט צוּ אַ וִויגֶעלֶע , וָואס אִינְוֶוענִיג אִיז גֶעלֶעגֶען
אַ שְׁלָאפֶענְדִיג קִינְד מִיט בַּיידֶע צוּגֶעמַאכְטֶע הֶענְטְלִיךְ אויפְן מַיילְכֶען אוּנ
אַ זִים שְׁמֵייכֶעלֶע אִיז אִיהְם צַייטֶענְוַויים אִיבֶּערְגֶעפְלוֹיגֶען אִיבֶּער זַיין
פָּנִימֶעל . אָט צוּלִיבּ וֶועמֶען אִיךְ וִויל לֶעבֶּען , הָאט גָאלְדֶע גֶעזָאגְט
אָנְווַייזֶענְדִיג מִיר אויף דֶעם קִינְד אוּנ דָאס פָּנִים אִיז אִיהְר דֶערְבַּייא
גֶעוָוארֶען לֶעבֶּעדִיגֶער פְרֶעהְלִיכֶער . דָאס קִייד הָאט פְלוּצְלִים גֶעעֶפֶענְט
דִיא אֵייגְלִיךְ , זִיךְ גֶענוּמֶען זוֹיגֶען אַ פִינְגֶער , גֶעבֶּעבֶּעט אוּנ גֶעמַאכְט
קִינְדֶערְשֶׁע אָנְשְׁטֶעלֶען . דִיא מַאמֶע הָאט גָאר אָנְגֶעקְוָואלֶען אוּנ פַאר־
גֶעסֶען אִין דֶער מִינוּט אִיהְרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת , גְלַייךְ וִויא זִיא אַלֵיין אִיז
גֶעוָוארֶען אַ קִינְד . קוּק נָאר , זוּהְן , הָאט זִיא אויף קִינְדֶערְשׁ גֶערֶעדְט
צוּם קִינְד , קוּק נָאר וֶוער דָא שְׁטֶעהְט . טְיַא-טְיַא ! מִיט לִיבּ דִיר דַיין
גַאסְט ! אָט אִיז דַיין טְיַא-טְיַא , טְיַא-טְיַא ! . . . עֶס הָאט אִין מִיר
פְּלוּצְלִים אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּזִידֶען דָאס בְּלוּט , אִיךְ הָאבּ דָאךְ דֶעם מְחוּתָּן
גֶעגֶעבֶּען אַ וָוארְט , אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְד אוּנ אַצִינְד זֶעה אִיךְ
גָאר לִיגְט פַאר מִיר דָא אַ קַדִּישׁ , וָואס טוֹיג מִיר כְּלַל נִישְׁט צוּם עֵסֶק .
דָאס גֶעפִיהְל פוּן רַחֲמָנוּת אִיז אִין מִיר בַּאלְד אויסְגֶעלָאשֶׁען גֶעוָוארֶען ,
אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעלָאדֶען מִיט אַ בְּרוֹגֶזְדִיג פָּנִים אוּנ אָנְגֶעקוּקְט בַּייז
דָאס אוּמְגְלִיקְלִיכֶע קִינְד נֶעבִּיךְ , וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּמַאכֶען
פִּיסְקְלִיךְ אוּנ זִיךְ שְׁטַארְק צוּשְׁרַייגֶען אַוֶועק-קֶערֶענְדִיג פוּן מִיר דָאס קֶעפִּיל .

שא , שא ! האט גאלדע צו איהם געמאכט , שא נארעלע , וואס האסט דוא אזוי מורא פאר דיין טאטען ? אונ בשעת זיא האט זיך אנגעבייגען צום קינד האב איך ארויסגענומען פון דער בוזעם-קעשעניע א געשריפטס אונ האב עס געשווינד אריינגעווארפען איהר אין דיא הענט אריין מיט דיא ווערטער: אט האסט-דוא דיר פון מיר א גט ! . . . . גאלדע איז געבליבען שרעקליך צומישט גלייך וויא מען וואלט איהר מיט א דובנע געגעבען אין קאפ , זיא האט אויסגעגלאצט א פאר גלעזערנע אויגען אונ געקוקט נישט צורידען א ווארט . הער נאר אוים גאלדע ! האב איך צו איהר געזאגט , וויא דיא מעשה איז , דוא ביסט שוין מעהר נישט מיין ווייב , מיר געהרען זיך שוין ביידע נישט מעהר אן . נאר אז דוא וועסט קיין נאר נישט זיין , נישט מאכען דערפון קיין רעש אונ האלטען ביא זיך דאס קינד וועל איך דיך מסתמא נישט פארלאזען אונ וועל דיר צייטענ־ווייס צושיקען עפים געלד . ביא דיא דאזיגע רייד מיינע האט גאלדע אויסגעשאסען עפים מיט א משונה ווילדען געלעכטער אזוי , אז איך האב געמיינט , זיא איז זיכער אראפ פונם זינען . דער דאזיגער ווילדער מין געלעכטער איז איבערגעגאנגען דערנאך אין א ביטער געשריא . ארוים ! האט זיא אויף מיר געשריגען אונ אנגענומען דערביא א שטאלצע מינע , דוא ביסט נישט ווערטה א רגע צובלייבען דא אין שטוב וואו עס האבען געלעבט אמאל עהרליכע לייט , וואס זענען דורך דיר געגאנגען פון דער וועלט . זייא רוהיג , איך וועל אזא פארשוין וויא דוא נישט נאכיאגען . ס'איז מיר גאר א חרפה צוזאגען ווען איך האב געהאט פאר א מאן . מעגסט דיר גאנץ רוהיג חתונה האבען ! איך אונ מיין קינד בעדארפען נישט דיין הילף האבען . כל זמן איך לעב וועל איך מיר נישקשה מיט מיינע הענד כשר פארדינען אונזער בעדערפעניש , ארוים פון דאנען אונ פארגעס גאר אז דוא האסט ערגיץ א קינד ! ארוים , ארהרוים ! . . . .

איך האב געשווינד מיך ארויסגעכאפט פונם שטוב אונ בין באלד פאקי ביא דער נאכט נאך אוועקגעפאהרען .

יח.

דער שווער מיינער ר' יוסף מארקיל ר' מאניש ליבעלעס איז געוועז א טהייער שליסעלע , וואס האט געעפענט פאר מיר אלע טהירען פון דיא גרעסטע גלופסקער פיינע-בריות אונ מיר ענטפלעקט א סך סודות פון דער גאנצער בנופיא שטאדט-פיהרער . זיין יחוס אונ זיינע זכות

אבות

אבות זענען מיר בייאגעשטאנען צונעהמען לסוף דעם גלופּסקער גביר אויף דער ארענדע אונ ווערען בייא איהם די נשמה. וויא איטליכען איז בעקאנט האט דער גביר פון תמיד אן ליב געהאט צושפּילען א ראליע, די גאנצע שטאדט, ארעם אונ רייך, קליין אונ גרויס אלע האבען פאר איהם געשאפּקעוועט אונ געבעטען זיין לאסקע, נאר זינט אבער איך האב איהם גענומען אין מיינע הענד אריין אונ געמאכט פון איהם א בער האט ער ערשט אנגעהויבען צומאכען אנשטעלען, ער האט געארבייט, געמאכט תנועות אונ געטאנצט אזוי וויא מיר האט זיך געוואלט. איך האב געמאכט מיט איהם די שפּיל כדת איסר וואר׳גער והקליין מענשעלע. יודען האבען געגעבען געלד, געצאהלט פאר אלע אנשטעלען אין טאג אריין אונ איך האב בחוש טאקי ארויסגעזעהן איסר׳ס ווערטער: „אז אזא טהייער, אזא גוט, אזא גאלדען אונ אזא נארעש פאלק וויא יודען זענען איז אויף דער גאנצער וועלט נישטא.“.... מיין ודוי וועט אייך דא געבען צופארשטעהן א מעשה מן המעשה פון מיין דרך אונ פון מיין אויפפיהרונג אין מיין לעבען:

על חטא שחטאתי באיש-קטן ובארענדע ובאמוץ הלב. דאס הייסט פשוט, איך בין געווען א קליין מענשעלע מיט אלע פּישטשיוקעס. א כפרה, האב איך געזאגט, אלע פרנסות, אלע מלאכות אין דער וועלט. פון זייא קען מען אייביג נישט אויפקומען, מען בלייבט דערנידעריגט, דערשלאגען, תמיד דאס כפרה-היהנדעל אונ נאך א נס אז מען פגרט האטש נישט צעהן מאל אין טאג פאר הונגער. בעסער, האב איך געזאגט, לאזען אנדערע הארעווען, פראצעווען אונ די כפרה ווערען, איך אבער וויל לעבען, אונ האב מיך געווארפען גאר אויף א נייעם מין פרנסה — צוהאלטען גבירים אויף דער ארענדע! דאס הייסט גארנישט טאן, גארנישט ארבייטען, נאר אנטשעפּען זיך וויא א זלידנע אין רייכע, שטארקע מענשען אונ דרעהן, מאכען די קונץ מיט זייא אין איינעם. זעהר א גרינגע, איין איינבריינגענדיגע פרנסה, וואס איך האב זיא מקיים געווען מיט אלע איהרע פוילע תנועות אונ איהרע כונות אונ מיט אלע אפּשניטצליך וואס אין איהר שטעקט! די ארענדע מיינע האט מיך פארפיהרט, מיר פארשטאקט דאס הארץ, איך האב אויפגעהערט צוגלויבען אין אמת, אין ארענטליכקייט, אין רחמנות, אין פריינדשאפט אונ אין אלע אנדערע גוטע מענשליכע געפיהלען. איך האב נישט מעהר געוואוסט נאר דאס, וואס מיר טויג, וואס מיר נוטצט אונ געריסען בייא איטליכען, אי בייא ארעמע, בייא אלמנות אונ יתומים וויא ווייט אונ וויא אזוי איך האב נאר געקענט. אז איין ארעמאן האט פאר מיר געוויינט, געגאסען ריקעס

טרעהרען

טְרֶעהְרֶען הָאבּ אִיךְ אִיהְם אַזוֹי פִּיל גֶעהֶערְט וִויא דֶעם קָאטֶער. וָואס טוֹיג מִיר דַיינֶע טְרֶעהְרֶען? פְּלֶעג אִיךְ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טְרַאכְטֶען, גִיבּ בֶּעסֶער גֶעלְד! תֶּן לִי הָרְכוּשׁ וְהַדְּמָעוֹת קַח לָךְ. דָאס הֵייסְט אוֹיף קְלֵיינְ־מֶענְשֶׁעלְדִיג לָשׁוֹן: זְשִׁיד דַאוַואי רָאשִׁי! אָדֶער הוּנְט, גִיבּ גֶעלְד אוּנ מִיט דִיא טְרֶעהְרֶען דֶערְוָוארְג זִיךְ אַלֵיין!...

וְעַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בִּבֶער וּבִבְלֶענְדֶענִישׁ. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ גְבִיר, גָאנְץ אַ מִין בֶּעשֶׁעפֶּענִישׁ אוֹיף צְוֵויא פִּיס מִיט אַ גֶעשְׁטַאלְט וִויא בַּייא אַ מֶענְשֶׁען אוּנ גֶעמַאכְט פוּן אִיהְם אַ בֶּער! אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער סְבָרָא, וִויא ר' אִיסֶר וַוארְגֶער נָאךְ בְּדוֹרוֹ הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַ נָגִיד אִיז בַּייא יוּדֶען אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ. אַלֶע אִין דֶער שְׁטָאדְט וואוּ עֶר וואוֹינְט קוּקֶען אִיהְם אִין מוֹיל אַרַיין אוּנ ווִילֶען אִיהְם אַלְץ פָּאטְרַאפֶּען אִין אַלְסְדִינְג וָואס זַייא טְהוּעֶן. אִין זַייעֶרֶע הַאנְדְלוּנְגֶען צְווִישֶׁען זִיךְ, אִין זַייעֶר מְגַדֵל זַיין דִיא קִינְדֶער אוּנ זַייעֶר לֶעבֶּען בַּייא זִיךְ אִין דֶער פַאמִילְיֶע, אִין זַייעֶר גַאנְצֶען הִילוּךְ וִויא אוֹיךְ אִין זַייעֶר גְלוֹיבֶּען, אִין זַייעֶר פְרוּמְקַייט אוּנ אֱמוּנָה זַאגֶען זֶעהְט זִיךְ בֶּעשַׁיינְפֶּערְלִיךְ אַרוֹיס דֶעם נָגִידְס גוּסְט, זַיין גֶעשְׁמַאק אוּנ זַיין חַאראַקְטֶער. דִיא אַלֶע דָאזִיגֶע הַנְהָגוֹת פוּן עֶפִּים אַ שְׁטָאדְט, גוּטֶע צִי שְׁלֶעכְטֶע, קְלוּגֶע צִי נַארְעשֶׁע, גֶעוֶוענְדְט זִיךְ זֶעהְר פִיל טַאקִי אִין דֶעם, וָואס פַּאר אַ מִין מֶענְשׁ דֶער דָארְטִיגֶער נָגִיד אִיז. דַארִיבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דֶעם גְבִיר אִין בְּלֶענְדֶענִישׁ אוּנ גֶעמַאכְט נַארֶעשֶׁע הֲוָיוֹת, וָואס הָאט אוּנְז שְׁטַארְק גֶעפַּאסְט צוּם עֵסֶק, זֶענִין דוּרְךְ מִיר אַ סַךְ טַאקִי פַארְבְּלֶענְדְזְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעבִּיךְ מֵיאוּס זִיךְ נַארֶעשׁ גֶעמַאכְט. וָואס מֶעהְר נַארֶעשֶׁער אִיז אַלְץ אוֹיסְגֶעקוּמֶען שֶׁענֶער, יוּדִישְׁלִיכֶער. אַ נַאר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק צוּגִילְטֶען, וֶוער שְׁמִיעֶסְט דֶערְצוּ נָאךְ אַיין עַם־הָאָרֶץ, דֶער אִיז גָאר אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶער מַדְרֵגָה... אִיךְ, וֶועה אִיז מִיר, פְּלֶעג קוּקֶען אוּנ הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן מַיינֶע נַארָאנִים. אִיךְ פְּלֶעג אוֹיף זַייא קוּקֶען וִויא דֶער אָקְסֶענְ־הֶענְדְלֶער אוֹיף זַיינֶע אָקְסֶען אוּנ מִיט אַ פְרֶעהְלִיךְ הַארְץ אָפְּשַׁאטְצֶען דֶעם רֶיוַח וָואס מֶען קֶען פוּן זַייא הָאבֶּען.

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בִּגְלַאסְנֶעס וּבְגַאלְגַאנְסְקֶע הִיהְנֶער. דִיא גְלַאסְנֶעס אִין דֶער דוּמֶע הָאבּ אִיךְ גִיהַאלְטִין אִין מַיינֶע הֶענְד. זַייא הָאבֶּען גֶעמוּזְט טָאן אַלְסְדִינְג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסֶען, וָואס מִיר הָאט גֶעטוֹיגְט, ווַייל זַייא הָאבֶּען דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט מִיר אַיינְרַייסֶען אוּנ מוֹרָא גֶעהַאט אִיךְ זָאל זַייא חָלִילָה נִישְׁט אוֹיסְמַאכֶען. זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעמֶעגְט זַיין אֲפִילוּ כְּשֵׁרֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זַייא גֶעמוּזְט דוּרְךְ מִיר טְרֵפָה וֶוערֶען, אַקוּרַאט וִויא דִיא כְּשֵׁרֶע, גְרוֹיסֶע גַאלְגַאנְסְקֶע הִיהְנֶער וָואס דִיא דַיָּנִים גֶעבִּיךְ הָאבֶּען זַייא גֶעמוּזְט אַסְרֶען אוּנ זַייא זֶענִין טְרֵפָה

גֶעוואָרֶען נָאר מֵהַאי-טַעְמָא , ווייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעהֵייסֶען , וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטֶען בְּלַאט מִיט דֶעם בַּעַל-טַאקְסֶע אוּנ אִיהְם הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעטוֹיגְט , מֶענְשֶׁען זָאלֶען זִיךְ גְלַאט עֶסֶען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע הִיהְנֶער וָואס קוּמְט פַאר זַייא אֵיין שְׁחִיטָה-גֶעלְד וִויא פַאר קְלֵיינֶע .

וְעַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בְּדָאנָאסֶען . אִיז אֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפֶעלֶען גֶעוֶועןאַמָאל מַיינֶע הַנְהָגוֹת אִין דֶער שְׁטָאדְט , עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזֶעהֶען דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען שְׁווינְדֶעל וִויא מֶען פַארְבְּלֶענְדְזְט דֶעם עוֹלָם דִיא אוֹיגֶען , וִויא מֶען פַארְדְרֶעהְט אִיהְם דֶעם קָאפּ , וִויא מֶען פִיהְרְט אִיהְם בַּייא דֶער נָאז אוּנ מֶען פַארְפִיהְרְט אִיהְם בִּיז דֶעם הַאלְז אִין מִיאוּסֶע בְּלָאטֶעס אַרַיין , אַזֶעלְכֶען פְלֶעג אִיךְ אוּנ מַיינֶע לַייט פַארְזָארְגֶען מִיט אַ שִׁיר הַמַעֲלָה , דָאס הֵייסְט אַ דָאנָאסֶעל , וָואס מִיר פְלֶעגֶען שִׁיקֶען אַהִין וואוּ מֶען בֶּעדַארְף אוּנ אוֹיף אַזַא אוֹפֶן הָאבֶען מִיר אַ סַךְ מַיילֶער פַארְשְׁטָאפְּט .

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בְּהוֹקֶעס-פּוֹקֶעס . פָּשׁוּט אִיז פָּשׁוּט אִיךְ בִּין גֶעוֶועֶן אַ פָּאקוּסְנִיק , וָואס וַוייט אַזֶעלְכֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּזוּכֶען . אִיךְ פְלֶעג מַאכֶען מִיט דֶער רַייף , צַאפֶּען פוּן דֶער וַואנְד גֶעלְד , מַאכֶען פוּן שְׁנֵייא גָאמֶעלְקֶעס , אַרַיין יֶענֶעם אִין דֶער גַרְגֶרֶת , שְׁטֶעהְן פוּן דֶער וַוייטֶען אוּנ דֶערְלַאנְגֶען אַ בִּיס , מַאכֶען פוּן שְׁוַוארְץ וַוייס , רֵיידֶען מִיט אַ מֶענְשֶׁען אוּנ פוּן דֶער הֶעלֶער הוֹיט אַרוּמְשְׁטֶעקֶען אִיהְם מִיט פֶעדֶערֶען , חַאפֶּען פִישׁ פַאר דֶער נֶעטְץ אוּנ מַאכֶען פוֹנֶם מוֹיל אַחָאלְיֶעוֶוע וְכַדוֹמֶה נָאךְ אַזֶעלְכֶע פָּאקוּסֶען , וָואס פִינֶעטֶע אֲפִילוּ דֶער בֶּערִיהְמְטֶער פָּאקוּסְנִיק אִיז נִישְׁט בִּיכוֹלֶת גֶעוֶועֶן זַייא צוּמַאכֶען .

וְעַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בְּוִויבָּארֶעס . יֶענֶע מַעֲלוֹת וֶועלְכֶע מֶען בֶּעדַארְף הָאבֶען אִין מֶענְשֶׁען בַּיים אוֹיסְקְלַייבֶען זַייא צוּ עֶפִּיס אַ הִתְמַנוּת , וִויא אַ שְׁטֵייגֶער : עֶהְרְלִיכְקַייט , אַ קָאפּ מִיט שֵׂכֶל , אַ מוֹיל אוּנ אַ פֶּען וְכַדוֹמֶה , דִיא דָאזִיגֶע אַלֶע מַעֲלוֹת , מִיט וֶועלְכֶע מֶען קֶען אַ פָּנִים הָאבֶען פַאר דֶער וֶועלְט אוּנ פִיל נוּטְצֶען בְּרֵיינְגֶען דֶער שְׁטָאדְט , זֶענִין פַאר מִיר אוּנ פַאר מַיין בְּנוּפְיָא גֶעוֶועֶן גָאר חֶסְרוֹנוֹת . אִיךְ הָאבּ בֶּעדַארְפְט דַוְקָא אַזֶעלְכֶע , וָואס הָאבֶען נִישְׁט קַיין פָּנִים פַאר דֶער וֶועלְט אוּנ קֶענֶען קַיין נוּטְצֶען נִישְׁט בְּרֵיינְגֶען דֶער שְׁטָאדְט . וָוארִים דָאס וָואס הָאט גֶעטוֹיגְט דֶער שְׁטָאדְט הָאט לַחֲלוּטִין מִיר נִישְׁט גֶעטוֹיגְט . אִיךְ הָאבּ גָאר בֶּעדַארְפְט הָאבֶען עֶפִּיס אַ לַאפֶּענְמִיטְצֶעל , אַ לֹא-יוּצְלַח , אַ לֶעדֶערְנֶעם דִישֶׁעל , וָואס אִיךְ זָאל אִיהְם בֵּייגִין וָואהִין אִיךְ וִויל , וָואס פַאר אַ גְרָאשֶׁען זָאל עֶר פַארְקוֹיפֶען זַיין נְשָׁמָה , וָואס עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְק מַכְנִיעַ זַיין אוּנ חֲנִפֶהְנֶען מִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶען פֶּעקִיל . אוּנ וַוייל דֶער גְלוֹפְּסְקֶער עוֹלָם אִיז דָאךְ גֶעוֶועֶן תָּמִיד שְׁטַארְק פַארְנַארֶעשְׁט וִויא אַ קְלֵיין קִינְד אוּנ

געלאזט

געלאזט פיהרען ביא דער נאז , דעריבער האט ער תמיד בשעת וויבארעם אויף א גלאסנע אדער אויף א רב וכדומה אויסגעקליבען יענעם לאפענמיטצעל , יענעם טויגעניכטס , יענעם לעקיש וועלכען איך האב געוואלט און דורך וועלכען ער פלעגט דערנאך בעקומען בויכ־וועהטיג . וואס ווייסט דען א נארעש קינד צובערעכענען וואס שפעטער וועט זיין ? ער איז זעהר גערען צופאלגען אלסדינג , אבי מען גיט איהם א שמיר איבער דיא ליפליך מיט אביסיל ווין מען רוקט איהם אריין אין הענטיל אלעקעכיל און מען פארשטופט איהם דעם מויל מיט א קנישיקעל . . . . אי דערנאך וועט איהם דערפון גרימען אין בייכעל און עס וועט איהם באקים ארויספאלען , נוא מילא וועט איהם טאקי וועה טאן . מיין עולם , מיין נארעש קינד נעביך . פלעגט דאס קנישיקעל נישט בעקומען , ער פלעגט עס שפעטער אויסקריינקען און איז דורכ־דעם שטארק נעביך אראפ פונם פנים . . . . . .

על חטא שחטאתי בחברות , בחאפ-לאפ ובחאטע פאקרעשקע . חברות האב איך זעהר ליב געהאט פאר דעם גרויסען נוטצען , וואס מען האט פון זייא . מתעסקים אין אונזערע חברות בעקומען דאך א נאמען : בעלי-רחמים׳ס , כלי-קדש . און צו דעם דאזיגען טיטעל פאלט זייא נאך שטילערהייט צו איין אפטער , זעהר א היבשער א שיינער גראשען . מיין שוועהר האט דערגרייכט דעם טיטעל דייסטוויטעלנע טאינע גבאי , דאס הייסט א גבאי , וואס חברה׳ש געלד איז ביא איהם אין דיא הענד בסוד סודות און קיינער חוץ איהם ווייסט נישט וואהין דאס געלד קומט אהין . . . איך בין אויך אריינגעטרעטען אין א סך חברות און זיך דערדינגט צום טיטעל נאמן , דאס הייסט איינער פון יענע מיני מתעסקים , וואס מען גלויבט זייא אויף נ א מ נ ו ת , אלסדינג וואס זייא טהוען איז געטאן און זענין נישט מחויב קיינעם רעכנונג אפצו־געבען . מיר האבען אלע איטליכער אויף זיין שטייגער געמאכט חאפ-לאפ און אלסדינג איז געבליבען חאטע פאקרעשקע . . . .

ועל חטא שחטאתי בטאקסע . דיא טאקסע , אדער דאס קעס־טעלע , איז דאס פארעיפושטע , אומריינע ארט , וואס דארט פלאדען זיך וואנצען , טאראקאנעס , ווערעם און נאך אזעלכע מיני שרצים ; זיא גיט ביא אונז ארויס יענע מיני מענשעליך , יענע מיני שלעק , וואס עסען אפ דעם קאפ און טהוען אן גרויסע צרות ; זיא איז איין אנשיקעניש , א פלאג , וואס מאכט קאליע דאס בלוט , פארדארבט אויף דעם גייסט , דיא נשמה , און פארגיפטעט אונז דאס גאנצען לעבען זיא איז אזא גיפט וואס געהט דורך און דורך אין אלע אברים , אין אלע יודישע זאכען , אומעטום לאזט זיא זיך דערפיהלען און האט א חלק אין

אלע

אַלֶע צָרות. דורך דֶער טַאקְסֶע זֶענֶען יוּדֶען קְרַאנְק, דַאר, אויסְגֶעמָאגֶערְט אוּנ לַיידֶען בִּיטֶערֶע שְׁלַאפְקַייטֶען, וָואס גֶעהֶען אִיבֶּער בִּירוּשָׁה פוּן דור צוּ דור, נָאר דֶערְפַאר וָואס זַייא אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּעֶסֶען גֶענוּג פְלַייש — דָאס אַיינְצִיגֶע שְׁפַּייז, וָואס אִיז שְׁטַארְק נַייטִיג צוּם מֶענְשֶׁענְס גֶעזוּנְט. דורך דֶער טַאקְסֶע גֶעפִינְט מֶען זִיךְ בַּייא אוּנְז תָּמִיד אַיין אויסְרַייד וִויא צוּבֶּערַייסֶען דֶעם עוֹלָם, אִיטְלִיכֶער גְרָאשֶׁען טַאקְסֶע-גֶעלְד צִיהֶעט וִויא אַ מַאגְנֶעט צוּ-זִיךְ צוּנָאךְ אַ סַךְ יוּדִישֶׁע גְרָאשֶׁענְס, בִּיז עֶס וֶוערְד פוּן זַייא אַהִיפְשׁ בֶּערְגֶעל. דורך דֶער טַאקְסֶע שְׁפְּרִינְגֶען חָאפְּטֶעסְוַויים אַרוֹיס אוּנ הָאבֶּען בַּייא אוּנְז אַ קִיוּם יֶענֶע מִינֵי נְפָשׁוֹת, וָואס פַארְשְׁווינְדְלֶען דֶעם עוֹלָם מִיט אַלֶערְלַייא נַארֶעשְׁקַייטֶען אוּנ נָאגֶען אִיהְם אוֹיס. עֶס שְׁפְּרִינְגֶען דורך אִיהְר, אַרוֹיס אוּנ הָאבֶּען פוּן אִיהְר זַייעֶר גַאנְצֶע יְנִיקָה דִּיא אַלֶע גַאמְטְּסְטְרַאפְּטְשֶׁעס, קַאכְלֶעפֶּעל בַּאסָאקֶעס אוּנ אַלֶערְלַייא מִינֵי בַּעֲלֵי טוֹבוֹת, וָואס נֶעהְמֶען צוּ פָּשׁוּט דָאס חִיּוּת מִיט זַייעֶר גוּטְסְקַייט אוּנ פְרוּמְקַייט, קוּרְץ, דורך דֶער טַאקְסֶע בֶּעקוּמֶען אַ סַךְ מֶענְשֶׁעלִיךְ דֶעם כֹּחַ, דִּיא שְׁלִיטָה צוּטָאן אַלְסְדִינְג וָואס זַייא טוֹיג אוּנ וָואס זַייא ווִילֶען. אִיךְ אַלַיין, וֶועה אִיז מִיר, בִּין דָאךְ גֶעוֶוען אַיינֶער פוּן יֶענֶע מֶענְשֶׁעלִיךְ, אִיךְ אַלַיין פְלֶעג דָאךְ נֶהֱנֶה זַיין פוּן דֶער טַאקְסֶע אוּנ גֶעהַאלְטֶען פַאר אִיהְר תָּמִיד שְׁטָאל אוּנ אַייזֶען, ווַייל אִיךְ הָאב גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד, אַז כָּל זְמַן בַּייא יוּדֶען וֶועט זַיין דִּיא טַאקְסֶע וֶועלֶען זַייא בְּלַייבֶּען אִין גָלוּת בַּייא אַזֶעלְכֶע מֶענְשְׁלִיךְ וִויא אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶער כְּנוּפְיָא, מֶען וֶועט זַייא קֶענֶען הַאלְטֶען אִין דֶער מוֹרָא וִויא קְלַיינֶע קִינְדֶער, אַרוֹיפְ-פִיהְרֶען זַייא אוֹיף נַארֶעשְׁקַייטֶען, אוּנ טָאן מִיט זַייא אַלְסְדִינְג וָואס מֶען ווִיל. אִיךְ הָאב גֶעהַאלְטֶען פַאר דֶער טַאקְסֶע אוּנ דִּיא טַאקְסֶע הָאט מִיךְ גֶעהַאלְטֶען אוֹיף דִּיא פִיס. אִיךְ הָאב גֶעגֶעסֶען אוּמְזִיסְט דָאס שֶׁעהְנְסְטֶע דָאס בֶּעסְטֶע פְלַייש אוּנ דִּיא אָרְמֶעלַייט הָאבֶּען גֶעצָאהְלְט טַהַייעֶר אוּנ גֶעגְרִיזֶעט בַּיינֶער, זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען דִּיא שָׁאף אוּנ אִיךְ דֶער וָואלְף, אִיךְ הָאב גֶעבִיסֶען, גֶעוָוארְגֶען אוּנ גֶענוּג יוּדִישׁ בְּלוּט אִין מַיין לֶעבֶּען אויסְגֶעזוֹיגֶען....

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאתִי בְּיִרְאַת שָׁמַיִם וּבְיוּדִישֶׁע גְזֵרוֹת. אַלֶע פַאלְשְׁקַייטֶען מַיינֶע הָאב אִיךְ אַרַיינְגֶעלַייגְט אִין דֶער יִרְאָה, עֶס פְלֶעגְט עֶפִּיס אויסְקוּמֶען, אַז אַלְסְדִינְג וָואס אִיךְ טְהוּא אִיז נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אִיךְ נֶעהְם מִיךְ אָן גָאטְס קְרַייוֶודֶע אוּנ וִויל פַארְהִיטֶען זַיינֶע יוּדֶען, זַייא זָאלֶען בְּלַייבֶּען טַאקִי דָאס וָואס זַייא זֶענֶען. אוּנ ווַייל פַאר מִיר מִיט מַיין כְּנוּפְיָא אִיז גְלַייכֶער גֶעוֶוען יוּדֶען זָאלֶען בְּלַייבֶּען נַארָאנִים, דֶערְשְׁלָאגֶענֶע מֶענְשֶׁען, דֶערִיבֶּער קֶענְט אִיהְר דָאךְ שׁוֹין פַארְשְׁטֶעהְן וִויא מִיר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט יֶענֶע קְלוּגֶע זַאכֶען, וָואס וָואלְטֶען זַייא גֶעקֶענְט דִּיא

אויגע

אויגען עפענען , וויא שטארק איך האב , קלאמערשט פון גאטס וועגען, מיך נארעש געמאכט און זיך אפגעגעבען מיט אלע קרעפטען דאס מינדסטע נארעשקייט צודערהאלטען , וויא וייט פאלש איך בין געוועזען און וואס פאר א מין טעם מיין יראת שמים האט געהאט .... איז א מאל אנגעקומען עפיס א גוטע זאך אויף יודען האב איך עס גערופען א גזרה און איינגעווענדעט אלע תחבולות אין איינעם מיט מיינע לייט דיא דאזיגע גזרה מבטל צוזיין . יודישע קינדער א שטייגער זאלין זיך לערנען שרייבען רעכענען בכדי צופארדינען דערנאך זייער ברויט בכבוד האט ביא אונז געהייסען א גזרה, יודען זאלען זיך טראגען שיין, און נישט זיין מעהר בזוי-ומבוזה מיט יענע קליידער , אין וועלכע זייערע שונאים האבען פארצייטען זיא געצווינגען זיך אנצוטאן , האט ווייטער געהייסען א גזרה. טאמיר איז דא א סברא , אז דיא טאקסע זאל בטל ווערען , האט אויך געהייסען א גזרה. הכלל אלסדינג וואס אונזער כנופיא האט נישט געטויגט האט געהייסען גזרות ... דערוויל האבען מיר צו דיא גזרות נישט דערלייגט , פארקעהרט פיל האבען דערפון געמאכט א פרנסה און לעבען זיך דארט ערגיץ ... גאנץ שיין נאך ביז אצינד. מיר , פושע ישראל , מיר א שטייגער איז פון לאפענמיטצליך און יארמולקעס נישקשה גענוג געלד אין קעשענע אראפגעפאלען .

ועל חטא שחטאתי בכנופיא ובכל-ולך ; בלעקען , במאניפארגעס , בנצחנות , בסבארשטשיקעס ובספראוועטשנע צענעס , בעזות בפאקטרע-ווען , בצביעות ובציניינעריש ; בקאמעדיעס , בקהלשטיבעל ובקוממיות זאגען ; ברכילות ובראציעסלאזען ; בשטותים , בשקרים , בשווינדעל , בשלישית געלד , בשייגעץ ובתקיפות. דער פרוש פון דיא דאזיגע אלע זאכען ליגט פון אויבען אויף , און איך פארשפאר עס גאר צודערקלעהרען .

הכלל איך בין געוועזען א קליין מענשעלע און האב דורכדעם געלעבט אין עושר און אין כבוד . דעם גביר מיינעם האב איך געהאלטען אויף דער ארענדע און מיר ביידע האבען געמאכט דיא קאמעדיע . איך בעדארף דא פאר מיין גביר זיך נישט מתודה זיין , ער לעבט נאך און ער וועט נאך צייט האבען אליין זיך מתודה צוזיין .

יט.

אויבען האב איך געזאגט אז בטבע בין איך נישט געוועזען קיין נאר , קיין שוטה , איך בין נאר געוועזען א דערשלאגענער, א פארוואגעלטער,

אזוי

אזוי מוז איך אצינד בעמערקען, אז כפי עס זעהט אויס בין איך א-פנים פון דער נאטור אויך נישט געווען אזוי גראב שלעכט, נישט מעהר איך בין געווען פערפיהרט. דיא צרות, וואס איך בין א מאל אויס-געשטאנען פון דער וועלט האבען מיר פארשטאקט דאס הארץ און מיך געמאכט שלעכט. אז איך האב געטאן א מאל אשרעקליכע מעשה-רע פלעגט אין מיר דערנאך דורכלויפען עפיש נישט קיין פרעהליכער געדאנק, וואס פלעגט מיך אויף א רגע א שטאך טאן וויא א שפילקע. איך געדיינק איסר ווארגער האט א מאל צו זיין גוטען ברודער אין איין כעס געזאגט: „מען בעדארף נישט קענען אנקוקען אזעלכע לייט וויא גוטמאן, יענע אלע שיינע נפשות וואס מאכען ביכליך. מען מוז אין תוך אריין זייא האסען, שפייען אויף זייא קלעק און אויסווייכען זייא וויא וויט מען קען, אין זייערע ד׳ אמות טאהר מען נישט שטעהן, ווארים זייא זענין ערגער פון פייער, זייא זענין א מאל אויסען אריינצוקריכען יענעם אין דער גרגרת און אנצוטאן גרויסע צרות מיט זייערע בעשרייבעכטסען און שטעכענדיגע ווערטליך, אלין אגיל ואשמח, קאלעכטיג און שפיצענדיג. דאס גאנצע שטיקעל נס נאך וואס דער אייזעל האט נישט קיין הערנער, וואס אזעלכע שלימזלען האבען נישט קיין געלד, קיין העלער בייא דער נשמה און זענין, געלויבט איז השם-יתברך, גרויסע דלפנים, וואס בעדארפען פארט אנקומען א מאל צו אונזער גראשען, זיסט וואלט מען געהאט פון זייא צוזינגען און צוזאגען, מען וואלט חלילה זיך געקראצט און פון זייא געליטען נאך ערגער וויא פון דיא וואנצען.״ — עס פארשטעהט זיך אז איסר׳ס דאזיגע ווערטער זענין בייא מיר פארעבענט געווען וויא תורת אמת און חאטש מיר האט הארציג באנג געטאן פיינט צוהאבען אזא מענשען וויא גוטמאן, וואס ער איז מיר געלעגען טיף אין מיין זעל, נאר ר׳ איסרן האב איך דאך געמוזט הערען, ווען נישט וואלט דאך מיר קיין סברא נישט געווען צו-זיין א קליין מענשעלע, איין ארענדאר און וואלט נעביך געמוזט ווייטער ליידען צרות און קלעפ אויפן פוד. מיין פוס איז פון יענער צייט צו גוטמאנען נישט געקומען, איך האב איהם און אזעלכע מענשען וויא ער אויסגעווייכט וויא איין עפוש. איז מיר א מאל צו דיא הענד געקומען עפיס א מין פרשוין מיט דיא ביכליך האב איך אין איהם מיך נוקם געווען וויא אין דעם ערגסטען שונא און האב אים געטאן שפיטצליך וויא וויט נאר איך האב געקענט. „ווער דיא כפרה, האב איך בשעת מעשה געטראכט, פאר מיין מינדסטען נאגעל, דוא אזוינער און אזוינער, דוא אנחאפער, דוא אנשיקעניש, דוא פושע-ישראל איינער! ליג אין דער ערד און באק בייגעל דוא אפיקורוס איינער!״.... נאר אז איך בין

שוין

שוין געווען שטארק רייך און האב שוין מעהר נישט בעדארפט מורא האבען אז איך וועל ליידען בידעווען, אט דענסמאל האט מיר אנגעהויבען צוטיאקקען מיין הארץ, דענסמאל פלעגט מיר אלץ זיך פירשטעלען דער גוטער, דער גוטער און שטילער גוטמאן. אך, וואס פאר א גוטער, פאר א טהייערער מענש ער איז געווען! אך, וויא פריינטליך, וויא צוגעלאזט ער איז געווען צו אלע מענשען! ער האט מיך ליב געהאט און מיך בעהאנדעלט נישט וויא א משרת! ער איז געווען נעביך אין ארימאן, האט געליטען דחקות, פון דעסטוועגען וויא לוסטיג און צופרידען איז ער תמיד געווען! . . . .

א מאל, געדיינק איך, האט זיין ווייב נעביך זעהר געוויינט, ס׳איז שוין געווען נאהענט צו פסח, אין גאנצען עטליכע טעג און דא איז נאך אין שטוב נישט געווען קיין סימן אויף יום-טוב. ער האט מיך ארומגעשיקט א גאנצען טאג מיט ביכליך, נאר קיינער האט זיא אין דיא הענד אפילו נישט געוואלט נעהמען. איטליכער צו וועמען איך האב אפגעטראגען קוויטליך האט שטארק פארדרעהט דיא נאז און מיר נישט געענטפערט קיין גוט ווארט. דיא מאדאם, דיא טהייערע מאדאם, זיין געטרייא ווייב, האט נעביך געוויינט און איז געווען זעהר פאראומערט. „אך, האט צו איהר גוטמאן זיך אנגערופען און זיא געטרייסט, זינדיג חלעבין נישט, נשמה מיינע, מיט דיינע טרעהרען! אונז איז נאך בעסער פון א סך אנדערע רייכע, מיר זענין דאך ערהליכע לייט. מיר האבען חלילה ביא קיינעם נישט צוגענומען, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאן. מיר ליידען . . . נאר פאר דעם אמת צולליידען איז א סך בעסער און שענער וויא פון דעם שקר גליקליך צוזיין. זארג נישט, מיין לעבען, זארג חלעבען נישט! גאט האט געהאלפען, גאט וועט ווייטער העלפען. א ברירה וועט ער דען האבען? מסתמא וועט ער דאך מוזען וויא ס׳איז עפים ארויסהעלפען. וואס ניצט מיר באמת צווייא רעק מיט א פעלץ? טראגען טראגט מען דאך נאר איין ראק נישט קיין צווייא, און דער פעלץ איז חלעבין אויך איבעריג, עס געהט דאך צו זומער, ליגענדיג אין קאסטען קען איהם נאך גאר דער מאיל אויפעסען. אט חלעבין אבראם פויל זיך נישט, נעהם טאקי באלד דעם פעלץ מיט מיין ראק און געה פערזעטץ זייא, פארקויף זייא, טהוא מיט זייא וואס דוא ווילסט, וועלען מיר האבען מצות אויף פסח, כרפס און מרור מיט אלע זיבען זאכען“.

דיא דאזיגע סצענע האט מיר תמיד זיך פירגעשטעלט פאר מיינע אויגען. איך האב געזעהן אז גוטמאן איז גליקליך געווען אהן געלד, איז דאך א-פנים משמעות אז דאס גליק בעשטעהט נישט אין געלד נאר גאר אין עפיש אנדערש. ער האט נאך געזאגט בזה הלשון: „אונז איז בעסער

פון א סך אנדערע רייכע, מיר זענען דאך ערליכע לייט». איז משמע א פנים, אז נאר ערליכע לייט זענען גליקליך און צופרידען. דערביי איז מיר נאך תמיד געלעגען אין זינען וואס ער האט א מאל געזאגט יאקאבזאהאגען: «ליידען הייסט חנפהנען, צוויאטשען, דער חונף, דער צוויאק מוז תמיד זא פירכטען, תמיד זיך היטען אזוי וויא דער גנב». איך האב אנגעהויבען בעשיינפערליך ארויסצוזעהן וויא אמת, וויא ריכטיג זיינע ווערטער זענען. גוטמאן האט נאר מיט דעם שכל זיינעם פארשטאנען אז דעם חונף, דעם צוויאק איז אזוי שלעכט וויא דעם גנב, ווארים זייא אלע מוזען תמיד מורא האבען און זיך היטען מען זאל זייא נישט דערטאפען, מען זאל נישט דערגעהן זייערע מיאוסע זאכען, און זיין תמיד אין דער מורא, זיך בעדארפען תמיד צובעהאלטען איז עפים נישט אזא געשמאקע זאך. איך אבער האב דאס אייגענע טאקי געפיהלט ביי מיר אין הארץ, אז א פאלשען מענשען איז עפים גלאט שלעכט, נאר אהן אלע טעמים. עפים קארטשעט עס איהם, עפים ליגט איהם וויא א שטיין אויף דעם הארצען, עפים קאכט אין איהם דאס בלוט, דער קאפ ווערד איהם שיער נישט צוזעטצט, ער ברענט וויא א פלאם פייער, עפים איז איהם אייגג דיא וועלט און ער ווייסט נישט זיך וואהינצוטאן, ער וואלט געשפרונגען אויס דער הויט און פון זיך אליין גערען געווען צואנטלויפען ערגיץ וואו דער שווארצער פעפער וואקסט, העט ווייט ווייט צו אלדע שווארץ-יאהר! — יא, איך האב טאקי בחוש געפיהלט, אז ליידען הייסט חנפהנען, צוויאטשען. איך בין דאך געווען רייך, אנגעשטאפט מיט געלד און בין פארט נישט גליקליך געווען. איך פלעג האבען בייזע, ביטערע חלומות, עס פלעגט מיר זיך אויסדאכטען אז איך האלט א חלף און קוילע, איך פלעג הערען קרעכטצען, זיפצען, האָרחלען, גוסען און מיינע פאלעס זענען געווען פארשמירט, פארשלומפערט אין בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל פלעגט מיר אפט זיך דרעהען פאר דיא אויגען, טויט בלאס וויא דיא וואנד. ער פלעגט אויף מיר קוקען זעהר בעטריבט, מיר ווייזען אויף דיא קייטען אין וועלכע ער איז געווען געקאוועט און מיט א טרויערדיג פנים מיך אליין פרעגען: גוואלד, יצחק אברהם וואס האסט-דוא צו מיר געהאט? גוואלד, גוואלד יצחק אברהם וואס האב איך דיר געטאן?!.... דיא אלטע און שיינדעלע פלעגען אויסוואקסען וויא פון אונטער דער ערד, ביידע פלעגען הוסטען זיך פארקייכען, ביידע פלעגען זיך איינעסען אין מיר מיט רויטע ברענענדיגע אויגען און שרייען: אט איז אונזער מלאך-המות! אט איז ער דער רוצח, דער קוילער! פלוצלים פלעגט פון זייא ווערען א הויפען ביינער, פון דיא ביינער פלעגען ארויסקריכען ווערעם און

גיפטיגע

גיפּטינגע שלאנגען, זיך לאזען צו מיר מיט אפענע מיילער און מיך בייסען שטעכען וויא מיט שפּילקעס . . . מעהר פון אלע פלענט מיך קריינקען נאלדע. זיא פלעגט מיר זיך אויסדאכטען וויא זיא זיצט דערשלאגען פארוויסט, פאראומערט מיט עפּיס א שטיקעל ארבעט אין דיא הענד, זיא שטשאבעט נעהט און צושטעכט זיך דיא פינגער, נאר זיא פיהלט אבער נישט, ניט זיך אפילו נישט קיין קרים, זיא שטשאבעט נעהט אלץ ווייטער וויא א מאשינע און שאקעלט מיטין פוס א שווערע סקריפּענדיגע וויג צוזינגענדיג דערביא „אליו-לוליו-ליוליונוא״ אויף א משונה אומעטיג קול. דיא וויג אבער איז ליידיג, קיינער איז אין איהר נישטא. נאלדע! שרייא איך, וואו איז ער? וואו איז דאס קינד? נאלדע וויגט און זינגט ווייטער נישט צורייdען מיט מיר קיין ווארט:

אליו-לוליו בידנע קינד,
וועה איז דער מאמע וועה און ווינד!

אינווענינג אין וויגעלע
ליגט א קלאהר ווייס ציגעלע.
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט-זשע שרייא ניט זשע וויין,
ביסט דאך עלענט וויא א שטיין.
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

וויסט און פינצטער איז דיין וועלט,
לייד-זשע שטיל הונגער און קעלט.
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

דארט אין דרויסען הער נאר הער,
וואיעט א וואלף, ברומט א בער
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ליידיג, ליידיג איז דאס וויגעלע
נישטא, נישטא מיין ווייס ציגעלע!

א-ליו-ליוליוא בידנע קינד,
וועה איז דער מאמע וועה און ווינד!

ביא דיא דאזיגע ווערטער שטעהט נאלדע אויף, בלוטיגע טרעהרען קאפּען איהר פון דיא אויגען, זיא שטרעקט אויס דיא הענד אין אלע זייטען און שרייעט אויף א ווילד קול „נישטא, נישטא מיין ווייס

ציגעלע !״ איך לויף אַרויס פונם שטוב שטאַרק צוקאָכט , עס דאַכט זיך מיר ווי א וועלף און בערן יאָגען מיך נאָך , זיי קנאַקען מיט די ציין יונגע ביינדעליך און איך הער ביטערע קולות פון איין אומגליקליך ציגעלע . . . .

די דאָזיגע אַלע פינסטערע חלומות און ביטערע געפיהלען האָבען מיך היינטיגם יאָהר אַזוי זאַמיטשעט, אַז איך האָב אָנגעהויבען צוקרייגקען, איך האָב געפיהלט אַז איך וועל נישט לאַנג געדויערען און מיך געחאַפט ווי עס איז אויפצושרייבען מיינע אַלע הנהגות , אַלסדינג וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט און וואָס איך האָב געטאָן אין מיין לעבען בכדי דאָס זאָל מיר זיין לכפרת עון . גאָלדען האָב איך לסוף אָנגעשריבען אַ בריעף אין וועלכען איך בין זיך מתודה ווי שלעכט איך האָב אַקעגען איהר געהאַנדעלט און בעט זי רחמים מוחל צו זיין מיינע שווערע זינד . איך שרייב דאָרט און בעט רחמים זי זאָל קומען מיט אונזער קינד , אויב ער איז נאָך דאָ אויף דער וועלט , בכדי איך זאָל זיי מינדליך מחילה בעטען און קענען רוהיגער שטאַרבען . נאָר דריגען איז שוין עטליכע וואָכען און גאָלדע איז נאָך נישטאָ ! איך בעט אייך רבי, איהר זאָלט פאַר מיר זיך פאַרווענדען און פועלין ביי גאָלדען זי זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב איהר פאַרוויסט , פאַראומערט איהר גאַנץ לעבען . גאָלדע, ווייסט איהר דאָך , האָט על פּי דין נישט געקענט חתונה האָבען , זי האָט געלעבט אַוודאי אין צרות אין לייד אין דער צייט ווען איך האָב געלעבט אין עושר און אין כבוד און האָב אין גאַנצען פאַרגעסען זי און דאָס אומגליקליכע קינד , וואָס איך האָב איהר אַנגעוואָרפען און פאַרלייקענט אַז איך בין זיין טאַטע . זי האָט נישקשה געהאַלטען וואָרט און מיך אויך פאַרגעסען . זי האָט מיך די גאַנצע צייט , וואָס איך בין פון איהר אַוועק , געלאָזט צורוה און ס'איז איר אַ חרפה געווען צוזאָגען ווען זי האָט געהאַט פאַר אַמאָן . גאָלדע איז שטאָלץ , זי איז אָבער גוט . אַז איהר וועט זי בעטען פאַר מיר וועט זי מיר מוחל זיין . זאָגט איהר , אַז יצחק אברהם איז געווען פאַרפיהרט , ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען צושעטצען , ער האָט געמיינט , אַזוי ווי אַ סך אַנדערע , אַז אַ ווייב איז נישט אַזאַ גרויס יום-טוב , מען האָט מיט איהר זיך נישט וואָס צוצערעמאָניען . זאָגט איהר אַז יצחק אברהם האָט פאַרן טויט אָנגעהויבען זי אָמת ליעב צוהאָבען , ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען צופיהלען אַז ״אַ ווייב מיט מעלות איז אַ טהייערע זאַך , טהייערער פון דימענטען און בריליאַנטען אַ סך״ .

ב.

דא, רבי, האט איהר איך אין גאנצען מיין צואה פון מיין גרויס פארמעגען און עשירות וואס איך לאז איבער, וויל איך אז מען זאל אזוי טאן: מיין ווייב זאל מען מסלק זיין איהר כתובה מיט דער תוספת כתובה, וואס זיא האט פארמאלניע פון מיר ארויסגענומען, דאס גאנצע ציהרונג לאז זיא זיך אויך נעהמען און געהן געזונטערהייט. זיא וועט דאך מסתמא אליין נישט וועלען בלייבען אין הויז און זיך אודאי איילען חתונה האבען. זיא וואקסט דאך פון אזא הויז, וואס דארט לאזט מען בתולות אדער אלמנות נישט לאנג זיטצען אהן שידוכים... דעם ציהרונג זאל מען איהר דערלייגען מיט געלד. דאס הויז וואס איך זיטץ אליין זאל געהערען מיין עלטערען זוהן, דעם בכור, וואס איך האב געהאט מיט גאלדען, און ווייטער פון מיין מזומן קאפיטאל בעדארף ער נעהמען א גלייכען חלק מיט מיינע צוויא יונגליך פונם צווייטען ווייב. באם מיין עלטערער זוהן איז חלילה נישטא אויף דער וועלט בעדארף איהם גאלדע ירשהנען. דאס גרויסע געמויערטע הויז מיינס מיט א קאפיטאל פון 85 טויזענט רובל עולמית געלד לאז איך איבער אויף מצוה-זאכען אזוי: אזוי וויא איך וויים זעהר גוט, אז דיא יודישע תלמוד-תורות טויגען לחלוטין גאר נישט און האבען נישט קיין שום זין, מען נעהמט ארעמע קינדער און מען פארטרייבט זייא — גאט זאל מיך גיט שטראפען פאר דיא רייד — אין א שטאל, וואו זייא וואלגערען זיך אין מיסט, אין בלאטע וויא דיא קעלבער, מען לערענט מיט זייא דארט נישט קיין ווארט, וואס מען בעדארף, מען מאכט נאר פון זייא דראבעס, טויגעניכטסען, אומגליקליכע מענשען, וואס טויגען נישט שפעטער נישט צו גאט, נישט צו קיין לייט, און אזוי וויא איך וויים ווייטער אז דיא תלמוד-תורות קאסטען נאך יודען זעהר פיל געלד, מען רייסט בארויף פון טויטע אי פון לעבעדיגע, מען נעהמט אויך פון דער טאקסע און דאס געלד געהט נאר לאבוד, עס פאלט ארין שלעכטע מענשען אין דיא הענד, זייא האבען הנאה און ארמע נעביך ליידען, זייא טהוען כל הפכלנות און הייסען נאך פיינע מענשען, גבאים, בעלי רחמים'ס, וואס פארזארגען יודישע קינדער און לעהרנען זייא תורה; דעריבער, בכדי נישט צולאזען מעהר אזעלכע מיאוסע זאכען, גיב איך אוועק מיין הויז אויף א תלמוד תורה פאר ארמע קינדער. דארט זאל מען מיט זייא לעהרנען וויא עס געהער צוזיין אלסדינג וואס איז נייטיג: יודיש, רוסיש, שרייבען און רעכענען, דאס אלסדינג זאל זייא

שפעטער

שְׁפֶּעטֶער צוּנִיטְץ קוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט , כָּשֵׁר צוּפַארְדִינֶען זַייעֶר בְּרוֹיט ׃
דֶערְבַּייא זָאל מֶען דָארְט מַאכֶען אַ שׁוּלֶע פַאר בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת , וואוּ מֶען
לֶערְנְט אַלֶערְלַייא מִינֵי מְלָאכוֹת , בִּכְדֵי דִיא לֶעהְרֶענְיוּנְגְלִיךְ זָאלֶען
נֶעבִּיךְ נִישְׁט לַייַדְעֶן פוּן דִיא שְׁנַייַדֶערְקֶעס אוּנ שְׁנַייַדֶער , זָאלֶען נִישְׁט
בֶּעדַארְפֶען בַּייא זַייא אַוֶועק זַיין אַ צַייט מִיט יָאהְרֶען אוּנ נֶעבִּיךְ טְרָאגֶען
פַּאמַיינִיצֶעס . אַ רַחֲמָנוּת חָלֶעבִּין , פִּיל יְתוֹמִים , לֶעהְרֶעְנִיוּנְגְלִיךְ , בְּלַייבֶּען
דוּרְכְדֶעם קַאלִיעקֶעס , אָהְן אַ גַאנְץ בֵּיינְדֶעל נֶעבִּיךְ , אוּנ לְסוֹף עֶרְשְׁט
הַייבֶּען זַייא נִישְׁט אָן צוּקֶענֶען דִיא מְלָאכָה ׃ דִיא הַכְנָסוֹת פוּן דִיא
קְלַייטֶען אִין דֶעם דָאזִיגֶען מוֹיעֶר זָאלֶען גֶעהְן אוֹיף אוֹיסְצוּהַאלְטֶען דִיא
תַּלְמוּד-תּוֹרָה מִיט דֶער רֶעמֶעסְלֶענִי (בַּעַל-מְלָאכָהִישֶׁע) שׁוּלֶע ׃ אַייךְ רֶבִּי
אוּנ דֶעם הֶערְר גוּטְמַאן מַאךְ אִיךְ פַאר פִיהְרֶער,מַשְׁגִיחִים אִיבֶּער דִיא
דָאזִיגֶע צְווַייא זַאוֶועדֶענְיֶעס ׃ דֶעם גְרוֹיסֶען פְלִיגֶעל אִין הוֹיף גִיבּ אִיךְ
אַייךְ בֵּיידֶע אָפּ פַאר אַדִירָה , אִיהְר זָאלְט דָארְט בֵּיידֶע וואוֹינֶען מִיט
אַייעֶרֶע פַאמִילְיֶעס אוּנ אַייעֶר גֶעהַאלְט צוּם לֶעבֶּען זָאלְט אִיהְר בֶּעקוּמֶען
פוּן דִיא זִיכֶערֶע הַכְנָסוֹת ׃ אִיךְ בֶּעט אַייךְ , רֶבִּי , אַז אִיהְר זָאלְט לְמַעַן
הַשֵּׁם וִויא צוּם גִיכְסְטֶען שִׁיקֶען נָאךְ דֶעם הֶערְן גוּטְמַאן קַיין
צְווַיאַטְשִׁיטְשׁ אוּנ אָנְהוֹיבֶּען צוּטָאן דְרִינֶען , וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג דָא ׃
אִיהְר , רֶבִּי , זֶענְט אַ צַדִּיק , אַ גוּטֶער , עֶהְרְלִיכֶער מַאנְן , אַ סִימָן ,
אִיהְר זֶענְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער אֶבְיוֹן ׃ וֶוען אִיהְר זָאלְט וֶועלֶען וָואלְט אִיהְר
דָאךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין רַייךְ אוּנ הָאבֶּען גֶעלְד אוֹיף פְּרָאצֶענְט וִויא אַיין
אַנְדֶער דַיין ׃ גוּטְמַאן אִיז חָלֶעבִּין אוֹיךְ אַ צַדִּיק , אַ גוּטֶער , אַ טְהַייעֶרֶער
מֶענְשׁ , חָאטְשׁ עֶר גֶעהְט אָהְן אַ הִיטֶעל אוּנ צוּגֶעפּוּטְצְט דִיא בָּארְד ׃
עֶר הָאט אַייעֶר טְהַייעֶרֶען חַארַאקְטֶער ׃ אִיךְ בֶּעט אַייךְ , רֶבִּי , הָאט
אִיהְם לִיבּ , עֶר אַייךְ וֶועט זִיכֶער לִיבּ הָאבֶּען , וָוארִים עֶר הָאט לִיבּ אַלֶע
מֶענְשֶׁען , עֶר אִיז אַ וַוארְמֶער יוּד , מִיט אַ יוּדִישׁ הַארְץ אוּנ עֶר וָואלְט
פַאר יוּדֶען זִיךְ מַקְרִיב גֶעוֶוען , אַזוֹי אֱמֶת לִיבּ הָאט עֶר זַייא ׃ עֶר אִיז
נָאר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיא צְווַיאַקֶעס , פַארְפְרוּמְטֶע נְשָׁמוֹת , וָואס גִיבֶּען זִיךְ
אוֹיס פַאר פְרוּמֶע כְּשֵׁרֶע יוּדֶען , וַוייסֶען דַאכְט זִיךְ נִישְׁט מֶעהְר וִויא גָאט
אוּנ צִיצִית אוּנ שְׁטִילֶערְהֵייט טְהוּעֶן זַייא כָּל הַפַּסְלָנוּת , פַארְפִיהְרֶען דִיא
יוּדֶען נֶעבִּיךְ אִין דֶער בְּלָאטֶע אוּנ טְהוּעֶן זַייא אָן גְרוֹיסֶע צָרוֹת ׃ רֶבִּי ,
אִיהְר וֶועט שְׁפֶּעטֶער אַלַיין אַרוֹיסְזֶעהְן , וָואס פַאר אַ טְהַייעֶר מֶענְשׁ אוּנ
אַ וַוארְמֶער , אֱמֶתֶער יוּד גוּטְמַאן אִיז ׃ עֶר וֶועט אַייךְ שְׁטַארְק צוּנִיטְץ
קוּמֶען אִין דִיא אַלֶע זַאכֶען , וָואס אִיךְ בֶּעט דָא אַייךְ צוּטָאן ׃ וַוייטֶער ,
דִיא הַכְנָסוֹת פוּן דֶעם עוֹלְמִית גֶעלְד זָאלְט אִיהְר אִין אֵיינֶעם מִיט
גוּטְמַאנֶען גֶעבְּרוֹיכֶען אוֹיף נָאךְ גוּטֶע זַאכֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט , וֶועלְכֶע
אִיהְר בֵּיידֶע וֶועט גֶעפִינֶען פַאר נֵייטִיג ׃ אוֹיבּ עֶס וָואלְט אַ סְבָרָא גֶעוֶוען
איינצופיהרען

איינצופיהרען אין דער שטאדט עפּיס אזא מין חדר פאר א סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים אונ לעהרער, וואס דארט זאל געלערענט ווערען געטרייא יודישע למודים אונ וועלטליכע זאכען, וואס דארט זאלען דיא קינדער זיך אויסלערנען צוזיין עכטע יודען אונ אויך ניטצליכע, פארשטענדיגע מענשען, אויף אזא מין שטאדט-חדר וואלט מיר זעהר, זעהר ניחא געוועזען איהר זאלט אלע יאהר געבען א געוויסע סומע פון דיא הכנסות פונם עולמית געלד, נאר בתנאי, אז איהר מיט גוטמאנען זאלט האבען דיא השגחה איבער דעם דאזיגען מין חדר. איהר רבי זאלט קוקען אויף דיא יודישע למודים, זייא זאלען געלערענט ווערען פיין, מיט א גוטען דרך, אקוראט וויא עס בעדארף צוזיין, אונ גוטמאן — זיין זייט זאל האבען איין אויג אויף דיא איבעריגע ענינים אונ השכלה זאכען. איך וויים, אז אזא מין שטאדט-חדר, וואס זאל געפיהרט ווערען דורך אזעלכע מענשען וויא איהר אונ גוטמאן וואלט פאר יודישע קינדער געוועזען א גליק. נאר איך וויים אבער צוריק, אז ווייל טאקי פאר יודישע קינדער וואלט אזא חדר געוועזען א גליק, דעריבער וועט עס א סך מיני מענשעליך כלל נישט שמעקען, זייא וועלען אקעגען דעם זיך ארויסשטעלען, זייא וועלען אריינלייגען זייער שמאדשטיק אין דער יראה, קלוימערשט איז אזוינס עפּיס נישט יודעשליך אונ וועלען זוכען אלע מיני מיטעל אזעלכעס נישט צולאזען. פון דעסטוועגען איהר, רבי, זאלט פון אייער זייט פּרובען טאן וועגען דעם אלסדינג וואס נאר מעגליך אולי ירחם, אפשר וועט גאט פארט רחמנות האבען אויף יודישע קינדער, זייא זאלען קליגער ווערען אונ זעהן מיט אפענע אויגען ווער וויל זעהר רעה אונ ווער זייער טובה, וואס פאר זייא איז שלעכט אונ וואס גוט. — איך וויל עס דערווייל פאר זייא פּרובען אויף מיינע אייגענע צוויא קינדער. איך וויל אונ פארלאנג עס פונם גאנצען הארץ, אז איהר, רבי, אונ גוטמאן ביידע זאלט איהר לעהרנען מיט מיינע קינדער, איהר ביידע זאלט זייא מדריך זיין, בכדי זייא זאלען זיין יודען, ניטצליכע מענשען אונ געפעלען אי גאט אי לייט.

דיא דאזיגע אלע פאפירען מיינע, זאלט איהר, איידער מען וועט מיר מיין רעכט טאן, פירלייענען דיא אלע היגע נגידים, מיר וועט עס זיין א כפרת עון אונ זייא א מוסר. אויב איך אונ מיינע ווערטער וועלען נישט ווירקען אויף זייער לעבען, זייא זאלען זיך בעסערען אונ אוועקווארפען זייערע שלעכטע, נארעשע גיינג ביים לעבען, לכל הפחות וויל איך זייא אוים לערנען וויא צושטארבען, זייא זאלען האטשע שטארבען וויא מענשען... וויפיל נגידים איך האב

ביז אהער בייא אונז געקענט זענין ביז דער לעצטער מינוט געבליבען דאס וואס זייא זענין געוועזען און געשטארבען אהן שכל. האבען תמיד אין זייער גאנצען לעבען אין זינען געהאט נאר זיך אליין, נאר זיך, און ביים טויט אפילו נישט קליגער, נישט בעסער געווארען. לאזען זייא הערען מיינע ווערטער און לאזען זייא אויף מיר קוקענדיג זיך אויסלערנען האטשע שטארבען, אוועקגעהן פון דער וועלט ווי מענשען... שטארבט, זאג איך אייך, נגידים, שטארבט, שטארבט וויא מענשען!

מיינע דאזיגע פאפירען זאלט איהר מוחל זיין, רבי, דערנאך אפצודרוקען, לאז דיא גאנצע וועלט וויסען, אז מיט רייכקייט איז מען נישט גליקליך. גליקליך איז מען נאר מיט א גוט הארץ און מיט מעשים טובים. בעסער פארשווארצט צו ווערען און ליידען אבי זיין א בראווער, ערהרליכער מאנן, איידער צוהאבען פון פייגעלמילך און זיין א קליין מענטשעלע. דיא דאזיגע אלע פאפירען ווער איהר מוחל זיין געבען רב מענדעלי מוכר ספרים, ווארום ער ווייסט שוין הלכות הדפסה. א חוץ דעם פאהרט ער ארום אין גאנץ פוילען וועט ער עס קענען אומטום אפזעטצען. פאר זיין טירחא דערבייא זאלט איהר איהם ארענטליך בעצאהלען, ער איז דאך נעביך איין ארעמאן. איהר זאלט איהם געבען פון מיינע קליידער א פאר קאפאטעס, העמדער, זאקען, הויזען וכדומה אזעלכע קליינינקייטען, לאז ער נעביך האבען אין וואס זיך אנצוטאן און א פנים האבען פאר מענשען, לאז ער נעביך נישט געהן אפגעריסען, אפגעשליסען, פארשמירט און איך בעט אייך איבער, פארשטונקען וויא אלע אנדערע יודישע מוכרי ספרים. —

כא.

אז דער רב האט אפגעלייענט אין גאנצען און אנידערגעלייגט דיא פאפירען איז צווישען דעם עולם אין שטיבעל געווארען עפיס א קאכעניש. דיא נגידים זענין געוועזען שטארק אין כעס. א טהייל האבען געביסען פאר פארדראס דיא ליפען און האבען געשוויגען א טהייל האבען געזוזשעט וויא דיא פליעגען און א טהייל האבען געזיפצט און געאייקעט.

— הא ר' חנא! האט איין נגיד זיך אנגערופען און דערבייא א שטארקען זיפץ געטאן, וואס זיפצט איהר אזוי ר' חנא?

— טא-טא-טא! האט ר' חנא געמאכט און געשאקעלט מיט

דעם קאפ . עט , וואהין ער איז פארקראכען ! היינט געה גלויב מענשען . די וועלט איז שוין חלעבין קיין וועלט נישט . . . אזא חרפה , אזא בושה ! א שרעק , וויא איך בין א יוד ! עס קומט דאך שוין טאקי היינט אויס , ר׳ בעריש . . . נוא-נוא אזא מעשה , אזא בושה !

איך האב שוין אבער פריהער פארשטאנען , האט ר׳ בעריש געענטפערט , וואהין די קויל פליהט . מיר , נארען , האבען נאך בעדארפט זיטצען וויא די פערד און ווארטען ביז די קויל וועט אונז טרעפען , פאר וואס זענין מיר נאך פריהער נישט אוועקגעגאנגען ? איך האב דאך אייך געזאגט : ר׳ חנא קומט ! וואס-זשע זענט איהר דא געבליבען הערען ביז אין דעם סוף אריין די אלע שטעכווערטליך . נאר אבער צוריק שמייסענדיג נוא מילא ? ! אודאי איז עס אביסיל נישט גלאטיק , אביסיל טערפקע . נאר צוריק שמייסענדיג אבער , וואס איז אזוינס די מעשה ? ! עט , מען האט שוין אזעלכע זאכען געהערט . נישט אזא גרויסע סכנה חלעבין ! אודאי לכתחלה , זענט איהר טאקי גערעכט , ס׳איז אביסיל פריקרע , עס לאפטשעט ביים הארץ , נאר בדיעבד איז . . . עט , חלעבין , גארנישט . א נאר בלייבט א נאר און די וועלט בלייבט א וועלט , טאקי וויא פריהער א וועלט . . .

„ניין , ניין , רבי ! האבען עטליכע נגידים געשריגען אויף א קול שטארק! אויפגעבראכט , אזעלכס איז נאך נישט געהערט געווארען , מען זאל נעהמען מענשען און זייא זאגען אין די אויגען אריין אזעלכע מיני זאכענישען ! וואס שווייגט איהר ר׳ חנא ? וואס שווייגט איהר ר׳ בעריש , ר׳ פייבוש , ר׳ אבא ? ! סטייטש , סטייטש אזעלכע מענשען , מען זאל נעהמען מענשען , ברוך השם אנגעזעהענע , פיינע בריות און מאכען פון זייא מחילה . . . . . לעמעשקע ! ווער האט איהם געבעטען אזוינס צוזאגען ? וואס געהערען זיך מיט איהם אן אנדערע ? אויף דיר אליין זאג , שרייב חאטש צוזעטצטעהייט , אבער וואס געהט דיך אן יענער ? מיר זאגען בפירוש : ניין , ניין ! ר׳ חנא , ר׳ בעריש , ר׳ פייבוש , זאגט , זאגט ניין , ניין ! וואס איז , אין דער קאשע וועלען מיר זיך לאזען שפייען , אין דער קאשע ?"

— נוא ר׳ מענדעלי , האט דער רב צו מיר געזאגט , אוועקקערענדיג זיך מיט א קאלטער מינע פון די נגידים און זייא געלאזט שרייען , איך בעט אייך ערשטענס ר׳ מענדעלי , איהר זאלט מיר זאגען ווער איז אזוינס ביי אייך אין צוויאטשיטש דער הערר גוטמאן ? איז ער טאקי אזא עהרליכער מאן ? קענט איהר איהם ?

רבי

רבי, האב איך געענטפערט, גוטמאן געהט מיט א געפוצטער
בארד, נאר איין ערליכער מאן איז ער טאקי.

— גוא, האט דער רב געזאגט, אבי ער איז איין ערליכער
מאן ארט מיך נישט זיין געפוצטע בארד, מען זאגט: בעסער א יוד אהן
א בארד וויא א בארד אן א יודען (ביי דיא ווערטער האט דער רב א קוק
געטאן אויף עטליכע פיינע לייט פון דיא נגידים). צווייטענס בעט איך אייך,
אזוי וויא איהר זענט א צוויאטשיצער זאלט איהר טאקי מוחל זיין
פאהרען אין אייער צוויאטשיץ טאקי בלי נדר מארגען, איהר וועט
אפגעבען דארט דעם הערן גוטמאן מיין בריף און איהם בעטען, אז
ער זאל למען השם גיך קומען אהער צופארען, בכדי מיר ביידע זאלען
באלד קענען מקיים זיין צואת המת, און דריטענס, זאלט איהר ליבער
הארצעדיגער ר' מענדעלי אפדרוקען דיא דאזיגע אלע פאפירען אין א
בעזונדער ספריל און עס פארקויפען אין גאנץ פוילען, פאר זעהר א וואל-
וועלען מקח, בכדי דער עולם זאל עס מעהר קויפען. אייך וועל איך
מסתמא גוט בעלוינען.

„קען מען אריינגעהן?“ האט פלוצלים זיך געלאזט הערען א קול
און דער ביי טאקי עטליכע קלעפ מיט דיא פינגער אויף דער צוגע-
מאכטער טיהר, און אז דער רב האט אפגעענטפערט: „נוא-נוא
אריין!“ איז אין שטיבעל אריינגעקומען דיא רביצען און דיא נעכטיגע
אומבעקאנטע שווארצחנעווידיגע יודענע מיט דיא אויגען וויא דיא קארשען,
וויפיל מענשען עס זענען געוועזן אין שטיבעל האבען ביי איהר אריינ-
קומען געפיהלט עפיס א דרך-ארץ, און זענען גלייך אלע מיט א מאל
וויא פארשטומט געווארען.

גוט חלעבין, וואס איהר זענט דא! האט דער רב געזאגט צו
דער יודענע און זיא געבעטען זיטצען. פריהער אביסיל, אביסיל
פריהער ווען איהר וואלט געוועזן קומען וואלט גאר גוט געוועזן. איהר האט
זיך עפיס געזיימט, וואס איז דיא מעשה, הא?

— איהר ווייסט דאך, רבי, האט דיא יודענע בנעימותדיג
געענטפערט און טרעהרען האבען איהר זיך געשטעלט אין דיא אויגען.
איך האב דאך אייך נעכטען דערצעהלט מיין אומגליק, דיא גרויסע
צרה, וואס מיך האט געטראפען. דיא שטאדט האט אפגעגעבען מיין
איין איינציג קינד, מיין איין אויג אין קאפ, און איך האב פון איהם
א לאנגע צייט שוין נישט געהאט קיין בריעף, אזוי וויא אין וואסער
אריינגעפאלען. היינט אין דער פריה אין א שמיעס מיט מענשען איז
גראד צורייד געקומען, אז איינער עפיס א היגער יודישער סאלדאט איז
צוריק געקומען פון דער קרים, פונם ארט, וואס דארט איז ערשט

געוועזן

געווען דיא גרויסע שרעקליכע מלחמה. מיין הארץ האט מיר עפיס געזאגט, איך זאל מיך זעהן מיט דעם דאזיגען סאלדאט. ביז איך האב מיך צו איהם דערפרעגט וואו ער זיטצט איז אוועק א היבשע צייט. גאט האט געהאלפען, איך האב איהם לסוף אויפגעזוכט. אז איך האב איהם באותות ומופתים געפרעגט אויף מיין זוהן, אויסגעמאלט זיין געשטאלט און איהם אנגערופען ביים נאמען, האט דער סאלדאט אויס געשטעלט אויף מיר אפאר אויגען און געבליבען וויא צו מיסט דער נאך האט ער זיך אנגערופען מיט א זיפץ: „אויב אזוי, קען איך אייער זוהן. דאס הארץ טהוט מיר וועה אנצוזאגען אייך נישט קיין פרעהליכע בשורה. אייער זוהן, אייער זוהן איז נעביך — פארוואונדעט! ער האט בעקומען א גרויסע ראניע. איך מיט נאך צוויא סאלדאטען האבען מיר איהם געפונען פאבענדיג מיט דער נשמה אויפן פרייען פעלד צווישען געפאלענע דערהרגעטע סאלדאטען נעביך. קוים וואס ער האט געזיפעט. אז מיר האבען נעהענטער צוגעלייגט צו איהם דיא אויערען האבען מיר דערהערט פון איהם עפיס א פארדומפפטע קול, גאנץ שטיל: אך, עס ברענט, עס ברענט! גוואלד, אביסיל, האטש א טרער וואסער! און אז מיר האבען איהם אין מויל אריינגעגאסען אביסיל וואסער, אין גאנצען וויפיל ביא אונז האט דענסמאל זיך געפונען, האט ער אויפגעעפענט דיא אויגען, אונז שארף אנגעקוקט, זיך אנגעטאן א כח און מיט אלע קרעפטען ארויסגעלאזט א געשרייא: „שמע ישראל! זא צאריא אי זא אטעטשעסטווא!” (פאר דעם קיסר און פאר דעם פאטערלאנד) — הורא! האבען מיר אלע א געשרייא געטאן און איהם אויפגעהויבען פון דער פייכטער, פארבלוטיגטער ערד, דיא אויגען האבען איהם באלד ווידער זיך צוגעמאכט. ער איז געווען שטארק פארדולט, דאס פנים טויט, בלייך וויא דיא וואנד און איינגעשמירט מיט פארבאקען בלוט. מיר האבען איהם געטראגען אויף דיא הענד און געבראכט אין לאזארעט אריין. דארט ליגט ער איצט שטארק קראנק, אפגעשוואכט נעביך. פאר מיין אוועקגאנג אהער בין איך צו איהם אריין, איך האב געוועלט מען זאל מיך צו איהם צו-לאזען, זעהן וואס ער מאכט. מיין הארץ האט עפיס צו איהם געצויגען, ער איז א פיינער, בראווער יונגערמאן, זיין נאטשאלסטווא איז בעוואוסט וויא ער איז בשעת מלחמה געגאנגען אין פייער, שטארק בעהארצט און זיך געשלאגען וויא א לייב צוויא מאל האט ער אפגעשלאגען ביים שונא אונזער פענדעל און דערהאלטען דערמיט דעם כבוד פון זיין פאלק. ביים געזעגענען זיך מיט איהם האט ער מיר איבערגעגעבען דעם אדרעס פון זיין מוטער און מיט הייסע טרערען אויף דיא אויגען מיך געבעטען

באם עס וועט אוועקגעהן א היבשע צייט און פון איהם וועט נישט זיין קיין שום ידיעה, זאל איך מודיע זיין דער מוטער אלסדינג, וואס מיט איהם האט זיך פאסירט. לאז זיא בידנע נעביך חאטש וויסען, וואו איהר קינדס געביין זענין אהינגעקומען, לאז זיא חאטש וויסען וויא אמת געטרייא איהר זוהן האט ביז דער לעצטער מינוט זיא געליבט. יא, ער האט מיר נאך דערבייא מיטגעגעבען זיין פאטרעטיל וואס ער האט אויפגעייעט פאר דער מלחמה בייא א פאטהאגראף פון זיך אראפ־צונעהמען, מיט דער בקשה, איך זאל עס דער מוטער זיינער איבער־געבען. — אט האט איהר עס!" אך וועה איז דער מאמע! האט דיא יודענע נעביך צום סוף זיך צו־וויינט, אך וועה איז דער מאמע, וועה און וויי!

דיא רביצען האט אויף דער יודענע קוקענדיג זיך אויך צו־וויינט. אין שטיבעל איז געווארען א חשכות, אויף איטליכען איז אנגעפאלען א מרה שחורה. עס האט זיך געגלוסט עפיס וויינען. דער רב האט א היבשע צייט געשוויגען, מען האט געזעהן, אז ער געהט פשוט אויס פאר גרויס עגמת נפש, דערנאך האט ער אנגעהויבען מיט דיא טרויסטווערטער:

— געניג חלעבין אזוי צו־וויינען. גאט קען העלפען אייער קינד זאל נאך געזונט זיין! אודאי איז אייך נעביך נישט גוט, נאר וואס קען מען מאכען? מען בעדארף נאר נישט פארליהרען דעם בטחון. — זעהט איהר רבותי! האט דער רב זיך געווענדט צום עולם, דיא דאזיגע יודענע מיט אזא געבראכען געמיטה נעביך, דאס איז.....

"צדקה תציל ממות!" האט פלוצלים זיך געלאזט הערען פון דרויסען א משונה טרויערדיג קול. דער רב האט נישט אויסגעפיהרט זיינע רייד, זיך געלאזט געשווינד ארויסלויפען פונם שטיבעל און געבעטען אלע וואס זענין דא געוועזן, זייא זאלען איהם נאכגעהן.

אין דרויסען איז געוועזן זעהר א גרויסע עדה מענשען, ס'איז געוועזן אזוי איינג, א שפילקע אפילו נישט דורכצו־ווארפען, אז איך האב מיך צום לעצטען קוים מיט צרות דורכגעשטופט צווישען אזא עולם האב איך דערהערט דעם רב'ס קול, וויא ער זאגט עפיס שטעהענדיג לעבין דער מטה און בעט דיא שווארצחעוודיגע אומבעקאנטע יודענע אין דעם נאמען פונם מת, זיא זאל איהם מוחל זיין. דיא יודענע איז וויינענדיג צוגעפאלען מיט דעם קאפ צו דער מטה און אויסגעוויינט איהר שווער, ביטער הארץ.

— רבותי! האט דער רב זיך אנגערופען צו אונז־אלע, דיא

דאזיגע

דאזיגע יודענע מיט. אזא ביטער געמיטה נעביך, דאס איז יצחק אברהם'ס פריהערדיגע ווייב — גאלדע! . . .

כב.

צוריקקומענדיג צום בית-המדרש האב איך געטראפען מיין פערדיל נעביך אין זעהר א שלעכטער לאגע. ווייסע חברה, קונדסים, האבען איהם אויסגעריסען כמעט אלע סטרונעס, איבערגעלאזט איהם אפשר נאר אקעגען א פערציג. עסען האט ער געהאט מכות, ער איז געשטאנען מיט איין ארויפגעהאנגענע אונטערסטע ליפ געקוקט אין ביידעל אויף דיא ספרים און געטראכט. וואס א פערד טראכט קוקענדיג אין ספרים, דאס איז נישט פאר אונזער מוח צופארשטעהן, איך וויים נישט מעהר, מיינער קוקט און טראכט, לאז זיך זיין חאטש פערדיש, אבער אלץ א קוק איז דאך עס פארט . . . . נישט דאס בין איך אויסען. נוא, חכם מיינער! האב איך פריינדליך געזאגט און אנגענומען מיין שלימזלניק ביא דער טשאפרינע, דיר קומט היינט א סך האבער. דוא האסט טאקי געטאן א גרויסע חכמה, וואס דוא האסט מיך געפיהרט קיין גלופסק. דוא האסט מיט דיין חכמה געבראכט א גרויסען נוטצען אי מיר אי דער ליטעראטור. דוא ווייסט, פערד! וואס דוא האסט געטאן? וואס פאר א שיינעם חבור מיר איז אצינד בעשעהרט דער וועלט ארויסצוגעבען נאר צוא ליב דיר טאקי, צו ליב דיין מוח, וואס האט גראד א נעהם געטאן גלופסק? — פון היינט אן פיהר דוא מיך, חכם מיינער, איך לאז אפ דיא לייצען און לייג פאר דיר אוועק דיא בייטש!

אויף מארגען האב איך מיך גרייט געמאכט מיט אלע נייטיגע זאכען און בין אוועקגעפאהרען קיין צוויאטשיץ.

ארויספאהרענדיג פון גלופסק נישט ווייט פון דער ראגאדקע איז אונטערגעפאהרען א פאטשעט מיט דריא פערד וויא דיא לייבען. אין וועגעלע אין געזעסען א יודענע, וואס איך האב זיא באלד אויף דער רגע דערקענט. אז איך האב זיא א פרעג געגעבען: זייט-זשע מוחל גאלדע, זאגט וואהין איהר פאהרט? איז דיא פאטשעט ווי א פייל אויסען בויגען אוועקגעפלויגען און צו מיינע אויערען איז, צווישען דיא פארטרא-גענע קולות פונם גלעקיל, דערגאנגען נאר דאס איינציגע ווארט: קרים!

א היים אז איך בין געקומען, האב איך מיך דערוואוסט אין שטאדט, אז גוטמאן איז ארויסגעפאהרען פון צוויאטציין און מען ווייסט

נישט

נישט וואו ערגיץ ער געפינט זיך היינט. איך האב מיך געאיילט גיכער אפצודרוקען דעם דאזיגען ספר אונ בין דא מודיע, אז ווער פון אייך רבותי, וועט זיך בעגעגענען ערגיץ מיט הערן גוטמאן, אדער ווער פון אייך ווייסט וואו ערגיץ ער געפינט זיך, זאל ער מוחל זיין תיכף ומיד טאקי איהם צומעלדען, אז ער זאל למען השם ולמען השם וויא צום גיכסטען קומען קיין גלופסק. טאמיר האט ער נישט אויף הוצאות זאל ער חאטש פארזעטצען א משכון, נישקשה, אונ קומען, ווארים דער רב דארט קוקט אויף איהם ארויס, זייא זאלען ביידע איינפירען א בעריהמטע תלמוד-תורה מיט א בעל-מלאכהישער שקאלע, אקוראט וויא מען בעדארף אונ מתקן זיין דארט נאך א סך אנדערע גוטע זאכען.

ישראל בני רחמנים! האט רחמנות אונ טהוט עם צוליב ארעמע יודישע קינדער! . . . . .